STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03829

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָנאָלאָגען

אינהאלט

דאס טעפעל	7
גענו	27
א ווייסע כפרה	45
דער יום־טוב'דיגער ציטעס	55
א נגידישע פרעזשעניצע	65
איין עצה	71
ביי'ם דאקטאר	93
יוסף	105
חאבנע	135
ס'א ליגען!	153
דריי אלמנות	163
פון דער ריוויערא	213
גיטעל פורישקעוויטש	221
דאקטוירים	235
מיסטער גרין האט א דזשאב	243
א מעשה מיט א גרינהארן	251

דאָס טעפּעל

געשריבען אין יאָהר 1901

דאָס טעפּעל

— רבי! איך וויל אייך פרעגען א שאלה וויל איך אייך. איך ווייס נישט, צי קענט איהר מיך, צי קענט איהר מיך נישט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאָפּניטשקע. איך האנדעל מיט אייער האנדעל איך, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיגע קונה׳טעס האָב איך מיר, א צוויי־דריי הייזער, האַלטען זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבען געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרום איך זאָל נאָך דאַרפען צאָהלען פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער „המוציא". חאַפּ איך א דרייערעל חאַפּ איך, א מאָל דאָ, א מאָל דאָרטען, דאָ גענומען, דאָרט געגעבען, דאָרט געגעבען, דאָ גענומען — מע דרעהט זיך, משטיינס געזאָגט! אודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען, ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר אצינד לעבען — טע־טע־טע!... חאָטש אז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע צוריק, האָב איך קיין האָניג פאַר איהם נישט געלעקט, וואָרום קיין פאַרדיענער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער דאָך נישט געווען, נאָר געזעסען און גע־לערענט, געזעסען און געלערענט, און געהאָרעוועט האָב א י ך, און האָרעווען בין איך געוועהנט נאָך פון קינדווייז אויף, נאָך ביי מיין מאַמע עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסען, בתיה די לעכט־ציהערין, זי איז געווען א לעכטציהערין, פלעגט אויפקויפען חלב ביי די קצבים און ציהען לעכט, חלב׳ענע צעפּלעך, מע האָט נאָך נישט געוואוסט דעמאָלט פון קיין גאז און פון קיין לעמפּלעך מיט

גלעזלעך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט בײַ מיר אַ גלעזעל, און פאַר צוויי וואָכען אַ גלעזעל...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יונג געשטאָרבען... אַז מײַן משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבען, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעכּס און צוואַנציג יאָהר. הא? נאָך אַ מאָל: ווי אַזוי זעכּס און צוואַנציג? גייענציהן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָהר אַכט איז פאַרהאַן אַז ער איז געשטאָרבען, איז אינאיינעם נייענצעהן און אַכט — אפּנים, אַזוי גרויס ווי דריי און צוואַנציג. פאַר וואָס זשע איז בײַ מיר אויסגעקומען זעכּס און צוואַנציג? ווייל איך האָב פאַרגעסען די זיבען יאָהר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מעהר, ער איז געווען פון תּמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט איהם אוועקגעלעגט! ער פלעגט, נישט פאַר אײַך געדאַכט, שטענדיג הוסטען, דאָס הייסט, נישט שטענדיג, נאָר דעמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעגט ער זיך פאַרהוסטען, און אַז ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ס'איז בײַ איהם אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט, אַזעלכעס, וואָס אַז מע וויל הוסטען, הוסט מען, און אַז מע וויל ניט הוסטען, הוסט מען ניט. שטראָם־גראָם, מאַך מיר אַ האַרמידער! ציעגען זאָלען אַזוי וויסען אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי ווייסען, די דאָקטוירים הייסט דאָס, ווער ס'האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איהר רב אהרן דעם שוחט'ס יונגעל, יאָקעל הייסט ער, עס האָט איהם ווען געטהאָן אַ צאָהן האָט איהם וועה געטהאָן, האָט מען איהם געטהאָן אַלסדינג, געשפּראָכען און געשטאָכען, און געזעהן, אַז עס העלפט נישט. געהט ער, יאָקעל הייסט דאָס, און לעגט־אַריין אַ קנאָבעל אין אויהער אַריין, — מע זאָגט, אַז ס'איז אַ רפואה קנאָבעל צו צייהן־וועהטיג — האָט ער זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט, יאָקעל הייסט דאָס, און פונ'ם קנאָבעל זאָגט

ער נישט אויס. קומט דער דאָקטער און טאַפּט איהם בײַ'ם דופּק. וואָס טאַפּסט דו איהם בײַ'ם דופּק, דו נאַרישער לעקיש?... אודאי, מע זאָל איהם, יאָקלען הייסט דאָס, נישט געווען אָפּפיהרען קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט, ווייסט איהר וואו? דאָרטען, וואו די שוועסטער זיינע, פּערעל נעבאַך, וואָס איז אוועק־געגאַנגען פון אַ גוט אויג, ניט פאַר אייך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איין אַלמנה... איך בין געבליבען איין אַלמנה, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגע הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אויף די „קבצניוקעס", די אַנדערע פון לייזער דעם סטאָליר'ס דירה, אויב איהר ווייסט; נישט ווייט פון דער באָד. וועט איהר דאָך פרעגען, וואָס עפּיס אַ האַלבע שטוב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבע איז נישט מיינע; זי געהערט צו מיין שוואָגער געהערט זי, עזריאל הייסט ער, איהר קענט איהם, אַליין איז ער אַ וועסעלעקוטער, פון וועסעלעקוט, אַ שטעדטעל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדעלט ער מיט פיש, און פאַרדיענט, קיין עין־הרע, זעהר שען, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס. פרעג איך איהם: „וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל"... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש..." „טפו זאָלסט דו ווערען! — זאָג איך צו איהם. — געה טענה מיט אַ גראָבען יונג"...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען ר? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איין איינענע דירה... אודאי איז גלייכער איין ווינקעלע איין אייגענס, איידער שלעפּען זיך אין שכנות. ווי זאָגט איהר: „מיינס איז נישט יענעמס!”... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מיין האַלבע שטוב, אַ שטיקעל נחלה, נישט צו פאַר־זינדיגען. נאָר איך בעט אייך, צו וואָס באַדאַרף איין אַלמנה, משטיינס געזאָגט, מיט איין־און־איינציג קינד אַ גאַנצע האַלבע שטוב? פאַרהאַן וואו דעם קאָפּ אַנידערלעגען — גענוג! ובפרט, אַז מע באַדאַרף זי דעקען, די שטוב, זי שטעהט שוין היבשע עטליכע יאָהר נישט געדעקט שטעהט זי; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מיינער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקען!... „צייט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקען!” „נו, זאָג איך, למאי זשע דעקט מען זי נישט?” זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקען”... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקען”... דעקען־דעקען, דעקען־דעקען — און דערביי בלייבט דאָס. וואָרום אויף דעקען באַדאַרף מען שטרוי, פון שינדעל שמועסט מען נישט, וואו האָב איך אויף שינדעל? פאַר־דינג איך צוויי חדרים פאַרדינג איך. אין איין חדר'על זיצט ביי מיר חיים־חנה דער טויבער, איין אַלטער מאַן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאָהלען מיר פאַר איהם פינף גילדען אַ וואָך דירה־געלט, און עסען עסט ער ביי זיי, אַ טאָג איבער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מכות. אַזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבער. און אפשר איז דאָס אַ ליגען אפשר? אַלטע לייט האָבען ליעב וואָר־טשען; וויפיעל מע גיט זיי, איז ווינציג, וואו מע ז זיי, איז שלעכט, און וואו מע לעגט זיי, איז האַרט...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שכנים... קיין גוטער איד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז אַ טויבער, חאָטש אַ שטי־לער שכן, ווי זאָגט איהר: מע הערט איהם נישט און מע זעהט איהם נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָהר ג אַגען, איך

זאָל דעם אַנדערען חדר פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסי הייסט
זי. זי האַלט אַ קלייטעל פון מעהל האַלט זי. אַ גוטע שטוקע!...
תּחילת, איהר זאָלט זעהען, איז זי געווען ווייך, ווי אַ האָניגטייגעל,
קוצעניו־מוצעניו, נשמה׳ניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט
מיר יענעס... וואָס באַדאַרף זי דען, משטיינס געזאָגט? אַ שטיקעל
אויווען אויף צושטעלען דאָס טעפּעל, איין עק בענקעל אויף אויס־
זאַלצען דאָס שטיקעל פלייש איין מאָל אין וואָך, און אַ ברעג
טישעל אויף אויסקאַטשען אַ בלעטעל לאָקשען איין מאָל אין אַ
יובל... „און די קינדער, זאָג איך, וואו וועט איהר אַהינטהון די
קינדער אייערע וואו? איהר האָט דאָך, גנעסי, זאָלען געזונט זיין,
קליינע קינדער האָט איהר דאָך!”... „וויים איך, זאָגט זי, וואָס
איהר רעדט, יענטע־לעבען! איהר ווייסט דען, וואָס דאָס איז
פאַר קינדער? בעריליאַנטען, נישט קיין קינדער! זומער־לעבען
וואַלגערען זיי זיך אין דרויסען אַ גאַנצען טאָג, און ווינטער פאַר־
קלויבט מען זיך אויפ׳ן אויוועז, ווי די שעפּעלעך, און מע הערט
נישט פון זיי קיין פּיפּס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דאַרפען, קיין
עין־הרע, אַ סך, האָבען ליעב קייען, פּיקערס, קיין עין־הרע”...
נו־נו! אודאי האָב איך מיר געקויפט איין אומגליק אויף מיינע
שונאים׳ס קעפּ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבער־
געוואַשענע, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד, אַ שטיקעל
ברויט איז פאַר זיי נישט אויפצועסען! טאָג ווי נאַכט איז ביי
זיי הו־האַ! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרג׳עט זיך און
מע שלאָגט זיך — אַ גיהנם! וואָס זאָג איך אַ גיהנם? דער גיהנם,
זאָג איך צייך, איז גאָלד!... נאָר מיינט נישט, אַז איהר זענט
פּאַרטיג. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, וואָרום אַ קינד
קאָן מען איינשטילען: אַ זעץ, אַ פּאַטש, אַ קניפּ — פּאַרט אַ קינד!
האָט איהר גאָט געגעבען אַ מאַן, עוזר הייסט ער; איהר מוזט
איהם קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערע ... ן קלייזעל,
נעבאַך אַ כשר׳ער איד, און, דאַכט זיך, גאָר נישט אַזאַ גרויסער נאַר
אויך; זאָלט איהר הערען, ווי זי באַגראָבט איהם, גנעסי הייסט

דאָס: עוזר, אַהין! עוזר, אַהער! עוזר, דאָס! עוזר, יענעם! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אָדער ער זאָגט־אָפּ אַ ווערטעל (ער איז נאָך אַ ווערטעלזאָגער צו די צרות), אָדער ער רוקט־אָן דאָס היטעל און גערט אַוועק... ס'איז נאָר, זאָג איך אייך, אַ הצלחה און געגוג!...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פאַר־רעכענען פאַר קיין לשון־הרע; איך דאַרף אויף איהר, וואָס איז שייך, קיין שלעכטס נישט רעדען. וואָס האָב איך צו איהר? זי איז אַ אידינע, וואָס האָט ליעב געבען איין אָרעמאַן אַ שטיקעל ברויט. נאָר דער גוטער יאָהר זאָל זי וויסען: אַז עס קומט איהר אָן די מאַנקאָליע — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ס'איז אַ בזיון צו דערצעהלען: קיין אַנדערען וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר ביי אייך, ווייס איך, וועט דאָס זיין אַ סוד... ששש... זי פּאַטשט איהם אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אַז קיינער זעהט נישט... „אַי, זאָג איך צו איהר, גנעסי, גנעסי! ווי האָט איהר קיין מורא נישט פאַר גאָט? פאַר גאָט ווי האָט איהר קיין מורא נישט?"... זאָגט זי: „ס'איז נישט אייער באַבע'ס דאגה"... זאָג איך: „אַ שענע ריינע כפּרה"... זאָגט זי: „לאָ, דער זיין די כפּרה, ווער עס קוקט אריין אין יענעמ'ס טעפּעל"... זאָג איך: „לאָז דעם ארויס די אויגען, ווער עס האָט קיין בעסערס נישט גע־זעהען"... זאָגט זי: „לאָז דעם פּאַרלעגען, ווער עס הערט זיך צו"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ פּיסקאַטע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איך האָב ליעב ריין... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב טאַקי ליעב, ס'זאָל זיין ריין אין איטליכס ווינקעלע. וואָס קומט מיר דערפאַר? קאָן זי אפשר נישט ליידען, גנעסי הייסט דאָס, למאי ביי מיר איז ריין, ביי מיר איז שען, ביי מיר איז ציכטיג, ביי מיר איז ליכטיג. און ביי איהר? איהר

זאָלט זעהען — תּמיד חושך, שטענדיג פינסטער, פאַרטיאָפּעט און פאַרשליאָפּעט ביז'ן האַלז, די פּאָמוניצע פול ווי איין אויג — טפו !... קומט דער פריהמאָרגען — איז הימעל עפּען זיך ! ס'איז דען קינדער ? שדים, נישט קיין קינדער ! פּונקט ווי מיין דוד'על, להבדיל באלף הבדלות ! וואָרום מיין דוד'על זאָל געזונט זיין איז דאָך אַ גאַנצען טאָג אין חדר איז ער, און קומט ביינאַכט, נעמט ער זיך צו דער אַרבייט : אָדער ער דאַווענט, אָדער ער לערענט, אָדער ער קוקט אַזוי אַריין אין אַ ספר קוקט ער. און איהרע קינדערלעך — גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד ! אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט... איהר פאַרשטעהט ? בין איך שולדיג, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַזאַ חאַליאַסטרע פון סאַוואָולעס און פון גאַנצעס, און מיר האָט ער געשענקט אַזאַ מתּנה, אַ שטיק גאָלד, אַ בעריליאַנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַר־שטעהרט ווערען, רבונו־של־עולם, וואָרום ער קאָסט מיך גענוג טרערען קאָסט ער מיך ! קוקט נישט, וואָס איך בין אַ אידינע ! אַ מאַנסביל אויף מיין אָרט וואָלט דאָס געוויס נישט איבערגע־טראָגען ! עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין. פאַרהאַן מאַנס־בילען אַזעלכע, וואָס זענען טויזענט מאָל ערגער פון ווייבער זענען זיי ; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּיס אַ זאַך, ווייסען זיי נישט, וואו זיי זענען אין דער וועלט... וואָס דאַרפט איהר אַ סך ראיות ? אָט נעמט, למשל, יאָסי משה־אַברהמ'ס : כּל־זמן פרומע־נעחע האָט איהם געלעבט, האָט ער זיך געהאַלטען, און אַז זי איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבען, האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פיס און לייב און לעבען... „רב יאָסי, זאָג איך צו איהם, גאָט איז מיט אייך ! מילא, אַז סע שטאַרבט אַ ווייב, וואָס זאָל מען טהון ? ס'איז אַ גאָט'ס זאַך !"... ה' לקח ה' נתן, ווי אַזוי שטעהט דאָרטען געשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים ? אייך באַדאַרף מען נישט דערצעהלען, מסתמא ווייסט איהר בעסער...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד ? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט : אַ בן־יחיד... ער איז ביי מיר איין־און־

איינציגער, ווי זאָגט איהר: איין אויג אין קאָפּ, דוד׳על הייסט עס. איהר קענט איהם נישט? ער הייסט נאָך מיין שוועהר דוד־הערש הייסט ער. איהר זאָלט איהם זעהן — אינגאַנצען דער פּאָטער, איהם צו לענגערע יאָהר, אינגאַנצען משה־בּנציון, אפילו די וואונס די אייגענע, און דאָס פּנים — ווי בּיי איהם, עליו השלום: געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און בּיינער, און שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבּאַך פונ׳ם חדר, פון דער גמרא... „אָבּער געגוג דיר, זאָג איך צו איהם, גענוג דיר, זוהנעניו, רוה זיך אָפּ א בּיסעל, זעה וואָס פּאַר א פּנים דו האָסט, נעם עפּיס אין מויל אַריין, זאָג איך, עס עפּיס, טרינק עפּיס, נאַ דיר א גלעזעל ציקאָריע נאַ דיר!“... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בּעסער אליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבּער׳ן כּח. איך וואָלט דיר בּעסער געהאָלפען, זאָגט ער, טראָגען דעם קאָשעק פונ׳ם מארק“... „ס׳א משל! — זאָג איך. — וואָס רעדסט דו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגען קאָשעקעס? ניט דערלעבּען ווען דאָס מיינע שונאים, איך האָבּ גענוג שונאים! דו בּאַדאַרפסט, זאָג איך, לערנען, זיצען און לערנען!“... און בּשעת מעשה קוק איך אויף איהם, אויף מיין דוד׳לען הייסט דאָס, — אינגאַנצען ער, עליו־השלום, אפילו מיט׳ן הוסט, פאַרפינסטערט און פאַרוויסט בּין איך געוואָרען! יעדער הוסט, וואָס ער טהוט, רייסט מיר אויס א שטיק האַרץ! וואָרום איידער איך האָבּ איהם דערלעבּט צו זעהען א שטיקעל מענטש, זענען מיר גוט די אויגען אַרויסגע־קראָכען! אַז בּסך־הכּל, דאַרפט איהר וויסען, האָט זיך גאָר קיינעם נישט גע׳לויבּט, אַז דאָס קינד זאָל בּלייבּען לעבּען זאָל דאָס, וואָרום וואו ערגיץ א שלאַק, א צרה, א חולאת — איז דאָס געוועזן בּיי איהם: טאָמער ווילט איהר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקען — איז פּאָקען, און דיפטעריטען, און שקאַרלאַטינעס, און זאַוועלקעס, און זוּבּיטשעס, און וואָס ניט?... די נעכט, וואָס איך בּין אויס־געזעסען איבּער איהם, זאָל מיר גאָט ניט רעכענען; אפנים, אַז די טרערען מיינע, און א בּיסעל טאַקי זכות־אָבות האָבּען זיך אריינ־

געמישט, און איך האָב קוים־קוים דערלעבט די בר־מצוה זיינע! מיינט איהר דאָך, אז ס׳איז איין עק? הערט זשע אויס איין אנטיק: באַדאַרף ער ניט געהן איינמאָל ביינאַכט, ווינטער איז דאָס געווען, פונ׳ם חדר, און באַגעגענען עפּיס איינעם אנגעטהאָן אין גאַלע ווייסען און פּאַטשען מיט ביידע הענט?... אודאי האָט זיך נעבאַך דאָס קינד איבערגעשראָקען אויף טוידט און איז אנידערגעפאַלען חלשות אויפ׳ן שניי, און מע האָט איהם געבראַכט אהיים א טוידטען האָט מען איהם געבראַכט, קוים־קוים אָפּגעמינטערט; און אז מע האָט איהם אָפּגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אנידערגעלעגט, א וועהטיג איז דער מאַמע זייגער, און איז אָפּגעלעגען אין א העליש פייער אזוי גרויס אזוי קליין, ווי זעכס וואָכען!... ווי אזוי איך האָב איבערגעלעבט אָט דאָס שטיקעל צייט — איז טאַקי נאָר א נס מן השמים! וואָס האָב איך דעמאָלט נישט איבערגעטהאָן? געגעבען נדרים, פאַרקויפט איהם און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט איהם נאָך א נאָמען (חיים־דוד־הערש), און טרערען — טרערען, ווער רעדט פון טרערען? „גאָטעניו, האָב איך גע׳טענה׳ט צום רבונו־של־עולם, ווילסט מיך שטראָפען? שטראָף מיך מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מיין קינד זאָלסט דו ביי מיר ניט צונעמען זאָלסט דו ניט!”... און אז גאָט האָט מיר געשענקט די מתנה, ער איז געזונט געוואָרען, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קאָן דיר אָפּגעבען א גרוס פונ׳ם טאַטען. דער טאַטע איז ביי מיר געווען צו־גאַסט”... דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר שיער די נשמה ארויס, און דאָס הארץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיהען, זאָג איך. א סימן, אז דו וועסט, אם ירצה השם, לאַנג לעבען און זיין געזונט”... אזוי זאָג איך איהם, און דאָס הארץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָטשפּעט, אין א צייט ארום, ווער איך געוואָהר, אז דער, וואָס איז געווען אנגעטהאָן אין ווייסען און געפּאַטשט מיט די הענט, ווייסט איהר, ווער דאָס איז געווען? אנו, טרעפט, רבי, איהר זענט דאָך א חכם! — רב ליפּא איז דאָס געווען, ליפּא דער וואַסערפיהרער!

ער האָט זיך יענעם טאָג, פאַרשטעהט איהר מיך, געקויפט א נייעם פעלץ א ווייסען, און מחמת דער פראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוויאָלט א ביסעל דערווארעמען, האָט ער געפּאַטשט א האַנט אָן א האַנט — מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! האָט איהר געהערט צו השגה, א איד זאָל זיך אָנטהון אין א ווייסען פעלץ גאָר אין מיטען דרינען?...

— יאָ, אָקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אָקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער עיקר. אזוי זאָגט דער דאָקטער אונזערער און הייסט מיר, איך זאָל איהם פאָלגעוועו זאָל איך איהם, קאָכען יאַיכלעך, אַלע טאָג א יאַיכעל, זאָגט ער, חאָטש פון א פערטעל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען, האָדעווען איזום, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פוטער און מיט טשעקאָלאַד, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען... א שעיער משל — אויב איך קאָן אויספיהרען? אפנים, ס'איז דען פאַרהאַן איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פון דוד'על'ס וועגען ניט קאָנען אויספיהרען? ס'איז עפּים א תירוץ? און אז מע זאָל מיר זאָגען, אשטייגער, כדומה למשל: געה, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואסער, קנעט לעהם, באַ'גנב'ע א קלויסטער, אַבי פון דוד'על'ס וועגען — איז אפילו אין מיטען האַלבע נאַכט אינ'ם גרעסטען פראָסט! אָט האָט זיך איהם פאַרוואָלט היינטיגען זומער ביכלעך אזעלכע, ספרים מסתמא, וואָס איך האָב זיי ניט, און מחמת איך געה־אריין אין די גרעסטע הייזער געה איך, האָט ער מיך געבעטען, טאָמער קאָן איך איהם קריגען די דאָזיגע ביכלעך, צי די ספרים, און האָט מיר פאַרשריבען אויף פּאַפּיער האָט ער מיר. קום איך צו געהן און באַוויז דאָס פּאַפּיער און בעט ביי זיי די ביכלעך, צי די ספרים, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. לאַכען זיי פון מיר: „צו וואָס טויג אייך, יענטע, אזעלכע ביכער? איהר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די גענז מיט די קאַטשקעס?"...

„לאַכט, לאַכט, טראַכט איך מיר, אַבי מיין דוד'על וועט האָבען אין וואָס אריינצוקוקען וועט ער האָבען"... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט

קוקט ער אריין אין די דאָזיגע ביכלעך, צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאָל איהם ברענגען נאָך און נאָך. וועל איך איהם זשאַלעווען? טראָג איך אָפּ די און נעם נאָך... קומט צו געהן אַ חכם אַ דאָקטער און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספיהרען פון זיינטוועגען אַלע טאָג אַ יאַיכעל האָטש פון אַ פערטעל עוף? און פון דריי פערטעל עוף, אַז מע באַדאַרף, וועל איך קוקען אויף דרך־ארץ? פון וואַנען נעמען זיך, פרעג איך אייך, אַזעלכע דאָקטוירים אויף דער וועלט? וואו וואַכסען זיי אוים? אויף וועלכע הויוען ראָשטשינעט מען זיי און אויף וואָסער אויווען באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יאַיכלעך... שטעל איך איהם צו אַלע טאָג אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף, און פאַרנאַכט, אַז ער קומט צו געהן פונ׳ם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אוועק אַקעגען מיט איין אַרבייט אין דער האַנט און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל איהם מאָרגען, אם־ירצה־השם, ווידער קאָנען צושטעלען אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף... „מאַמע, זאָגט ער מיר, פאַר וואָס עסט דו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָב שוין אָפּגעגעסען"... „וואָס האָסט דו געגעסען?" זאָגט ער. „וואָס איך האָב געגעסען, זאָג איך, האָב איך געגעסען, אַבי איך האָב שוין געגעסען. עס געזונט!" און אַז ער לערענט־אָפּ די ביכלעך, צי די ספרים, נעם איך ערשט דעמאָלט אַרוים פונ׳ם אויווען אַ פּאָר געבאַקענע קאַרטאָפעל נעם איך, אָדער איך רייב אָן אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלע רייב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אייך בנאמנות, איך זאָל אַזוי דער־לעבען אָן איהם נחת מיט אַלדאָס גוטס, אַז איך האָב הנאה פון דער דאָזיגער ציבעלע אַ סך מעהר, ווי פון דעם שענסטען געבראָ־טענס, ווי פון דער בעסטער יויך, וואָרום איך דערמאָן מיך, אַז דוד׳על האָט, קיין עין־הרע, געגעסען אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף, און, אם־ירצה־השם, אויף מאָרגען איז ווידער פאַרהאַן אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף!... איין שטיקעל חסרון נאָר — אָט דאָס

הוסטען, וואָס ער הוסט נעבעך אַלע מאָל: קאַחי־קאַחי! קאַחי־קאַחי!... איך בעט דעם דאָקטער בעט איך, ער זאָל איהם עפּיס געבען צום הוסט. זאָגט ער: „וויפיעל איז אַלט געווען דער מאַן מיינער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטאָרבען, און פון וואָס איז ער געשטאָרבען?“... „פּונ'ם טוידט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבען, פּונ'ם טוידט. ס'איז איהם אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָהרען, איז ער געשטאָרבען... וואָס איז דאָס פאַר אַ משל אַהערצוצו?“... „איך באַדאַרף דאָס וויסען, זאָגט ער, איך האָב באַטראַכט אייער זוהן, איהר האָט אַ וואוילען זוהן, אַ געראָטענעם“... „אַ שענעם דאַנק אייך, זאָג איך, דאָס ווייס איך אַליין. איהר גיט מיר בעסער אַ רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפהערען הוסטען זאָל ער מיר“... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איהר דאַרפט נאָר, זאָגט ער, אַכטונג געבען, ער זאָל ווינציגער לערנען“... „וואָס דען, זאָג איך, זאָל ער טהון?“ „ער זאָל עסען אַ סך, זאָגט ער, און געהן שפּאַצירען אַלע טאָג, און דער עיקר — נישט זיצען בײַנאַכט איבער די ביכער: אויב עס איז איהם באַשערט, זאָגט ער, זיין אַמאָל אַ דאָקטער, וועט ער נישט אַנטלויפען. ער זאָל ער מיט עטליכע יאָהר“... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! עפּיס רעדט ער נישט צו דער זאַך, טאַקי נאָך ווי אַ דולער רעדט ער! וואָס הייסט, מיין דוד'על וועט זיין אַ דאָקטער גאָר? פאַר וואָס זאָל ער בעסער ניט זיין קיין גובערנאַטאָר פאַר וואָס?“... קום איך צו געהן אַהיים און דערצעהל דאָס מיין דוד'לען דערצעהל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט דו וואָס, מאַמע? געה נישט מעהר צום דאָקטער און רעד נישט מיט איהם“... „איך וויל שוין אַפילו, זאָג איך, זיין פּנים ניט אָנקוקען! איך זעה דען ניט, אַז ער איז אַ חושים?“... אַ דאָקטער זאָל דיר האָבען אַ מאָדנע טבע, ליעב האָבען זיך אַריינלאָזען אין אַזעלכע דרכים, גאָר אויספרעגען בײַם חולה: פון וואָס ער לעבט, און ווי אַזוי ער לעבט, און וואו נעמט ער אויף צו לעבען?... וואָס

געהט דאָס דיך אָן ? מע שענקט דיר א האלב קערבעל ? — נעם און פארשרייב א רעצעפּט !...

— יאָ, אקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד ? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט : מען איז כּסדר פארטאָרעראַמט אודאי איז מען פארטאָרעראַמט און מע שלאָפט אין שלייג, אז מע האָט א קאָשעק מיט אייער, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאטשקעס, און עטליכע נגידית'טעס אויף זיך, וואָס איטליכע וויל פריהער, האָט מורא, טאָמער האָט יענע אויסגעקליבען די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופות. ווען האָב איך צייט, זאָגט שוין איהר אליין, קאָכען יאיבלעך, אז איך בין קיינמאָל ניטאָ אין דער היים ? נאָר א איד א למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך איין עצה : גאנץ פריה, איידער איך קלויב מיך ארויס אין מארק, הייץ איך איין אין אויווען הייץ איך, נאָכדעם חאַפּ איך מיר אראָפּ אויף א מינוט און זאַלץ־אויס דאָס פּערטעל עוף זאַלץ איך, און געה אויף דער ארבייט, און חאַפּ מיך ווידער אראָפּ און גיס־אָפּ דאָס פליישׁ ניט איך, און שטעל־צו דאָס טעפּעל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסין הייסט דאָס, זי זאָל אכטונג געבען אויפ'ן טעפּעל זאָל זי, דאָס הייסט, אז דאָס טעפּעל ווערט פארזידען, זאָל זי דאָס צודעקען מיט דער פּאָקרישקע און פארשאַרען מיט אש — א גרויסע ארבייט, משטיינס געזאָגט ! וויפיעל מאָל מאַכט זיך, אז איך קאָך אָפּ פון איהרעטוועגען א גאנצע וועטשערע ? מען איז דאָך עפּיס אידען, וועה איז מיר, מע זיצט דאָך צווישען מענטשען, ניט אין קיין וואַלד זיצט מען !... און שפּעטער, אויפדערנאַכט, אז איך קום אהיים פון דער ארבייט, צעבלאָז איך ערשט א פייער צעבלאָז איך, און ווארעם־אָן דאָס טעפּעל, און ער עסט א פריש יאיכעל עסט ער... וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, איאָ ? איז דאָך אָבער מיין שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מחילה א גרויסע... איך וויל ניט זאָגען וואָס... איז זי זיך מיישב היינט אין דער פריה און שטעלט זיך אוועק קאָכען פון איהרע קינדער'ס וועגען א מילכיגען אָנבייסען — חאַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פאַר

מאכל באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּיס פלוצים אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע אידינע אָט די מיטניטשקע! ביי איהר איז אָדער גאָר, אָדער גאָרניט. דריי טאָג קאָן אַוועקגעהן, זאָל זי ניט צעלעגען קיין פייער אין אויווען, און פּלוצים קומט איהר אָן — זאָל זי נעמען אָנבויטען אַ גאַנצע פּאַמוניצע, פּלומרשט אַ הירזשענעם קאַוליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע באַדאַרף אָנטהון אַ פּאָר ברילען, מע זאָל דאָרטען דערזעהען אַ הירזשעלע, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּיש־קאַרטאָפלים, וואָס די ציבעלעס לאָזען זיך הערען פאר אַ מייל און פונ'ם פעפער, וואָס זי האָט אָנגעפעפערט, געהען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ מעת־לעת, האַלטען אָפען די מיילער און האַקען: הוא־הוא!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מיינע און פאַרקאַלאַטשעט באַלאַבעשקעס פון רעטשענע מעהל און שטעלט־צו אַ קריגעל מיט מילך שטעלט זי אין אויווען, סע זאָל אויפזידען, און צווישען די קינדער איהרע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהען קיין ביסעל מילך, אפּנים. מאָהלט אייך, נישט מעהר זאָלען אונזערע שונאים פאַרמאָגען, וויפיעל דאָרט איז געווען מילך! אפשר צוויי לעפעל, דאָס איבעריגע וואַסער. נאָר ביי אַזעלכע קבצנים, משטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערוויייל טראָגט־אָן דער גוטער יאָהר דעם שמש. עס ווייזט אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קלייזעל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי איהם קאָכט זיך אַ נגיד'ישער אָנבייסען קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פליהען מיט אַ ווערטעל, ווי דער שטייגער זיינער: „אַ גוט יום־טוב!“... „אַ וויסטער, אַ פינסטערער גוט יום־טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פריה?“... „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פאַרשפּעטיג איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויווען?“... „קדחת, זאָגט זי, פון דיינעטוועגען אין אַ קליין טעפּעלע“... „פאַר

וואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסען טאָפּ, וואָלט שוין געווען פאַר אונז ביידען?"... „אה, פאַרחאַפּט זאָלסט דו ווערען מיט דיינע ווערטלעך!" — זאָגט זי אָנגעצונדען, און נעמט דעם ראַהעטש און טהוט אַ חאַפּ דאָס קריגעל. טהוט זיך דאָס קריגעל אַ קעהר־איבער, און די מילך — פליוך איבער'ן גאַנצען אויווען!... אַ גוואלד, אַ רעש, אַ געפּילדער! גנעסי שעלט דעם מאַן מיט טוידטע קללות; זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגען באַצייטענס. און די קינדער נעבאַך זענען אַראָפּ פון'ם אויפ'ן־אויווען און האָבען געמאַכט אַ געוויין מיט אַ געשריי, גלייך ווי מע האָט זיי אָפּגעקוילעט טאַטע־מאַמע... „אַ כפּרה, זאָג איך, אייערע באַלאַבעשקעס מיט מילך — מיין דוד'על'ס יאַיכעל, האָב איך מורא, איז יאָ פאַרפאַלען, און דאָס טעפּעל מיינס איז חלילה טרפה געוואָרען!"... „חאַפּט דער רוח דאָס יאַיכעל אייערס מיט'ן טעפּעל, זאָגט גנעסי, מיינע באַלאַבעשקעס מיט מילך זענען אפשר ביי מיר אזוי טייער, ווי אייערע אַלע טעפּלעך מיט אַלע אייערע יאַיכלעך, וואָס איהר קאָכט פון אייער קדיש וועגען!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָג איך, זיין זאָלט איהר אַלע די כפּרה פאַר מיין דוד'על'ס מינדסטען נאָגעל פון'ם קלענסטען פינגערעל!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָגט זי, זיין זאָל דוד'על די כפּרה פאַר אונז אַלעמען, ער איז איינער!"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ הולטאַיקע? איז זי ניט ווערטה געווען, מע זאָל איהר צעפּאַטשען די פּיסקעס מיט אַ נאַסער האַנטשירקע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: פון מילכיגס מיט פליישיגס אין איין אויווען קאָן קיין גוטס ניט אַרויס... האָט זיך דאָס קריגעל, הייסט דאָס, געשטעלט פאַפּעריק, און די מילך — הויז איבער'ן גאַנצען אויווען. האָב איך מורא, טאָמער, חלילה, האָט זיך דאָס אָנגעריהרט אָן מיין יויך־טעפּעל, בין איך אַ פאַרפאַלענע בין איך! חנ׳יש אפילו, צוריק שמועסענדיג, ווי קומט די מילך צו מיין רעבעל, אַז מיין טעפּעל איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַש העט־העט אין אַ ווינקעלע? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קאָן ערב זיין?

אַ קשיא אויף אַ מעשה! מיין פינסטער מזל! טאָמער?... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת וועל איך אייך: מילא, דאָס יאַיכעל ווי דאָס יאַיכעל; עס טהוט מיר אודאי הארצעדיג באַנג, וואָס וועט ער נעבאָך עסען, דוד'על? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּיס צוטראַכטען פון זיינעטוועגען מסתמא; איך האָב נעכטען געבראַכט גענז פון דער שחיטה, געמאַכט אָבדירקעס אויף צו פאַר־קויפען, איז מיר פאַרבליבען אַ ביסעל דרויב אויף שבת: קעפּלעך, קישקעלעך, דאָס, יענעס — מע קאָן שוין עפּיס מאַכען דערפון! איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּעל האָב איך נישט. איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איהר מיר טרפה דאָס טעפּעל, בין איך געבליבען אָהן אַ טעפּעל, און אָהן אַ טעפּעל בין איך ווי אָהן אַ האַנט בין איך, וואָרום איך האָב איינגאַנצען איין טעפּעל. דאָס הייסט, האָבען האָב איך געהאַט דריי טעפּלעך פליישיגע, האָט ביי מיר גנעסי, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי אייך ניט שטעהן, איינ־מאָל אַנטליהען אַ טעפּעל, אַ שפּאָגעל־נייע טעפּעל, און געהט און ניט מיר אָפּ אַ שטשערבאַטע טעפּעל. זאָג איך צו איהר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טעפּעל?"... זאָגט זי: „ס'איז אייער טעפּעל"... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבאַטע טעפּעל, אַז איהר האָט ביי מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּעל?"... זאָגט זי: „שאַט, שרייט ניט אַזוי, מע ווערט פון אייך ניט גליקליך! ערשטענס, האָב איך אייך אָפּגעגעבען אַ גאַנץ טעפּעל; צווייטענס, אַז איך האָב ביי אייך גענומען דאָס טעפּעל, איז דאָס געווען איין אָנגעשטשערבעט טעפּעל; און דריטענס, האָב איך ביי אייך קיינמאָל ניט גענומען קיין טעפּעל, איך האָב מיר מיין טעפּעל, און טשעפּעט זיך אָפּ פון מיין לעבען!"... אַ הולטאַיקע קאָן!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אַז טעפּלעך אין בעל־הבתישקייט איז קיינ־מאָל נישט צו פיעל... בין איך, הייסט דאָס, ווי איהר זעהט, גע־בליבען ביי צוויי טעפּלעך גאַנצע טעפּלעך און איין טעפּעל אַ שטשערבאַטע טעפּעל, דאָס הייסט, צוויי טעפּלעך... נאָר ווי טאָר

איין אָרעמאַן האָבען צוויי טעפּלעך? באַדאַרף זיך מסתמא טרעפען אַזוי, אַז איך קום איינמאָל צו געהן פונ׳ם מאַרק מיט די עופות קום איך, בינדט זיך אָפּ איין עוף און דערשרעקט זיך פאַר דער קאַץ... וועט איהר פרעגען: ווי קומט אהער אַ קאַץ? אַלץ זי מיט איהרע קדישים! דערטאַפּען זיי ערגיץ אַ קעצעל, מוטשען זיי דאָס אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַרמוטשען דאָס. „אַ צער בעלי־חיים! — טענה׳ט מיט זיי מיין דוד׳על. — אַ לעבעדיגע זאַך!״... נאָר גאָר רעד מיט אַזעלכע היצלעס, לעדיגגעהערס, פּוסטעפּאַסניקעס!... בקיצור, זיי האָבען עפּיס אָנגעהאַנגען דער קאַץ אויפ׳ן שפּיץ וויידעל, האָט זי אָנגעהויבען שפּרינגען, מאַכען אָנשטעלען, האָט זיך דאָס עוף דערשראָקען און איז אַרויפגעפלויגען גלייך אויף דער אויבערשטער פּאָליצע — און טראַך אַ טעפּעל אין דער ערד אריין! איהר מיינט אפשר — דאָס שטשערבאַטע טעפּעל? אודאי־יאָ, ס׳פאַרשטעהט זיך! אַז ברעכען, וועט זיך ברעכען אַ גאַנץ טעפּעל! דאָס איז שוין תמיד אַזוי, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט!... איך האָב געוואָלט וויסען האָב איך געוואָלט, פאַר וואָס איז דאָס, למשל: צוויי מענטשען געהען, דער געהט און דער געהט; איינער איז אַ בן־יחיד, איין־און־איינציגער, אַ ציטעריגער ביי דער מאַמען, און דער אַנדערער איז...... רבינו! גאָט איז מיט אייך! וואָס איז אייך אַזעלכס?... רביצין! רביצין! וואו זענט איהר ערגיץ?... אַהערצו געהט! גיכערט! דער רב איז עפּיס נישט מיט אַלעמען! ניט גוט געוואָרען... אַפּנים, אויף צו חלש׳ען!... וואַסער! וואַסער!...

ג ע נ ז

אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידינע, וואָס הייסט בתיה, קוילעט גענז הגובה און פּרעגעלט שמאַלץ אויף פסח

געשריבען אין יאהר 1902

גענז

— פאראיאהרען חנוכה האב איך, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר מיר געדאכט, נישט פאר קיין שום אידען געדאכט, געהאט איין אומגליק מיט א גליק אינאיינעם. איהר מעגט דאס הארבען; אזא מעשה טרעפט זיך איין מאל אין טויזענט יאהר! איך האנדעל מיט גענז האנדעל איך און מיט פסח'יגער שמאלץ שוין עטליכע און צוואנציג יאהר — האט זיך מיר, הערט איהר, אזא מעשה נאך נישט געטראפען.

איך האנדעל מיט גענז... איהר מיינט, אט אזוי נעמט מען דאס און מע האנדעלט? ראשית חכמה, הויבט זיך אן אזוי: קומט אסיען־צייט, ארום נאך־סוכות, הויבט מען אן איינקויפען גענז, און פארווארפען די גענז אויפ'ן ווינטער אין שטייג אריין, און האדעווען די גענז, און אכטונג געבען אויף די גענז; און קומט חנוכה, הויבט מען אן די גענז קוילען און מאכען פון גענז געלט. נאר איהר מיינט, אז אט אזוי גרינג קויפט מען גענז, און מע פאר־ווארפט גענז, און מע קוילעט גענז, און מע מאכט פון גענז געלט? ערשטענס, דאס קויפען גענז. קויפען גענז דארף מען האבען מיט וואס. קיין לאגער־געלט, קיין קאפיטאלען אייגענע, הייסט עס, איז דאך נישטא. מוז מען לייהען, אנקומען צו רב אלטערען. און רב אלטערען קענט איהר דאך — ס'איז א איד, וואס האט ליעב אויסקאכען דאס וואסער. דאס הייסט, אפזאגען זאגט ער נישט אפ, נאר ער הייסט קומען מארגען, מארגען — איבערמארגען, נעמט

ארויס די נשמה. און ערשט נאָכדעם הויבט ער אָן ציהען די קליי: שלעפּען פּריצענט, צורעכענען טעג. ס'איז אַ גוטער רבּ אַלטער! נישט אומזיסט האָט ער אַזעלכע פּיסקעס, און זי, אַלטעריכע, מיין איך, האָט אַ פּנים — אויף אַלע מיינע ליעבּע, און אַ פּאָר באַקען — חאָטש אַ מעסער אָנצושאַרפּען. היינט איהרע פּערעל! אָט האָט זי ערשט ניט לאַנג פאַר'קנס'ט דאָס טעכטערל — איך זאָל דאָס פאַרמאָגען מיט אייך אינאיינעם, הערט איהר, אַ דריט־חלק, רבונו־של־עולם, וואָס דאָס קנס־מאָל האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט איך פאַר־שפּאָרט האַנדלען מיט גענז... חאָטש אַ חתן האָט זי גענומען — שטראָף מיך, גאָט, אויבּ איך וואָלט אַזעלכס פאַר מיינע זינד גע־געבּען מיין טאָכטער, אַז בּסך־הכּל האָט ער גאָר אַ פּליך — איהר רופט עס פּליך, איך רוף עס פּאַרך. נאָר ס'איז נישט מיין באָבע'ס דאגה, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בּין איך אויך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פּאַראיבּעל נישט, ס'איז בּיי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

איינקויפען גענז... וואו קויפט מען גענז? אויפ'ן מאַרק, מיינט איהר דאָך מן הסתם? אודאי־יאָ! מיר זאָלען דאַרפען אַלע גענז צונויפקויפען אויפ'ן מאַרק, וואָלטען מיר געגאַנגען אין גאָלד! אַז איהר ווילט קויפען גענז אויף מסחר, באַדאַרפט איהר זיך מטריח זיין אויפשטעהן כּאור, דעמאָלט ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, און אַרויסגעהן העט־ווייט הינטער'ן שטאָדט, אויף יענער זייט מיהלען. געפינט זיך אָבער נאָך איינע אַזאַ קלוגעטשקע, ווי איהר, און קומט־אַרויס נאָך פריהער פון אייך אויף יענער זייט מיהלען. געפינט זיך נאָך אַ קליגערע פון יענער אויך און קומט־אַרויס נאָך פריהער און נאָך פריהער — וואָס טויג אייך, סע ווערט אַ גאַנצער יריד, און דאָרטען שטעהט מען און מע וואַרט און מע לאָקערט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, אַ גוי וועט אַרויסבּרענגען אַ פּאָר גענזלעך, באַפאַלט מען איהם מיט די גענזלעך פון אַלע זייטען: „שאָ טאָבּי, טשולאָוויטשע, זאַ גוסקו?" — וואָס ווילסט דו, הייסט עס, פאַר'ן

גענזעל? איז אויב ס'איז אַ גוי אַ סוחר און לאָזט זיך רעדען, קאָנט איהר זיך מיט איהם חאַטש דינגען! און אַז גאָט העלפט, טרעפט איהר אָן אויף אַ מאַנקאַליניק, וואָס לאָזט נישט צו, חאַטש גיב איהם אַ קרענק! „העט־באַ, שרייט ער, גיה אַוועק! נעמאַ אַז מענע גוסקו" — איך האָב נישט, הייסט עס, קיין גענזעל! און גיה טהו איהם עפּיס! טענה'ט איהר דאָך צו איהם: „היתּכן? שאָזש טי חאָטשעש, אַ סיפּע דיר אין פּנים, אַי נעחיי טובי באָזשע דאַיע קרענק אין די ביינער אי דאָברע קדחת!"... און ער — אין איין קול: „העט, נע פּראַדאַיו גוסקו" — איך פאַרקויף נישט, הייסט עס, קיין גענז!... און אַז גאָט האָט רחמנות געהאַט, דער גוי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס גענזעל פון דער האַנט, באַדאַרף מען דאָס גענזעל ערשט באַטראַכטען. און באַטראַכטען גענז באַדאַרף מען קאָנען; ס'איז אַ סברה, הערט איהר, אַז אויף גענז באַדאַרף מען זיין אַ מבין, ווי, להבדיל, אויף בּאַרליאַנטען. ביי אייך, למשל, קומט־אויס, אַז אַלע גענז זענען גלייך. דאָס ווייסט איהר, אַז ס'איז פאַרהאַן גענז און ס'איז פאַרהאַן גאָנערס? אַ גאַנז איז נישט קיין גאָנער. אַ גאַנז איז אַ גאַנז, און אַ גאָנער איז אַ גאָנער. אַ גאַנז נעמט אויף זיך שמאַלץ, און אַ גאָנער — מכּות. אַי, ווי אַזוי ווייסט מען, וועלכעס איז אַ גאַנז און וועלכעס איז אַ גאָנער? מע ווייסט שוין! ערשטענס, נאָכ'ן טשובעקעל — אַ גאָנער טראָגט אַ טשו־בעקעל אויפ'ן קעפּעל און האָט אַ לאַנגען האַלז. היינט דערקענט מען אַ גאָנער נאָכ'ן קול — ער האָט אַ גראָב קול, ווי ביי אַ מאַנסביל. און אַז ער געהט, געהט ער תּמיד פריהער פאַר די גענז, אויך ווי אַ מאַנסביל, ווי, להבדיל, אַ מענטש. ביי אונז אַ מאַנסביל, ער מעג זיין דער גרעסטער שלים־מזל, אַבי אַ מאַנסביל, געהט ער אויף־צו־פריהער, ווי איינער רעדט: דאָס בין איך!... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אָט נעמט מיין מאַן. דאַכט זיך, מע דאַרף שוין נישט קיין גרעסערען שלים־מזל, ווי מיין נחמן־בער, וואָס האָט נישט געפּרובט פאַרדיענען זינט איך קען איהם פאַר אַ מאַן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען! דער גאַנצער יחוס — באשר בכן וואָס איז?

ער קאָן לערנען, און וואָס ער איז יאָסקע דעם נגיד'ס א ווייטער קרוב, ווי זאָגט איהר: דעם פערד'ס בייטש־שטעקעל'ס פּאָדקאָווע... פרעגט מיך, וואָס האָב איך פונ'ם נגיד דעם קרוב? די שונאים זאָלען דאָס פארמאָגען אויף איין אָנבייסען! עגמת־נפש האָב איך, צרות, מיט בזיונות נאָך, וואָס מע וואַרפט מיר אויס, אז מיין קרובה, מיין קרוב'ס שנור הייסט עס, געהט מיט די אייגענע האָר... און ס'איז דוקא נישט קיין ליגען — זי איז א רעכטע טשאַטשקע! איך רעד נישט אויף איהר חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאָגט איהר: א יידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

איינקויפען גענז... איינגעקויפט די גענז, באַדאַרף מען, הייסט עס, די גענז פאַרוואַרפען אויפ'ן ווינטער אין שטייג אריין. נאָר איהר מיינט, אז פאַרוואַרפען גענז איז שוין גאָר א גרינגע זאַך? האָט איהר אויך א טעות! גוט איז צו פאַרוואַרפען גענז, אז איך האָב מיר מיין דירה מיט מיין קאַמער און איך בין מיר, ווי זאָגט איהר, איינע אויפ'ן יריד. ווי זשע איז אָבער דער דין, אז איך בין געזעסען, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט אין שכנות ביי יענטען, קיין באַזונדער קעמערעל האָב איך נישט געהאַט, און די בעל־הבית'טע מיינע אליין, יענטע הייסט עס, האָט אויך אונטערגעהאַנדעלט מיט גענז און מיט פּסח'יגער שמאַלץ, — אנו, פּרובט, אשטייגער, האָבען מיט יענטען גענז אין איין קאַמער און נישט פּאַטשען זיך מיט איהר דריי מאָל א טאָג! האָט איהר אייך איין מאָל אוועק. היינט פּרובט זייט א חכם און דערקענט, וועלכע גענז ס'איז אייערע גענז און וועלכע גענז ס'איז איהרע גענז? אנומעלט, אז איך בין, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, געזעסען מיט איהר אין שכנות, האָט זיך ביי איהר, ביי יענטען הייסט עס, אויפגעריסען די שטייג אין קעמערעל און עס זענען אַרויס, זאָל זיך אייך דאַכטען, אלע גענז און האָבען זיך

צוגעהאפּט צו מיין קאָרעטע מיט האָבער, — איז ווער האָט געהאַט היזק? ווער האָט באַדאַרפט שרייען? איך, צי זי? געהט זי נישט און פּאַלט נישט אָן אויף מיר? זי זאָל געוועז, זאָגט זי, וויסען, אַז איך האַנדעל מיט גענז, וואָלט זי מיר, זאָגט זי, נישט פאַרדונגען די דירה פאַר קיין הונדערט מיליאָן רענדלעך! זאָג איך צו איהר: „מיט וואָס דען, האָט איהר געמיינט, האַנדעל איך? מיט בּאַרליאַנטען?" זאָגט זי צו מיר: „איהר זענט אַליין אַ גוטער בּאַר־ליאַנט, און האָט אַ מאַן אַ בּאַרליאַנט און קינדער בּאַרליאַנטען!"... זאָל איך איהר שווייגען?... אַ מאָדנע אידינע אָט די יענטע! אַזוי וועט זי אייך אָוועקגעבּען דאָס לעבּען מיט דער נשמה. טאָמער זענט איהר, חלילה, קראַנק, וועט זי זיך מפקיר זיין פון אייערטוועגען. נאָר אַ שפּילשליווע איז זי — מע זאָל בּאַהיט און בּאַוואָהרענט ווערען! אָט האָבּען מיר זיך איינמאָל, ערב־חנוכּה איז דאָס גע־ווען, — איך זאָל אייך דערצעהלען, וואָלט איהר אויף זיך די האָר געריסען!... דער חסרון, וואָס איך קוק נישט אריין אין יענעמ'ס טעפּלעך, און רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בּין איך וויט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבּעל נישט, ס'איז בּיי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

איצטער געהט אַ סדרה: פאַרוואָרפען גענז... אַז איהר ווילט, די גענז זאָלען אייך געראָטען, זאָלט איהר פאַרוואָרפען די גענז אינ'ם אַ ל ט ע ן חודש. גאָט זאָל אייך היטען, איהר זאָלט זיך צוריהרען צו גענז אין אָנהויבּ חודש, תּיכּף נאָכ'ן מולד — ס'איז איין אומגליק! די גענז וועלען אייך נישט געראָטען: די גענז וועלען זיין גראָבּ אויפ'ן בּיין, און דין אויף דער הויט, און אויף פּלאָסטערען זאָלט איהר זיך פון די גענז גאָר נישט ריכטען. פּלאָס־טערען פאַרגעסט! אויך בּייטאָג, ווען איטליכער דרעהט זיך אַרום, זאָלט איהר קיין גענז נישט פאַרוואָרפען. גלייכער פאַרנאַכט, בּיי אַ ליכט, אָדער אפילו אין דער פינסטער, נאָר בּשעת מעשה זאָלט איהר זיך געבּען אַ קניפּ און זאָגען שטילערהייט דריי מאָל: „אַזוי

ווי איך בין אויפ'ן לייב, אזוי זאָלסט דו זיין אויפ'ן לייב"... מ'ין מאַן לאַכט אפילו פון מיר און זאָגט, אַז ס'איז ווערטה אַ שמעק טאַבעקע. נאָר איך זאָל וועלען צוהערען אַלסדינג, וואָס ער זאָגט, וואָלט איך געוועזן לייטען גלייך. למאַי ער פאַרגינט זיך זאָגען, דער מאַן מיינער, — ער איז אַ גאַנצער למדן, זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט אין די ספרים, — אַז כפּרות שלאָגען איז אַ נאַרישער מנהג? ווי געפעלט אייך, אשטיינגער? מאָהלט אייך, ער האָט זיך פון מיר נישט געגאַרט פאַר אַזעלכע ווערטער! „ביזט דאָס אַליין טאַקי דערגאַנגען, זאָג איך, מיט דיין אייגענעם שכל?"... זאָגט ער: „סע שטעהט אַזוי געשריבען אין די ספרים". „קומט אויס, זאָג איך, אַז איך, און די מאַמע מיינע, און די מוהמע דבורה, און נחמה־ברײנע, און סאָסי, און דוואָסי, און צביה, און צפּורה, און אַלע — זענען בהמות?"... שווייגט ער, דער חכם, און ס'איז זיין גליק, וואָרום איך קאָן איהם, הערט איהר, אָפּשפּיעלען אַ פריהמאָרגנע, ער זאָל מיך געדענקען דריי טעג כסדר! איהר מיינט, איך בין, חלילה, אַזאַ ארורה, איין אַנחאַפּערין? גלויבט מיר, איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס הייסט אַ בן־תורה, אַ איד וואָס זיצט און לערענט, חאָטש ער טהוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. איהר מיינט, ער פוילט זיך? ער וואָלט נעבאַך געטהאָן אַלסדינג, ס'זאָל נאָר זיין וואָס... זיצט ער און לערענט. לאָז ער לערנען. וואָס דאַרף איך זיין האָרעוואַניע, אַז איך קאָן אַליין באַשטעהן דאָס שטעדטעל מיינס, אַז איך קאָן אַליין אויסקומען ווי ס'נישט איז מיט דער הוצאה אין שטוב, חלילה נישט אָנקומען צו יענעם. אַליין, אומעטום אַליין. אין מאַרק, און אין שטוב, און אָוועקגעשטעלט זיך ביי'ם אויווען, צוגעשטעלט דאָס טעפּעל קאַרטאָפּלים, און די קינדער אָנגעטהאָן און אָפּגעשיקט אין חדר — דאָס איז ביי מיר דער עיקר! ברוינט, זעהט איהר, מאַכט זיך, פעהלט אַמאָל, חלה אויף שבת טרעפט, אַז ס'איז נישטאָ, נאָר פאַר די קינדער שכר־למוד — פיער זכרים האָב איך, זאָלען געזונט זיין, אַ חוץ מיידלעך — דאָס מוז זיין, עס מעגען פּאַלען שטיינער פונ'ם הימעל! איך בין נישט גלייך צו די היינ־

טיגע, וואס די קינדער זייערע שטופען זיי אין די קלאסען, ווי, למשל, אונזער חזנ'ס יונג בערעל, א פאלנע גוי מיט קאלבאס. חאפט איהם דער רוח, איך בין נישט גאט'ס סטראפטשע, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערען. האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א אידינע האט אין זיך נייען מאס רעד...

פארוואָרפען די גענז, באדארף מען נאר זעהען, די גענז זאלען האבען האדיוולע, דאס עסען צו דער צייט און דאס טרינקען צו דער צייט. און ווייטער גארנישט. ווארום גענז איז נישט קיין קאטש־קעס און נישט קיין עופות. קאטשקעס האבען מורא פאר פאקען, און עופות — פאר א טחויר, און גענז באדארפען נאר עסען. און עסען — עסען גענז אלסדינג: גענז עסען האבער, גענז עסען פראסע, גענז עסען קאשע, נענז עסען, איך בעט איבער אייער כבוד, נאך ערגערס... א גאנז קלויבט נישט איבער. א גאנז שלינגט אלסדינג. א גאנז איז תמיד הונגעריג, ווי ביי איין ארעמאן קינדער, להבדיל. ביי איין ארעמאן קינדער עסען, קיין עין־הרע, געשמאק אלסדינג, וואס מע גיט זיי, און זענען קיינמאל נישט זאט. איך ווייס עס פון זיך זעלבער. לאזען זיי זיין געזונט, די קינדער מיינע, אז זיי קומען פונ'ם חדר, קיין עין־הרע נישט, קיין בייז אויג זאל זיי נישט שאדטען — איידער מע קוקט זיך ארום, שטארבט א ברויט, און פון א טאפ קארטאפלים בלייבט נישט איבער, איהר זאלט זאגען, אויף א רפואה! און קומט שבת, מוז מען זיי אויסטיילען חלה, ווי לעקאך, און דאס איבעריגע פארשליסען, ווארום עס וועט נישט בלייבען אויף מארגען קיין זכר אפילו! קינדער, הערט איהר, איז א וואוילע זאך און א ליעבע זאך. עס וואלט מיר נישט נמאס גע־ווארען און נישט שווער געווען קיין צעהן קינדער, פופצעהן קינדער, פינף און זיעבעציג קינדער אויסצוהאלטען. זיין חסרון נאר — אט דער פיסק! נגידים באדארפען זיך פיהלען איך ווייס אליין נישט ווי גליקליך, אז זיי ווייסען וואויל, אז זייערע קינדער לעגען

זיך שלאָפען זאַט און עס חלומ'ט זיך זיי נישט קיין בעטלערס. זיי חאַפּען זיך נישט אויף ביינאַכט מיט אַ געוויין: „מאַמע, ע־ע־ע־סען!"... הערט איהר, דאָס האַרץ טהוט וועה, ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען, און מע מוז נאָך, מאָהלט אייך, אָנשרייען אויף זיי: „שלאָפען, ממזרים! וואָס פאַר עסען אין מיטען ביינאַכט? שלאָפען, שלאָפען!"... פון דעסטוועגען, זאָלט איהר זעהן די נגידים, ווי סע חאַפּט זיי אַוועק דער רוח, טאָמער ווערט ביי זיי געבוירען, חלילה, איין איבעריג קינד! אַי־אַי־אַי! אָט איז ביי אונז נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידית'טע, אַ ווייבעל בלוט־און־מילך, און אַ גוטע זעל, אַ צדיקית, ביילצע האָט מען זי גערופען, אַ שענע, אַ געזונטע, אַ שטאַרקע. מיינט איהר, איבער וואָס? ס'איז נישט כדאי צו דערצעהלען, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן. איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס אויף קיינעם, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך גייען מאָס רעד...

אוי, אַ פרנסה גענז!... דאָס הייסט, גענז איז אַ פרנסה אפילו נישט קיין שלעכטע, און אַז גאָט גיט־אַריין אין די גענז די ברכה, קאָן מען אָן די גענז פאַרדיענען אַ שען קערבעל. נאָר וואָס דען? דאָס טרעפט זיך איין מאָל אין צעהן יאָהר. גיכער קאָן זיך מאַכען, מע זאָל ביי די גענז נישט פאַרדיענען גאָרנישט — מע זאָל נאָך דערלעגען! היינט די האָרעוואַניע, וואָס אַרום די גענז, איז אַזאַ גרויסע האָרעוואַניע, אַז ס'איז, כלעבען, נישט כדאי דער גאַנצער טאַרעראַם. אַי, איז דאָך די קשיא: וויבאַלד אַז ביי די גענז איז קיין פאַרדיענסט נישטאָ, היינט צו וואָס באַדאַרף מען האַנדלען מיט גענז? איז דער תירוץ: וואָס דען וועט מען טהון, אַז איך האַנדעל שוין אַזוי פיעל יאָהרען מיט גענז?!... באַרעכענט נאָר: אויסבינדען עטליכע און דרייסיג פאָר גענז; אַוועקטראָגען צום שוחט עטליכע און דרייסיג פאָר גענז; ברענגען עטליכע און

דרייסיג פאר גענז; אפפליקען עטליכע און דרייסיג פאר גענז; מאכען, זאלצען, אויסוויקען, אפגיסען עטליכע און דרייסיג פאר גענז, די הויטען באזונדער, די פלאסטערען באזונדער, די דרויבלעך באזונדער, די אבדירקעס באזונדער, פון אלסדינג מאכען געלט, נישט לאזען געהן לאבוד קיין פיצעל נישט — און אלסדינג אליין! קודם־כל, אויספרעגלען די הויטען מיט די פלאסטערען, מאכען פון זיי שמאלץ. איך מאך תמיד אלע יאהר פסח'יגע שמאלץ, ווארום מיין פסח'יגע שמאלץ האט א שם אין שטאדט פאר דער בעסטער, כשר'סטער שמאלץ. איך, אז איך פרעגעל פסח'יגע שמאלץ, ווערט ביי מיר אין מיטען חנוכה פסח'יג אין שטוב. דעם אויווען כשר איך אוים. דעם מאן שיק איך אפ אין בית־המדרש אריין — לאז ער לערנען. די קינדער טרייב איך ארוים — לאזען זיי געהן ערגיץ שפיעלען אין דריידעל. און אליין נעם איך זיך צו דער ארבייט — פרעגלען שמאלץ. און שמאלץ האט פיינט איין איבעריג אויג, ובפרט פסח'יגע שמאלץ. איך האב אמאל געהאט א פסק, אז איך בין, נישט היינט געראכט, נישט פאר אייך געראכט, נישט פאר קיין שום אידען געראכט, געזעסען ביי יענטען אין שכנות. עס זענען געזעהען דארטען נאך שכנים. האט זיך איינער א שכנה, גנעסי האט זי געהייסען, פארגלוסט באקען לאטקעס פון רעטשענע מעהל, און דוקא דעם טאג, וואס איך קוילע גענז. בעט איך זי: „גנעסיניו, הארצעניו, ליובעניו! האלט־איין דעם יצר־הרע אויף א טאג. איהר וועט מארגען, אם ירצה השם, באקען לאטקעס!" זאגט זי: „ביי מיר האט איהר גע'פועל'ט; נאר די קינדער, זאגט זי, וועלען געוואהר ווערען. איך האב, זאגט זי, קינדער, טרפה'נע העלזער, וואס האלטען שטארק פון דער אכילה. זיי וועלען דערהערען, זאגט זי, אז ס'איז אוים לאטקעס, וועלען זיי מיך, זאגט זי, אויפעסען לעבעדיגערהייט!"... כך הוה. די קינדער האבען דערהערט, ליגענדיג ז.ויפ'ן אויווען, אז מע רעדט פון אפלעגען די לאטקעס באקען אויף מארגען, האט זיך איינער פון זיי, א זעליגעל, א יונגעלע מיט קאסאקע אויגלעך, צעשריגען אויף

א קול: „מאמע! טאָמער באַקסט דו נישט קיין לאַטקעס, פאַל איך אַטאַ אראָפּ פונ'ם אויווען"... מיר טהוען א קוק — א וועהטיג איז מיר! — זעלינגעל הענגט מיט'ן קעפּעל אראָפּ, אַטאַ, גאָן א מינוט, פאַלט דאָס אראָפּ און סע ווערט צעשאָטען אויף שטיקלעך! דערזעהען אזא חתונה, האָב איך אָנגעהויבען צו שרייען: „גנעסיניו, נשמה'ניו, הארצעניו, ליובעניו! באַקט לאַטקעס, באַקט!"... מע זאָגט, הערט איהר, אז איין אָרעמאַן האָט א קישקע אָהן א דנאָ, — איז דאָס תורת משה! איהר זאָלט אָנקוקען ביי דער גנעסין קינדערלעך — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען! איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאָגט איהר: א אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

שמאַלץ פון די גענז... פון גענז קאָן מען אויף שמאַלץ אליין נישט אַרויסקוקען. די שמאַלץ, אז עס געראָט שוין גוט אָפּ, קעהרט אום צוריק נאָר דאָס, וואָס די גענז קאָסטען. דאָס פאַרדיענסט דאַרף מען זוכען פון די שאָר־ירקות. ראשית חכמה, אַבדירקעס. אז עס מאַכט זיך, די אַבדירקעס גיבען זיך אוים שען, און פלייש איז איין שטאָדט טייער — פאַרצוקערט מען זיי! ווי זשע איז אָבער דער דין, אז קצבים ביי אונז שמייסען זיך, גאָון פלייש איז בזיל־הזול, און די שטאָדט האָט, דעם גגיד אויף צו־להכעיס, אראָפּגעבראַכט נאָך א שוחט, און יענער שוחט, דער אַלטער הייסט עס, האָט איינגעגעבען אויף דעם שוחט, אויף דעם נייעם שוחט הייסט עס, אכצעהן מסירות, און חוץ לזה האָט ער אַרויסגעלאָזט א קלאַנג אויף איהם, אויף דעם נייעם שוחט הייסט עס, אז ער, דער נייער שוחט הייסט עס, איז א חברה־מאַן פון די היינטיגע חברה־לייט, פון די צעניסטען, וואָס האָבען צו טהון מיט די חדרים און קלויבען „שקלים־געלט", און דער גביר אונזערער האלט דאָך נישט פון די דאָזיגע צעניסטען, ער קאָן זיי נישט אָנקוקען, זיי זענען, זאָגט ער, גרויסע הולטאַיעס, און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך די שחיטה זיינע

קיין שחיטה נישט, און נישט איטליכער איז א בעלן אויף פארטיגע אבדירקעס. טענה איך מיט מיינע קונה׳טעס: „ביי מיר מעגט איהר, נישקשה, קויפען אבדירקעס, מיין שוחט איז דער אלטער שוחט״. זאגען זיי: „יא, איהר זענט אודאי זעהר גערייכט, נאר וואס דען? אויפ׳ן ביילעק שטעהט ביי זיי נישט אויפגעשריבען, פון וועמענ׳ס שחיטה זיי זענען — פונ׳ם אלייזן שוחט, צי פונ׳ם נייעם שוחט״... זאג איך: „וואס הייסט, סע שטעהט גישט אויפגעשריבען? אז איך זאג אייך: פונ׳ם אלטען שוחט, איז פונ׳ם אלטען שוחט; סיידען, זאג איך, איך בין שוין ביי אייך נישט באגלויבט, איז שוין, זאג איך, עק וועלט!״... זאגען זיי: „א מאדנע אידינע איהר זענט! איהר זענט ביי אונז אויף אלסדינג באגלויבט; נאר אז מיר קאנען אויספיהרען אליין שיקען צום שוחט קוילען געגז, וואס זשע דארפען מיר אבדירקעס, וואס מיר קאנען נישט וויסען, וועמענ׳ס שחיטה דאס איז?״... „טפו! ווידער א מאל, זאג איך, דאס אייגענע? אז איך שווער אייך ביי מיין מאן און קינדער! איהר ווייסט, זאג איך, ס׳איז בי מיר א גוטע שבועה!״... זאגען זיי: „צו וואס דארפט איהר זיך שווערען, אז מיר גלויבען אייך סאי ווי סאי?״... זאג איך: „נו, נעמט זשע צו ביי מיר א פאר אבדירקעס, לאם איך מאכען גרינגער דעם קאשעק!״ זאגען זיי: „מיר קאנען נישט נעמען ביי אייך קיין אבדירקעס, איבער דער שחיטה״... נו? געה טעסע פלעקער! ארייננגעהן אין יענעמ׳ס לאגע — דאס איז נישטא! רחמנות האבען: א אידינע מארדעוועט זיך אן מיט געגז, מע מיינט — טאמער, איך ווייס, מע וועט עפיס פארדיענען; עס האט זיך געשטעלט אזא ווינטער, האלץ איז נישטא, שטרוי איז טייער, א רענדעל א וואגען שטרוי, און די קינדער נעבאך לויפען בארוועס אין חדר אריין, קומען צו געהן אהיים ברוין און בלוי, האפען זיך ארויף אויפ׳ן אויווען, נארען זיך איין, ווי די קראליקלעך, און קוקען־ארוים אויף הייסע קארטאפלים, און קארטאפלים איז מיט גאלד גלייך, א סך איז נישט געראטען און א סך איז פארבליבען אין דער ערד... א שטאדט! עמיצער

זאָל זיך דאָס ארומקוקען, אָרעמעלייט געחען־אויס פון קעלט, אָרעמעלייט שטאַרבען, שוואָלען פון הונגער, קינדער פאַלען ווי שטרוי, ווי פליעגען. נאָך מיט חסד, ווי זאָגט איהר, וואָס נאָר אָרעמעלייט שטאַרבען... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאָגט איהר: א אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

די אָבדירקעס פון די גענז... מע זאָל וועלען, הערט איהר, אַרויסקוקען אויף די אָבדירקעס אליין, וואָלט מען שען אויסגעזעהן מיט די גענז! א חוץ אָבדירקעס, איז פאַרהאַן ביי גענז די דרויב־לעך: גריוועו, לעבערלעך, פופיקלעך, קעפּלעך און פיסלעך, גערגעלעך, פליעגעלעך, צינגעלעך, הערצלעך און ניולעך. הייגט העלזלעך! פאַרהאַן ביי מיר איינע א בעל־הבית'טע, פעטשעריציכע הייסט זי, נעמט זי צו ביי מיר אלע העלזלעך, וויפיעל איך האָב; עס מעג זיין א האַלבע מאה העלזלעך, לאָזט זי מיך נישט אַרויס. דער מאַן איהרער, זאָגט זי, פעטשעריצי הייסט עס, איז א ליעב־האָבער פון ברוסט און פון העלזלעך. ברוסט האָט ער ליעב, זאָגט זי, קאַלטערהייט, מיט פעפער באַפעפערט, און העלזלעך — געפילטע מיט מעהל, אָדער מיט קאשע, אָדער מיט פאַרפעלעך, אָדער מיט לעבער און מיט גריוועו, געבראָטען באַזונדער, אָדער געקאָכט אין מעהרען. וואָס זשע מיינט איהר? ווי די מתים עסען, אזא פנים האָבען זיי. ער זעהט, קיין עין־הרע, אויס קעגען מיין מאַן, ווי א איד פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, חאָטש ער איז עלטער פון מיין מאַן מיט גוטע צעהן יאָהר. און חאָטש מיין מאַן טהוט אויך קיין שום אַרבייט נישט, זיצט ער חאָטש און לערענט, און אז ער קומט אהיים, וועט ער נישט זאָגען, ווי אנדערע מאַנען: „הער נצר, דו, גיב עפּיס עסען!" ער, אז ער קומט אהיים פון בית־המדרש, איז דאָס ערשטע — נעמט ער זיך צו א ספר, קוקט אין ספר אריין און זיפצט, זיפצט שטילערהייט — א סימן, אז ער וויל

סען. נאָר זאָגען : „געב עסען" — דאָס איז נישטאָ. וואָס דען ? אַ קרעכץ און אַ נעם מיט דער האַנט בײַ'ם האַרצען און אַ זאָג : „אָך ־ אָך ־ אָך !" — אַ סימן, אַז ער איז גוט הונגעריג. „וועסט עפּיס אפשר נעמען אין מויל אַרײַן ?" — פרעגט מען איהם. מאַכט ער צו מיר : „מהיכא־תיתי"... וויפיעל מאָל איך זאָג איהם : „איך פאַרשטעה נישט — האָסט דאָך אַ מויל, קאָנסט דו דאָך זאָגען, אַז דו ביזט הונגעריג ; וואָס דאַרפסט דו זיצען און קרעכצען ?"... ענטפערט די וואַנט ?... איך וואָלט וועלען אומיס־טען זעהן, וואָס וואָלט געווען, איך זאָל איהם דרײַ טאָג כסדר נישט געבען קיין עסען ? איהר מיינט, ער איז חלילה אַזאַ איין אָפּ־געריסענער נאַר ? ווי קאָן אַ איד אַ למדן אַ מופלג זײַן אַ נאַר ? ער זאָל, צו זײַן קאָנען, הערט איהר, וואָס ער קאָן לערנען, נאָך זײַן אַ ביסעלע מעהר קריכער, וואָלט ער דען נישט געקאָנט זײַן בײַ אונז אַ רב ? אַי, וואָס וועלען מיר טהון מיט'ן אַלטען רב ? למאי, וואָס וועלען מיר טהון מיט'ן אַלטען חזן ? מע האָט נויטיג באַ־דאַרפט צונעמען אַ נײַעם חזן אין שוהל, כדי דער אַלטער זאָל שטאַרבען פון הונגער, טאָמער איז ער געווען פריהער, הייסט עס, אַ קלײנער אביון ? באשר, דעם גביר האָט זיך פאַרגלוסט זינגען ! ווילסט זינגען ? געה אין טרעיאַטער, להבדיל, וועט מען דיר דאָרטען זינגען צעזעצטערהייט !... איך זאָל זײַן, הערט איהר, אַ מאַנסביל, וואָלט איך זיך מיט די גבירים גערעכענט. אוי, וואָלט איך מיך מיט זיי גערעכענט ! איהר מיינט, איך האָב עפּיס צו זיי ? איך האָב צו זיי גאָרנישט, נאָר איך האָב זיי פײַנט. איך האָב פײַנט אַ נגיד ! אַ נגיד און אַ שפּין, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען ! איך רעד נישט, חלילה, קײן שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיט'ן אַנדרען. האָט קײן פאַראיבעל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר : אַ אידינע האָט אין זיך נײַען מאָס רעד...

מע האָט פון די גענז... מיינט נישט, אַז מע פאַרקויפט שוין אויס די גאַנצע שמאַלץ מיט אַלע אָבדירקעס מיט אַלע דרויבלעך

פון די גענז, ווערט מען שוין גליקליך. גענז זאָלען נישט האָבען קיין פוך און קיין פעדערן אויף זיך, וואָלט נישט כדאי געווען דער גאַנצער עסק. פריהער, אַז איך האַלט נאָך ביי פאַרזאָרגען די גענז, סקובּע איך זיי שוין אונטער, די גענז, אונטער די פּאַכוועלעך און קלויב־צונויף דאָס ביסעל פוך. נאָכדעם, נאָכ'ן קוילען, שמועסט מען נישט — דאָס ביסעל פוך באַזונדער, און די פעדערען באַזונדער, און איך גרייט מיר צו ארבייט אויף א גאַנצען ווינטער. די נעכט זענען דאָך גענוג גרויס, מע קאָן זיך גענוג אָנפליקען. פליק איך. אצינד האָב איך א שטיקעל הילף: מיידלעך. מיידלעך זענען נישט קיין יונגלעך. יונגלעך געהען אין חדר אריין, און מיידלעך וואָס? מיידלעך זענען גענז, זיצען און האָדעווען זיך און וואַכסען. זעץ איך זיי אנידער נעבען זיך איבער א זיב: „העלפט, קינדערלעך, פליקען פעדערען; איך וועל אייך דערפאַר, אם ירצה השם, מאָרגען שענקען א גריוו, באַשמירען א שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, אָדער גאָר צושטעלען א זופּ פון קישקעלעך!" אהא, זאָלט איהר זעהן, ווי סע ווערט א גדולה און מע נעמט זיך צו דער ארבייט — קלייניגקייט, א זופּ פון קישקעלעך! וואָס, משטיינס געזאָגט אַז קיין פלייש קוקט מען נישט אָן א גאַנצע וואָך, חוץ שבת. איך זאָל נישט האַנדלען מיט קיין גענז, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטהאָן א גאַנצע וואָך מיט די קינדער! אזוי וואַרפט זיך פאָרט דורך א פלאָסטערעל, א גערגעלע, א קעפּעל, א פיסעל, א קישקעלע, א ביסעל שמאַלץ — דער ריח אליין איז שוין גענוג! אַז איך בין געזעסען, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, אין שכנות, ביי יענטען הייסט עס, האָב איך אליין געהערט פון גנעסי'ם מויל: „אַז עס קומט, זאָגט זי, די צייט פון חנוכה און איהר הויבט זיך אָן, זאָגט זי, פּאָרען מיט די גענז, ביי דער פסח'יגער שמאַלץ, — קומט, זאָגט זי, אויף מיין חאַליאַסטרע א נייע הויט; פונ'ם ריח אליין, זאָגט זי, פאַרדרעהט זיך זיי שוין דאָס קעפּעל, און סע מאַהלט זיך זיי אויס, אַז זיי עסען גענזענס"... איהר מיינט, ס'איז מיר געווען אָנגענעהם

אָנצוקוקען גנעסי'ס חאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, ווי זיי קוקען־אַראָפּ פונ'ם אויפ'ן־אויווען, זעהען פאַר זיך אַזאַ טאָפּ שמאַלץ מיט אַזוי פיעל גריווען — און נישט אויסציהען קיין הענטעל אפילו, נאָר ליגען און קוקען נעבאַך, ווי הונגעריגע וועלף, און באַלעקען זיך, און די אויגלעך בשעת מעשה גלאַנצען — אַ גאָט'ס רחמנות צו זעהען דעם צער! שטופּט מען זיי אַריין דאָרטען אַ גריוו אין הענטעל, מע טהוט זיי אַ שמיר אַ ביסעל שמאַלץ איבער די ליפּען. וואָס גאָך, איך בעט אייך? ווי קאָן איך אָנהאָדעווען אַזוי פיעל מיילער, אַז איך בין אַליין אָפּגעשאָטען, קיין עין־הרע, מיט קינדער, און דער מאַן פאַרדיענט נישט קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען, און שולדיג איז מען אויף די גענז — איך זאָל עס דערמאָגען אַ דריט־חלק מיט אייך אינאיינעם, און פּריצענט וואַכסט ווי מיט רוחות, און צאָהלען מוז מען, איך וועל נישט געהן פאַרבאָרען זיך, בלייבען איין אָנ־זעצערין, חלילה, אַזוי ווי יענטע, אַשטייגער, וואָס האָט נישט אָפּ־געצאָהלט דעם שוואָגער פאַר דער אַנדערער האַלבע דירה, צוליעב'ן זוהנדעל, וואָס שטודיערט, זאָגט מען, אין די קלאַסען און שרייבט אום שבת... אַזוי זאָגט די וועלט. איך בין דערביי נישט גע־שטאַנען. איך האָב פיינט זאָגען דאָס, וואָס איך ווייס נישט, און פון באַרעדען יענעם אַנטלויף איך. איך פרעג נאָר איין זאַך: צו וואָס באַדאַרף עס יענטע'ס זוהנדעל זיין אַ געשטודיערטער? אַז בסך־הכל איז ער גאָר אַ קראַנקער, משטיינס געזאָגט, אַ טשע־כאָטניק; זיי זענען אַלע, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידישער שטוב געדאַכט, טשעכאָט־ניקעס. לאָז ער איהר לעבען הונדערט צוואַנציג יאָהר, איך בין איהר אַ גוטער פריינט, וואָס האָב איך צו איהר? חאָטש, אַז מע וויל צוריק, האָט זי קענען מיר נישט אַזוי יוצא געווען! מע נעמט נישט און מע רויכערט נישט אַרוים קיין שכנים אין מיטען פאַר־פסח! וואָס איז? באשר מנשה דער וואַסערפיהרער קאָן צאָהלען אַ קערבעל אַ וואָך, און איך נישט! לאָז זי זיך באַריהמען דעמאָלט, אַז ער וועט איהר באַצאָהלען! ס'איז גאָר אַ סברה, אַז אָט דער

מנשה איז א בעל־חוב, די האָר זענען נישט זיינע. פּאַרנוּמען בּיי אַלע בּעלי־בּתּים פאַר וואַסער אויף א גאַנצען ווינטער, און א קבּצן איז ער אויך א גוטער, און א ווייב האָט ער, פּעסי רופט מען זי, אויך א גוטע שטוקע! גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בּין איך ווייט... נאָר שאַט... מיר דאַכט זיך, איך האָב אייך געוואָלט עפּיס דערצעהלען א שענס? פרעגט מיך בּחרם, איך האָב שוין אַליין אויך פאַר־געסען וואָס!... אָט די ווייבּער, הערט איהר, איז אייך קיין קאַטאַ־וועס נישט! דאָס איז עפּיס א מין פאָלק!... אָט האָב איך אייך דאָ אויסגעמישט פון כּל מאמינים שהוא, קאַשע מיט בּאָרשט און מיט לעבּערלעך און מיט נעכטיגע טעג — טאָמער ווייסט איהר וואָס? א אידינע, הערט איהר, האָט טאַקי אין זיך נייען מאָס רעד!... איך וועל אייך שוין מוזען אָפּלעגען די מעשה נאָך אויף א מאָל.

אַ ווייסע כּפּרה

אַ מאָנאָלאָג פון אַ „מאַדאַם“.

געשריבען אין יאָהר 1904

אַ ווייסע כפּרה

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; בּיי מיר, עס מעגען פאַלען שטיינער פונ'ם הימעל, אַ ווייסע כּפּרה אויף ערב יום־כּפּור — דאָס מוז זיין! איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת: איך פאַרשטעה גאָרניט, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט שלאָגען כּפּרות ניט מיט קיין ווייסער כּפּרה? עס מאָהלט זיך מיר אויס, איך וואָלט אַ גאַנץ יאָהר מורא געהאַט פאַר שטאַרבּען. איך בּין שוין אַזוי געוואוינט געוואָרען פון קינדוויייז אָן. ס'איז אַלסדינג אַ געוואוינהייט. מיין מאַמע, מוזט איהר ווּיסען, איז אויך נישט קיין גרויסע צדיקית, נאָר פון די דאָזיגע זאַכען האַלט זי גראָד. צום בּיישפּיעל: אויף פּסח — פּסח'יגען בּאָרשט, אויף שבועות — ליובּיסטיק, אַ כּפּרה — אַ ווייסע, חנוכּה — לאַטקעס, פּורים — שלח־מנות, וכדומה אַזעלכע מצוות היט זי אָפּ, ווי איין אמת'ע רבּיצין. „הזכּרת־נשמות" איז בּיי איהר דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג, און חלילה ניט הערען שופר בּלאָזען איז פאַר איהר אַ סך אַ גרעסערער אומגליק, ווי בּיי מיר, למשל, נישט הערען, להבדיל, שאַליאַפּינען... פון דעסטוועגען, איהר זאָלט זי קענען, וואָלט איהר זיכער מיינען, אַז דאָס איז אַ גרויסאַרטיגע געבּילדעטע דאַמע. געטע און שילער לאָזט זי עד היום ניט אַרויס פון מויל, און מיט טשאַקען שלאָפט זי נאָך בּיז היינטיגען טאָג. און קומט ראש־חודש אלול, זאָלט איהר זעהן, דעקט זי זיך איבּער דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכעל און האָט צו טהון מיט די „יענטעס";

איך האָב מורא, אויב זי שמועסט ניט מיט זיי מכּח קניטלעך־לעגען... און נאָכדעם, אַוועק די וויינענדיגע טעג — אַראָפּגעוואָרפען דאָס טיכעל פוּנ'ם קאָפּ, און ווידער געטע, ווידער שילער, ווידער טשאַקע. אָט אַזאַ מין אידינע איז די מאַמע מיינע, און אָט אויף דעם אייגענעם אידישען שניט האָט זי גע־פיהרט אונז אויך, די טעכטער איהרע. פינף זענען מיר געוועזען, און אַלע האָבען מיר התונה געהאַט „פּאָ־ליובווי”, דאָס הייסט: שענע מיידלעך זענען מיר געוועזען, און געבּילדעט אַוודאי, און נדן האָבען מיר געהאַט אויף זיך צו פּופּצעהנטויזענט אין באַנק אויף אַ טאָכטער, — הײנט פאַר וואָס זשע זאָל מען אונז פיינט האָבען? מיר האָבען גע'שמ'ט, דאַרפט איהר וויסען, אויף דער וועלט ניט אַזוי מיט אונזער שענקייט און מיט אונזער בּילדונג, ווי מיט אונזער גוט־אויפגעצויגען־ווערען. דערציהונג, הערט איהר, איז אַ גרויסע, אַ גרויסע זאַך! למשל, אַזוי, אין אַנדערע פאַכען, זענען מיר דערצויגען געוואָרען בּיי אונזער מוטער דוקא פראַנק און פריי: געקאָנט רעדען מיט וועמען מיר האָבען געוואָלט, גע־קאָנט געהן וואוהין מיר האָבען געוואָלט, און געקאָנט טהון וואָס מיר האָבען געוואָלט; נאָר דאָרט, וואו עס האָט זיך אָנגעקערט מיט לשון אידישקייט, איז געוועזען חיות ניט זיכער! צום ביישפּיעל, נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, איך זאָל אייך אויסטהון דעם לינקען שוך פריהער פאַר'ן רעכטען. וואַלאַדי לאַכט פון מיר און מאַכט חוזק; נאָר איך זאָל וועלען קוקען אויף וואַלאַדין, וואָס וואַלאַדי לאַכט, וואָלט בּיי מיר פּסח געוועזען גאָלע פּאַסקע מיט געפאַרבּטע אייער, אָהן אַ בּרעקעל מצה. מיין וואַלאַדי איז אין אידישקייט אַ ביסעל... נו־נו... דאָס הייסט: אַזוי, פאַרקערט; אַ אידען האָט ער, אדרבּה, מיט'ן גרעסטען כּבוד. דערהערט ער ערגיץ אויף אידען אַ צרה, אַ פּאָגראָם, געהט ער אַרום אָהן אַ קאָפּ: סטייטש אַ איד, אידיש בּלוט!... פיינט האָט ער נאָר די אידישע תנועות מיט די אידישע גענג. אַ איד, זאָגט ער, איז איין עזות־פּנים, אַ איד איז אַ „נאַחאַל”... לאָז

אָבער א פּרעמדער פּרובּען זאָגען אויף אידען א שלעכט וואָרט, וועט ער איהם די אויגען ארויסרייסען. א מאָדנע בּריאה אָט דער וואָלאָדי! איך האָבּ וויפיעל מאָל איהם געהערט בּאריהמען זיך פאר די פּריצים, וואָס קומען זיך אמאָל צונויף בּיי אונז שפּיעלען אין פּרעפערענס, אז מיר האָבּען אונזער אייגענעם אידישען דיפּלאָמאט הערצל, וואָס איז א גאנצער בּן־בּית בּיי׳ם טערקישען סולטאן; און אז די ציוניסטען זענען געקומען אנו־מעלטען צו איהם נאָך געלט, האָט ער מיט זיי געהאט א לאנגען ויכּוח, זיי בּאוויזען, אז זיי טראָגען זיך ארום מיט חלומות, זיך איינגערעדט א לונג־און־לעבּער אויף דער נאָז... נו, און געלט? איהר מיינט, ער האָט זיי נישט געגעבּען? געגעבּען! אָט אזא מין נפש איז מיין וואָלאָדי. וויפיעל האָבּ איך צו טהון מיט איהם פאר די קינדער! מיינע קינדער זענען, קיין עין־הרע, געראָטענע קינדער, שענע, געזונטע, פרישע, לויטערע. וואָס נאָך דארף מען? וויל ער, וואָלאָדי הייסט דאָס, זיי זאָלען אלסדינג קענען. קענען? מהכּתיתי, איך וויל אויך, זיי זאָלען אלסדינג קענען. ווער וויל דאָס ניט, אז קינדער זאָלען קענען? דאָס געזונט זייערס איז אָבּער בּיי מיר טייערער. איך בּין א מוטער ניט אזא הייסע, נאָר דאָך א מוטער, ווייס איך, וואָס הייסט געזונט. מיין סאשקע מיט מיין סאָנקע, איידער זיי זענען אויסגעוואכסען — ע־הע־הע! קומט ער צו געהן און מוטשעט זיי — ער וויל, זיי זאָלען אלסדינג קענען, אלסדינג וויסען, אפילו אידיש, זאָגט ער, דארפען זיי אויך קענען. קארג, וואָס זיי האָבּען אויף זיך די גימנאזיע, מיט מוזיקע, מיט טאנצען, מיט שלעס, בּאדארפען זיי נאָך האָבּען אויף זיך נאָך איין אומגליק: אידיש לערנען! מע זאָל חאָטש לערנען אידיש, ווי מע לערענט, למשל, דייטש, אָדער פראנצויז, אָדער איינגעלש. צי דער אידישער לעהרער זאָל חאָטש זיין א לעהרער, ווי אלע לעהרערס. איז ער אָבּער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד, איך ווייס אליין ניט וואָס. וואָלאָדי אליין קאָן ניט ליידען דעם ריח פונ׳ם אידישען לעהרער. אלע מאָל נאָך

זיין אוועקגעהן עפענט ער אויף דאָס פענסטער. „צו וואָס טויג ער דיר?" — טענה איך מיט איהם. „ס'איז היינט, זאָגט ער, א מאָדע אידיש, דאַרפען זיי לערנען אידיש". איהר פאַרשטעהט? ס'איז א מאָדע! אלסדינג איז א מאָדע. קאָרטען איז אויך א מאָדע. מיין וואָלאָדי האָט אמאָל געוואוסט א פרעפעראַנס, א דערדע, א זעכס־און־זעכציג; היינט קאָן ער זיך שוין אוועקזעצען אויף א גאַנצע נאַכט און שפּיעלען ביז דעם אַנדערען אויפדער־נאַכט. ער קאָן זיך שוין כמעט אָהן קיין קאָרטען נישט באַגעהן. נאָר כל זמן ער האָט געשפּיעלט אין דער היים — האָט מיך ניט געאַהרט. איך אליין האַלט אויך פון א פּרעפעראַנס, און איין אָקעלע האָב איך אליין אויך ניט פיינט. ביי מיין מאַמען פלעגען מיר אַלע שפּיעלען גאַנץ אָפט אין אָקע. אַהרען אַהרט מיך נאָר, למאי ער שפּיעלט אין קלוב. אוי, דער קלוב! דער קלוב! פאַר־ברענט זאָלען ווערען אַלע קלובען איף דער וועלט! ערשטענס, איין עבירה טאַקי דאָס געלט. שפּיעלען שפּיעלט ער אויף צו געווינען, נאָר ער פאַרשפּיעלט, ער פאַרשפּיעלט א סך געלט! איך וויים, ווען ער פאַרשפּיעלט און ווען ער געווינט. קומט ער נערוועז, דאָס הייסט, ריין משוגע, לאָזט־אויס צו מיר זיין ביטער האַרץ, זוכט חסרונות אויף יעז'ען טריט — איז א סימן, אז ער האָט פאַרשפּיעלט. היינט די צייט, וואָס געהט אוועק! די נעכט! די ערשטע צייט, איידער איך בין געוואָהר געוואָרען, וואו ער ווערט פאַרשוואונדען אַלע נאַכט, בין איך געוועזן אויס מענטש, שיער ניט משוגע געוואָרען. אַלע מאָל האָט ער מיר צוגעטראַכט א נייעם תירוץ. דאָס — א בוררות דריי נעכט כסדר, א זאַסעדאַניע, אָדער גלאַט א גוטער ברודער האָט איהם פאַרשלעפּט צו זיך אויף א פּרעפעראַנס. נאָר וואָס דען? איך קען וואָלאָדין. איך וויים, ווען ער ליינט און ווען ער זאָגט אייז אמת. שווערט ער זיך און איז בשעת מעשה רעכט אין כעס, איז א סימן, אז ער זאָגט א ליגען. האָב איך אָנגעהויבען מסתמא נאָכצושמעקען און אויסצוטאַפּען, און בין געוואָהר גע־

וואָרען, אז ער געהט אין קלוב. אַ שטיין פונ'ם האַרצען! דאַנקען גאָט, וואָס חאָטש ניט ערגיץ אַנדערש... „וואַלאָדי, טענה איך מיט איהם, קאָרטען קאָנסט דו דען ניט אויספיהרען אין דער היים?" ענטפערט ער מיר: „אין קלוב זעהט מען זיך מיט דעם, מיט יענעם. מע הערט וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך"... בלאָטע! דאָס איז, ווי זאָגט מען, אַ תירוץ פאַר די בענטשליכט. „וואַלאָדי, טענה איך מיט איהם ווייטער, באַרעכען דיך, דו לאָזט מיך זיצען איינע אַליין גאַנצע נעכט, קוקסט ניט אָן, זאָג איך, קיין קינד אין די אויגען, גזלן, האָסט קיין מורא ניט פאַר גאָט, וואַלאָדי?" זאָגט ער, אַז ער האָט פיינט סצענעס, קאָן ניט הערען, אַז איך רעד מיט גאָט. הויב איך אָן וויינען. טהוט ער אַ זעץ מיט דער טיר, געהט אַוועק און קומט אויף מאָרגען אין דער פריה רעכט ברוגז. איהר פאַרשטעהט? א י ה ם קומט נאָך אַרויס! איך באַטראַכט איהם דעמאָלט, מיין וואַלאָדין הייסט דאָס, און דערמאַן מיך אין אַמאָל, אוי, בשעת ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום מיר, זיך גע'שדכנ'ט, געפּאַדקעוועט, געצעהלט די טריט, געהיט דעם שאָטען. ס'איז איהם ניט אָנגעקומען גרינג. קודם כל, האָט ער געזעהען, ער זאָל געפעלען ווערען דער מאַמע מיינער, אויסהערען פון איהר אויף אויסוועניג גאַנצע שטיקער פון געטע מיט שילער מיט טשאָקע. נאָכדעם האָט ער איהר געלייענט ביכער, און דוקא ראָמאַנען, און דוקא אַזעלכע, וואָס אַ שטיין קאָן צע־גאָסען ווערען, געהאַלטען איהר בשעת מעשה די בייוועלעך, זומער איהר געהאָלפען פרעגלען איינגעמאַכטס, ווינטער געשפּיעלט מיט איהר אין „קאָנטשעניע". גוט פאַרשוואַרצט געוואָרען, און אַלץ צוליעב מיר. נאָך מיר איז ער געשטאָרבען, אויסגעגאַנגען נאָך מיינע טריט! אַ קניהע ערד האָט ער אויסגעשלאָגען, ביז ער האָט דערלעבט צו הערען פון מיר דאָס גוטע וואָ"ט, וואָרום איך האָב געהאַט דעמאָלט דריי אַזעלכע חתנים פיינע בריה'ס, ווי ער. איינער פון זיי, ער איז היינט דאָקטאָר, איז אין מיר געווען פאַר־ליעבט טאַקי צום שטאַרבען. דאָס הייסט, זיי זענען אַלע געווען

נאך מיר די כפרה. און היינט? לאם איך וועלען היינט עמיצען פארדרעהען דעם קאפ, איז בײ מיר א מלאכה? אט, אשטייגער, ברענהאלץ דער אפטייקער, וואס טאנצט אזוי ארום מיר, — דערצעהלט ער מיר מעשיות, ווײל מיך אײנרעדען, אז איך בין יונגער מיט צעהן יאהר, ווי איך בין. און וואס קומט ער אקוראט דעמאלט, ווען וואלאדי איז ניטא?... אמת, איך אליין ווייז איהם א דרך; איך וויל, אז וואלאדי זאל דאס טאקי וויסען, און לאז דאס איהם פארדריסען... איך אליין דערצעהל נאכדעם וואלאדין: „דו ווייסט, זאג איך, ווער ס'איז דא געוועזען?" „ברענהאלץ?" — זאגט ער, און ער זאל זיך דאס אפילו פארקרימען! „מארגען, זאג איך, געהען מיר מיט איהם אויף שאליאפינען אינצווייען"... „מיט וועמען, מאכט ער, מיט ברענהאלצען?" איך קוק אויף איהם בשעת מעשה און טראכט מיר: „ווארט־אויס, איך וועל דיר דערגעהן די יאהר!" און רוף מיך אן צו איהם: „ווי מיינסט דו, וואלאדי, נישקשה מיר זאלען דינגען מיט ברענהאלץ דעם אפטייקער איין דאטשע?" „וואס זאל דא זיין, זאגט ער, קשה?" „ברענהאלץ, זאג איך, וויל מיט מיר פאהרען היינטיגס יאהר קיין מאריענבאד אינאיינעם". „געזונטערהייט", זאגט ער. געזונטערהייט? אבער גאר לא! דוקא ווייל דו ווילסט, וויל איך ניט... איך בעט אייך, וואס איז דאס געווארען מיט מיין וואלאדין? חברה האבען איהם גוט ארײנגענומען אין קאהן אריין... אה, חברה קאן! פון קלוב קאן קיין גוטס נישט ארויס. פון קלוב געהט מען אלע נאכט... איך ווייס וואוהין מע געהט. איך האב מיך שוין צעפרעגט. פון קלוב געהט מען אלע נאכט אין „פארנאס", אין „אלימפ", אין „ארקאדי", וכדומה אזעלכע פרייליכע ערטלעך, און מע פארברענגט די צייט גאנץ פרייליך... ברענען זאל דער קלוב! ברענען זאלען די קארטען! ברענען זאל די קאמפאניע! אמאל פלעגען מיר מיט וואלאדין אויסזיצען גאנצע נעכט און רעדען, רעדען, סיינמאל ניט אויסגעלאזט זיך קיין שטאף; און היינט קאנען מיר קיין האלבע שעה ניט זיצען אינאיינעם. אויסגעגאנגען בײ אונז

מאַטעריאַל. דערפאַר געפינט זיך בּיי אונז רעד מיט דעם דאָזיגען אַפּטייקער, מיט בּרענהאָלצען — פון דער וועלט רעד. פּוסטע דבּורים, חכמות, ליעדלעך, אַנעקדאָטען. אוי, האָט ער אַנעקדאָטען, בּרענהאָלץ, בּרענען זאָל ער אויפ'ן פייער! און דוקא אידישע אַנעקדאָטען, חי־חי, פון דער וועלט אַנעקדאָטען! איך האָבּ ליעבּ אַ שענעם אַנעקדאָט; הערען אַנעקדאָטען ווערט מיר קיינמאָל נישט נמאס. זיצט ער, בּרענהאָלץ הייסט דאָס, גאַנצע נעכט און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען... איך ווייס, אַז די גאַנצע שטאָדט האַלט מיך אין די מיילער. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס מע זאָגט אויף מיר, נאָר עס זאָל מיך אָנהויבּען צו אַהרען! מיך אַהרט נאָר, למאי עס אַהרט ניט וואָלאָדיען אַהרט דאָס ניט!... וועה־וועה! אַמאָליגע יאָהרען, למשל, ווען מע קומט און מע דערצעהלט וואָלאָדיען, אַז סע זיצט בּיי מיר גאַנצע נעכט איין אַפּטייקער און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען — האַ־האַ־האַ! און הייגט? גאָרניט. ער קומט אַמאָל צו געהן שפּעט בּיינאַכט, טרעפט ער איהם בּיי מיר זיצען אויפ'ן בּאַלקאָן — און גאָרניט. „וואָס הערט זיך עפּיס נייעס, פּאַני בּרענהאָלץ?" און פּאַני בּרענהאָלץ דערצעהלט איהם נייעס. וואָלאָדי רויכערט, מאַכט זיך, ווי ער הערט מיט קאָפּ, און האָט אין זינען בּשעת מעשה — ווייס איך וואָס, וואָרום דער קאָפּ איז איהם גאָר דאָרטען. איהר ווילט ווייסען, וואו דאָרטען? עה! איך זאָל ווייסען, וואו איז דער „דאָרטען", וואָלט דאָך גוט געווען! איך וויל שוין לאַנג ווייסען. איך האָבּ שוין אפילו אָנגעשמעקט אַ שטיקעל „סליד" אויך. דאָ ניט לאַנג האָבּ איך אויסגעטרייסעלט אַ בּריוועלע בּיי איהם, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פון די הויזען־קעשענעס, זעהר אַ שען בּריוועלע, אויף רויזענפּאַפּיער, דורכגעשפּיגעוועט מיט פּאַרפומען און גע'חתמ'עט „מאַשאַ"... מאַשאַ? מאַשאַ? ווער קאָן זיין די דאָזיגע מאַשאַ?... שוין צוויי וואָכען, אַז איך בּרעך מיר דעם קאָפּ, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זיין... אָה! לאָם איך נאָר געוואָהר ווערען אַקוראַט, וועט ער זיך בּיי מיר נישט נאַרען!

ער וועט ביי מיר האָבען אַ מאַשע! סע וועט איהם שוין זיין מאַשעדיג אין די אויגען!... שאַ, וואוהין בין איך דאָס פאַר־פאַהרען? פון וואָס האָב איך אייך אָנגעהויבען? יאָ, כפרות. איך וויים ניט, ווי אַזוי איהר; ביי מיר, עם מעגען פאַלען שטיינער פונ׳ם הימעל, אַ ווייסע כפרה אויף ערב יום־כפור — דאָס מוז זיין! „ווי די כפרה איז ווייס, בין איך ווייס פון זינד". אַזוי האָט מיך די מאַמע געלעהרענט. איך געה נאָך דער מאַמע׳ס שניט. דערפאַר מוז איך האָבען אַ כפרה אַ ווייסע. און נישט נאָר פאַר מיר — פאַר וואָלאָדין, פאַר די קינדער, און אפילו פאַר מיין קליין ליאָליטשקע קויף איך אַ קליין וויים היהנדעלע, אַ קליין וויים כפרה׳לע, מיר פאַר איהרע שענע אויגעלעך, און שלאָג מיט איהר כפרות. איך שלאָג פאַר זיי אַלעמען כפרות. אָך און וועה, אַז איך בין די איינציגע אידישקע אין שטוב, וואָס פאַרשטעהט אַ אידישען דין און וואָס האַלט פון אידישקייט... נעם איך דעם סידור, זאָג איך דעם „בני־אָדם", און דרעה, און דרעה די כפרה: „זאת חליפתי, זאת תמורתי, זאת כפרתי", און איך פיהל, אַז עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט, וואָרום ס׳איז אַ ווייסע, אַ ווייסע כפרה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען!...

דער יום־טוב׳דיגער צימעס

אַ מאָנאָלאָג פון אַ ווילנער אידינע

געשריבען אין יאהר 1904

דער יום־טוב׳דיגער צימעס

— זיי זאָגען, די היינטיגע הייסט דאָס, די עזות־פּנים׳ער, אַ קלאָג צו זיי, אַז דעמאָלט וועלען מענטשען זיין גליקליך, ווען מע וועט מאַכען אַ מישמאַש, שלי שלך, שלך שלי... און איך זאָג אייך, אַז אויב עס וועט אמאָל זיין אזוי, וועט דאָס הייסען תּוהו־ובוהו — הימעל און ערד און סטרוטשע־באָב. הערט אַ מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען פאַראַיאָהרען אין דער צייט, דעם ערשטען טאָג סוכּות. איך זיץ, ווייסט איהר דאָך מן הסתּם, אויף „גיטקע טויבע׳ס זאַוואולעק", ביי גוטקע נעחע׳ס אין הויף. דאָס הייסט, ס׳איז אַזוי גוטקע נעחע׳ס הויף, ווי איהר זייט מיר אַ פעטער. דער הויף איז איין „עקסווידאָרסקע הויף"; עס האָבען אין דעם אַ חלק, מיט גאָט׳ס הילף, פינף ברידער מיט צוויי שוועסטער. זענען די ברידער געשטאָרבען, און די שוועסטער זענען אויך געשטאָרבען, און אַלע האָבען געלאָזען קינדער, און דוקא היבשליך, קאָן מען זיך ניט איינטיילען; ניט פאַרקויפען, ניט צעוואַרפען, סיידען חלילה אונטערצינדען, איז איין עבירה די גאַס, עס קאָן אַוועקגעהן אַ האַלבע שטאָדט. האַלט מען זיך מיט דער דירה, ווי איך מיט מיינע צרות: ניט קיין דאַך, ניט קיין טרעפ, ניט קיין אויווען — אַ קאַטוך, צו אַלדי שווארצע יאָהר, און געה האַלט דאָרט אַ „הימעל־בעט" און צאָהל אַזאַ ראַטע, דריטהאַלבען רובעל אַ חודש נאָך מיט קאָפּיקעס. בייסער וואָס? ס׳איז שוין מיט הייצונג. ניט מעהר זאָלען אייערע שונאים

זשיפּען, ווי מע הייצט זיך אָן, אַ חוץ שבת און יום־טוב; ס'איז פון די מענטשען אליין, זאָגען זיי, געגוג ווארעם... טאַקי ווארעם! שוין צופיעל ווארעם! באַרעכענט, קיין עין־הרע, וויפיעל שכנים אויף איין דירה: שמערעל דער גלעזער — האָט איהר ניט איינס; פיני־מאיר דער קצב איז ניט צוויי; נפתלי־בער דער שמאַרגאָנער מלמד איז ניט דריי; משה'קע דער אַלמן איז ניט פיער. וואָלט ער זיין איין אַלמן, וואָלט זיין נישקשה; איז ער אָבער אזוי איין אַלמן, ווי איהר זייט אַ גובערנאַטער. מע רופט איהם אַלמן, ווייל ער איז אַמאָל געווען, ניט איצט געדאַכט, איין אַלמן. היינט איז ער, ברוך השם, אוים אַלמן. גאָט האָט איהם געבענטשט מיט איין אַרורה, זאָל זי זיך איהם נאָר האַלטען, רבונו־של־עולם...

היינט האָב איך פאַרגעסען רעכענען רב יאָשע דעם סופר מיט דער שנור. פאַר וואָס זאָג איך די שנור, ניט דער זוהן? ווייל דער זוהן איז אוועק אין מלחמה, האָט ער אָפּגעטראָטען זיין אָרט דעם גליקליכען פאָר, וואָס מע רופט זיי „די בונימאָוויטשעס". ווייסט איהר, פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס ער איז אַ קאַליקער און זי איז אַ בלינדע, זענען זיי מאסף ממון. אַ סברה גאָר, אַז זיי האָבען אַ שענעם קאַפּיטאַל, גאָר אַ שענעם קאַפּיטאַל — צוויי מענטשען און ביידע פאַרדיענערס! רב לייבע דעם בעל־מגיה פון דרוק רעכען איך שוין ניט, וואָרום ער איז ניטאָ אַ גאַנצע וואָך אין דער היים, אַ חוץ שבת; ער איז אַ מענטש אַ באַשעפטיגטער, האָט אפשר צעהן פּרנסות: אַ חוץ וואָס ער דיענט אין דער דרוק, איז ער אַ מעקלער פון ספרים, אַ געהער אויף מנינים, אַ שיקער פון חברות, אַ זאָגער פון תהלים, אַ שלאָגער פון מלקות, אַ בלאָזער פון שופר, און אַז עס מאַכט זיך, חס ושלום, איין אומ־גליק, אַ נוטה־למות, שטעלט ער צונויף אַ „יענך" — און נאָך כּדומה אזעלכע פּרנסות לרוב. נאָר האָט קיין מורא ניט — זיין אידינע זיצט אויך ניט לעדיג: פלעכט הבדלות און פאַרקויפט באָבעס, און — שדים ווייסען איהם — פאָרט אַ קבצן! אוואו

האָלט איך אין חשבון? אריבער אַ מנין געווים, און אפשר נאָך מיט אַ צולעג. וואָלט אַלץ זיין גוט, ווען אַלע וואָלטען דאַווגען אין איין שוהל. איז אָבער די צרה, וואָס דער איז אין ווילייקע און יענער אין חאַנדריקעווע. מילא, אַז דער גלעזער דאַוועגט אין דער גלעזערשער שוהל, דער קצב אין דער יאַטקעווער שוהל, דער מלמד אין דער ליבאַוויטשער שוהל — דאָס פאַרשטעהט מען נאָך: כּל עורב למינהו — איטליכער צו זיין צעך. אָבער דו, אַלמן, וואָס קריכסט דו אין דער אַלטער שוהל דוקא צו סיראָטע דעם חזן? ביזט דאָס טאַקי אַזאַ מבין אויף נגינה? איהר וואָלט איהם הערען, אַז עס קומט שבת זינגען זמירות — אַ קלאָג צו איהם! אַ שטים פון אַ געקוילעטען האָהן, און געגזעלט זיך נאָך. ער פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ מיט זיין „ברוך שאָכלנו", אַז דעם גאַנצען טאָג זונטאָג שאָכלנו'ט מיר אין די אויהערען; טאָמער ווייסט איהר, וואָס ער האָט געאָכלנו'ט ביי דער ארורה זיינער, אַ חוץ קללות מיט חרמות? און פון דעסטוועגען, רעדט מיט איהר, איז זי געוועבט: אַ מאַן, זאָגט זי, איז ווי דער גלות — אַט מע טראָגט איהם, נאָר מע איז שוין געוועהנט. וואָס זאָגט איהר צו איהר קאָפּ?...

דאַכט מיר, איך וואָלט מעהר באַדאַרפט האָבען טענות צו דעם, וואָס איך בין ניט ווערטה דעם נאָמען דערמאָנען, וואָרום מיינער איז דאָך טאַקי יע, ווי זאָגט מען דאָס, אַ כשר'ער שעפּס, טהוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיצט יומם ולילה אין שוהל על התורה ועל העבודה, און איך ליג אין דער ערד, ווי איהר ווייסט, און באַק בייגעל. בייסער וואָס? איך וועל האָבען אַ שטוהל אין גן־עדן. ארבייט איך טאַקי געטריי, ווי איין אייזעל, און איהם זעה, עס זאָל זיין דער שבת מיט'ן יום־טוב, כּיד המלך! פאַר וואָס שבת און יום־טוב? ווייל אַ גאַנצע וואָך עסט ער אויפ'ן חשבון פון דבורה־אסתּר. וואָס ער עסט און ווי אַזוי ער עכט — ווייל איך גאָר אַזוי ווייס די האַנט ניט אַריינלעגען. איך

וויים נאר, אז עס קומט שבת און יום-טוב, איז פאר איהם גרייט די חלות, מיט די דגים, מיט'ן שטיקעל פלייש, מיט אלעם מיט איינאנדער. און קומט יום-טוב — מוז זיין צימעס: פסח פלוימען-צימעס, און סוכות מעהרען-צימעס.

האט זיך געטראפען א מעשה: פאראיאהרען סוכות געווען א יקרות אויף מעהרען. שדים ווייסען זיי, נישט אריינגעפיהרט, אפנים. א רענדעל א מעהרעלע. נאר ס'איז עפים א תירוץ? ביי מיין מאן איז דער צימעס טייערער פון אלץ. ער וועט אייך מוחל זיין די דגים מיט'ן פלייש מיט אלעם מיט איינאנדער, אבי צימעס זאל איהם זיין. לאז זיך אייך דאכטען, איך וויים, אז ס'איז נאר געזאגט, ווייל דער צימעס איז דאך שוין נאך אלעמען, מעג ער זיין א ותרן... האב איך געבראכט א קאשעק מעהרען, צורעכט געמאכט, צוגעשטעלט און אפגעקאכט. וואס זאל איך אייך זאגען? טעם גן-עדן! ניט אומזיסט איז דאס ביי די נגידים א וואכעדיגער מאכל; די נגידים זענען ניט קיין נאראנים. זיי האבען ליעב אלסדינג אין דער וואכען דאס, וואס מיר האבען ליעב אום שבת... אפגעקאכט, אוועקגעשטעלט און פארשארט אין מיין ווינקעלע, — אימליכע שכנה האט זיך איהר ווינקעלע, — בין איך אוועק אויף א ווײַלע צו דער שוועסטער געוואהר ווערען. איך האב א שוועסטער ביילקע, איז זי, ניט פאר אייך גערעכט, געלעהמט אויף די פים שוין צעהן יאהר, און דאך לעבט זי פון איהרע אייגענע הענט: זי פליקט פעדערען. ווייניגער, הייסט דאס, פליקט זי פעדערען, און זומער ארבייט זי קינדערשע זעקעלעך מיט נארעסענע היטעלעך. זיצען זיצט זי אויף דער אידישער גאס, אויף לייבע לייזער'ס הויף, אויך איין עקסווידארסקע הויף, מיט נאך עטליכע הונדערט געזינדלעך. נו, וואס קומט מיר דער-פאר, איך בעט אייך, אז איך האב מיך ארויסגעחאפט אויף א
פאר, איך בעט אייך, אז איך האב מיך ארויסגעכאפט אויף א האלבע שעה צו דער שוועסטער איין מאל אין א יום-טוב? און אגב האב איך איהר טאקי געבראכט א חלה מיט א שטיקעל פיש,

לאָז זי אויך וויסען פון אַ יום־טוב צו זאָגען. פרעמדע, חלילה, טראָג איך איהר ניט, אייגענע האָרעוואַניע, דין־וחשבון פאַר׳ן מאַן דאַרף איך אויך ניט אָפּגעבען, היינט וועמען הער איך?

בייסער מע זעהט זיך ניט א גאנצענע וואך, א חוץ שבת און יום־טוב, האָבען מיר זיך א ביסעל פארדערדט. איז מען געקומען רופען מיך אהיים, איך זאָל גיכער געהן, וואָרום ער איז שוין געקומען פון שוהל, דער מאַן מיינער, א קלאָג צו מיר ניט, ער קאָן שוין זיין גוט בייז, וויל נעבאך עסען. בין איך דאָך געלאָפען ניט טוידט, ניט לעבעדיג, און געטראָפען אין סוכה שוין דאָס זעכסטע פּאָרעל זיצען ביי דער סעודה, וואָרום מיר אלע האָבען איין שטיקעל סוכה, און ניט אלע קאָנען עסען אין איין צייט. דאנקען גאָט, זאָגען האָט ער מיר ניט געזאָגט גאָרניט, דער מאַן מיינער. ער איז ניט פון די מאַנען, וואָס זאָגען. ער איז א שטילער מענטש. נאָר ברוגז׳ליך, זעה איך, איז ער. איך קען איהם שוין נאָכ׳ן קוק: קוקט ער אריין אין א ספר אריין, איז א סימן, אז ער איז ברוגז. דאָס הייסט, אין ספר אריין קוקט ער תמיד, נאָר קוקען צו קוקען איז ניט גלייך: יענס איז אנדערש געקוקט, און דאָס איז ווידער אנדער־ש געקוקט. און א ביסעל איז ער טאקי סגי־נהור׳דיג אויף איין אויג, קוקט דאָס אויס גאָר ניט יום־טוב׳דיג. הויב איך מיך אָן מסתמא פארענטפערען: דאָס, יענס, א שוועס־טער, ניט געזעהען זיך א גאנצע וואך — בלאָטע! מיינער איז ברוגז, קוקט אין ספר אריין. איהם אונטערגעטראָגען די קוואָרט, זיך געוואשען, דערלאנגט די פיש. שמעקט א מחיה. דאָס ביסעל פארפעל, דאָס שטיקעל פלייש — גוט און פיין ארום און ארום. געקומען צום צימעס, רוף איך מיך אָן צו איהם, פאַרט א מאַן, וואָס זיצט און לערנט: „איז פאַרהאַן, זאָג איך, ביי מיר אַ צימעס, הערסט דו, דער קייסער מעג איהם פארזוכען, כ׳לעבען! איין אמת׳ער אַ יום־טוב׳דיגער צימעס, און דוקא, זאָג איך, פון מעה־רען!“.... דערהערט צימעס, האָט מיינער אוועקגעלעגט דעם ספר

געוואָרען גאָר אַ פרישער מענטש. און איך לאָז מיך צום אויוועז. ערשט איך טהו אַ קוק — אַ קלאָג צו מיר ניט, דער טעפּעל ריין ווי גאָלד, און צימעס ניט אַ לעק, ניטאָ קיין צימעס! צימעס־צימעס, וואו איז מיין צימעס? איך לויף צו דעם, איך לויף צו יענעם: „האָט איהר ניט געזעהען מיין צימעס?" וואָסער צימעס? קיינער ווייסט ניט פון קיין צימעס! אַ גליק, איינע אַ שכנה האָט רחמנות געהאַט, האָט זיך אָנגערופען, אַז זי ווייסט, וואו איז מיין צימעס. ס'איז שוין, זאָגט זי, עליו־השלום, אויס צימעס. מע האָט איהם שוין לאַנג, זאָגט זי, אויפגעגעסען. נאָר ווער האָט איהם אויפגעגעסען — קאָן זי ניט זאָגען. זי האָט מורא, וויל ניט האָבען צו טהון מיט אַ סגי־נהור'טע, דאָס הייסט מיט אַ בלינדע... און דאָ, איך טהו אַ קוק אויף מיינעם — גזלן! אַריינגעשטעקט די נאָז אין ספר — און שאַ!...

לויף איך דאָך צו דעם גליקליכען פּאָר, וואָס מע רופט זיי „בונימאָוויטש": „סטייטש, אַ קלאָג צו אייך, וואָס האָט איהר, זאָג איך, געהאַט צו מיין צימעס?" זאָגט זי: „וואָסער צימעס?" זאָג איך: „דער יום־טוב'דיגער מעהרען־צימעס!" זאָגט זי: „אַ געזונט אין אייך, וואָס רעדט איהר? איך האָב געהאַט אַ קעקערע!"... האָט דאָס מיך מסתמא גוט פאַרבאַקען ביי'ם האַרצען: אַ הולטאַיקע קאָן! סטייטש, איך וויים, זי האָט ניט געהאַט קיין מעהרעלע אפילו אויף אַ רפואה, זאָגט זי מיר, אַז זי האָט געהאַט אַ קעקערע, אַ בעסערען צימעס נאָך פון מיינעם, הייסט דאָס! „האָט איהר, זאָג איך, געהאַט אַ קעקערע?" זאָגט זי: „אַ קעקערע!" זאָג איך איהר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע?" זאָגט זי מיר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע!" זאָג איך איהר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע?" זאָגט זי מיר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע!"... נו, אַט דאָ האָט מיר שוין דערלאַנגט אין דער ביין אַריין! מילא, זי זאָל מיר אָפּלייקענען, אַז ניט זי האָט צורעכט געמאַכט דעם צימעס, וואָלט איך אפשר קלערען: אַ קשיא, טאָמער

ניט זי, טאַמער עמיצער אנדערש? נאָר זאָגען, אַז זי האָט געהאַט אַ קעקערע!...

וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען ווייטער? ס'איז געווען ניט שען, זעהר ניט שען... און ווער איז שולדיג, אַז מע האָט גענומען מענטשען און מע האָט זיי צונויפגעפּאַקט אַלע אינאיינעם, ווי, להבדיל, די היהנער אין אַ קאַטוך, און געה טהו! און רעדט מיט זיי, מיט די היינטיגע, הייסט דאָס, אָט די עזות־פּנים'ער, וואָס ווילען מאַכען נייע פּאָראַדקעס אין שוהל־הויף, איינפיהרען, ס'זאָל זיין אַ מישמאַש, כּולם אהולאָם, — דרינגען זיי, אַז קלוגע מענטשען זאָגען, אַז אַזוי איז גוט... און איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל: ס'איז תּוהו ובוהו — הימעל און ערד און סטרוטשע־באָב, און האָט מיר אַ גוטינקען יום־טוב!

אַ נגיד'ישע פּרעושעניצע

אַ ליטווישער דיאַלאָג

געשריבען אין יאהר 1904

אַ נגיד'ישע פּרעזשעניצע

— זאָל איך דיר זאָגען, הינדע? דעם קאַפּטען פאַר־
זעצען, אַ נגיד זאָל מען זיין!

— אקעגען וואָס איז געקומען צו רעד?

— געוועזן ביי'ם נגיד. דערלאַנגט צום טיש אַ פּרעזשעניצע.
ניט שייך צו זאָגען — אַ גאָלד!

— טור! וואָס איז דאָרטען? מיט פליטערלאַך?

— ניט שייך צו זאָגען — טעם גן־עדן!

— געגעסען?

— פּטור! וואָס פאַר אַ מחותּן?

— פון וואַן זשע ווייסטע?

— מזעהט ניט?... אַ חיות צו קוקען פון דער ווייטען!
צעגעהט אין מויל, ווי אַ פּוטער!...

— נגידים — וואָס פעהלט זיי?

— קאַפּוועהטיג! כוואָלט וועלען זעהען, הינדע... נמ... נמ...
זאָלסט אמאָל מאַכען אַ פּרעזשעניצע...

— טאַקי? אַ קליינע השגה!

— פאַר וואָס ניט? איין מאָל אין לעבען!...

— משוגע — וואָס?

— נמ... נמ... חלש'ט מיר די הארץ, הינדע!... מאַך מיר
אַ פּרעזשעניצע, זעה!...

— אַ קלאָג! פון וואָס מאַכט נעם — ווייסטע?

— פטור! פון וואן זאל איך וויסען?

— טא וואס זשע רעדסטע?... ערשטענס, לעגען זיי אריין, די נגידים, ווער ווייס וויפיעל פוטער!...

— מילא, איז אהן פוטער, אבי א פרעזשעניצע!

— א צורה! היינט מילך?

— מילא, איז אהן מילך, אבי א פרעזשעניצע!

— גוט! אבער אייער? אהן אייער קאן מען דאך ניט מאכען א פרעזשעניצע!

— אייער? אוואו שטעהט דאס „אייער"? מע צעשלאגט איין איי און מע מאכט א פרעזשעניצע.

— גע'פועל'ט! אוואו נעמט נעם? געוועז איין איי, איז אוועק א האלבער געלבעל אויף געפילאכץ און א ביסעל פון דעם ווייסעל אויף די חלות.

— נא-נא! אז דו ווילסט, געפינסטע נאך פון וואס צו מאכען א פרעזשעניצע!

— פון וואס? פון דער לושפייקע? א האלבע איי!

— איך ווייס? ביזט דאך עפים א בעל-הבית'טע!

— א בעל-הבית'טע! סיידען מיט מעהל א ביסעל?

— זאל זיין מיט מעהל, אבי א פרעזשעניצע.

— חכם! אוואו נעמט נעם?

— עט, א ביסעל מעהל אייך א זאך?

— אייך א זאך... סיידען רעטשענע?

— זאל זיין רעטשענע, אבי א פרעזשעניצע.

— א צורה! סיידען מיט א ציבעלע?

— זאל זיין מיט א ציבעלע, אבי א פרעזשעניצע.

— גאר פארגעסען! ניטא קיין ציבעלעס. פראן א קנאבעלע.

— זאל זיין א קנאבעלע, אבי א פרעזשעניצע.

— א שענע פרעזשעניצע! מיט וואס באשמירט נעם די סקאווערדע?

— שמיר מיט וואס דו ווילסט, אבי א פרעזשעניצע.

— נא דיר א פרעזשעניצע !... אָנגעשפּאַרט דער יצר־הרע !... געזעהען ביי׳ם נגיד... דער נגיד זאָל זיך אָפּשניידען דעם נאָז, דאַרף נעם אייך שניידען דעם נאָז... אבוזשאַנע !... ננאַ ! נא דיר א פרעזשעניצע פּלוצים !... גיה וואַש דואַך, שיים פּאַרטיג די פרעזשעניצע !

— שיים פאַרטיג די פרעזשעניצע ? אָט אַזוי, הינדע, האָב איך דיר ליעב... די נגידים מיינען — נאָר ביי זיי פּראָן פרעזשעניצעס... איין אייזעלער מאכל !... עס שמעקט דער קנאָבעל — א חיות !... גוט, הינדע ! כוואָלט אלע טאָג עסען פרעזשעניצעס... הערסטע, הינדע, וואָס כוועל דיר זאָגען ?... נמ... נמ... דיין פרעזשעניצע איז גאָר ניט דאָס... עפּיס זויערלאַך, ווינציג זאַלץ און קלעפּיג... נמ... נמ... זאָלסט מיר מוחל זיין... נמ... נמ... גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד... חלשות, טפו ! דער שוואַרץ־יאָהר וויים זיי, די נגידים, אין וואָס זיי קאָכענען זאַך !...

איין עצה

געשריבען אין יאָהר 1904

איין עצה

— שוין פון א טאָג דריי, אז עס געהט צו דיר א יונגערמאַן אַלע אינדערפריה און ביטאָג און אויפדערנאַכט, און טרעפט דיך ניט אין דער היים. ער דאַרף דיך, זאָגט ער, זעהר נויטיג זעהען!

אזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט א בשורה, בשעת איך בין גע־קומען איינמאָל צו פאָהרען פון וועג אהיים.

— מסתמא א מחבר מיט א „ווערק“! — אזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב מיך אוועקגעזעצט צום טיש, און נאָר גענומען זיך צו דער אַרבייט — אהא, מע קלינגט שוין! עס עפענט זיך די טיר און עמיצער דאַרטען פאַרקעט זיך, טהוט אויס די קאַלאָשען, הוסט, שנייצט די נאָז — אַלע סימנים פון א מחבר. איך וואָלט שוין וועלען זעהען דעם פאַרשוין! גאָט האָט געהאָלפען, ער איז אַריין. אָפּגעמאַכט צו מיר א גאַנץ פיינעם „בואי־בשלום“, דאָס הייסט, אָפּגעטראָטען אויף א פאָר טריט צוריק, געמאַכט א מין רעווערענס, געריבען בשעת מעשה א האנט אָן א האנט, האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט און אָנגערופען א נאָמען פון דער הגדה, איינעם פון די נעמען, וואָס אָט האָט איהר דאָס געהערט, און אָט האָט איהר דאָס פאַרגעסען — אוועקגעפלויגען.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

— איך בין געקומען צו אייך מכח זעהר א נויטיגער זאַך. דאָס הייסט, פאַר מיר איז די זאַך נויטיג, זעהר נויטיג, ממש, קאָן מען זאָגען, נוגע אין לעבען אַריין, און נאָר איהר, אַזוי מיין זייך, וועט

דאָס פאַרשטעהן. איהר שרייבט אזוי פיעל, אז איך מיין, אז איהר באַדאַרפט וויסען אַלסדינג און איהר באַדאַרפט זיין א מבין אויף אַלסדינג. אזוי מיין איך. דאָס הייסט, ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייגט, אז ס'איז אזוי.

איך באַטראַכט מיין פאַרשוין: א טיפּ פון א קליינשטעדטעל־דיגען משכּיל, א מחבּר. א יונגערמאַן מיט א בלאַס פּנים, מיט גרויסע שווארצע רחמנות־אויגען, דאָס הייסט, אזעלכע אויגען, וואָס בעטען זיך: „האָט רחמנות אויף איין עלענדע, א פאַרבלאָנזעטע נשמה". איך האָב נישט ליעב אזעלכע אויגען. פאַר אזעלכע אויגען האָב איך מורא: קיינמאָל לאַכען זיי נישט, טהוען נישט קיין שמייכעל, שטענדיג פאַרטיעפט אין זיך — איך האָב פיינט אזעלכע אויגען.

— אנו, ווייזט, וואָס האָט איהר דאָרטען? — מאַך איך צו איהם, לעג־אוועק די פען, שפּאַר מיך אָן אויפ'ן בענקעל און וואַרט, אז אָט באַלד נעמט ער זיך צום בוזעם און שלעפּט אַרויס א היבש פּעקעל כּתבים, געווים א ראָמאַן אין דריי טיילען, לאַנג ווי דער אידישער גלות, אָדער א דראַמע אין פיער אקטען, וואָס די פאַר־שוינען הייסען: מערדערזאָהן, עהרליכמאַן, פרומהאַרץ, ביטערצווייג, וכדומה אזעלכע נעמען, וואָס פון זיי אליין זעהט איהר שוין אַרויס, מיט וועמען איהר האָט צו טהון... און אפשר איז דאָס גאָר נייע ליעדער פון ציון?

„אהין אויף די בערג טהוט איהם ציהען,
דאָרט וואו דער אָדלער טהוט פליהען,
דאָרט וואו דער איילבערט טהוט בליהען,
דאָרט וואו די נביאים האָבען געטהאָן ריהען,
און פאַר גאָט געטהאָן קניהען..."

מיר זענען קענטליך די דאָזיגע ליעדלעך, די דאָזיגע גראַמען, וואָס קריכען פונ'ם האַלז, שעמערירען אין די אויגען, זשומען אין

די אויהערען און לאָזען־איבער אין הארצען נאָך זיך א ווילדע פוסטקייט, א מאָדנע וויסטעניש אויף דער נשמה.

שטעלט אייך אָבער פאָר — איצטיגס מאָל האָב איך דוקא נישט געטראָפען: דער יונגערמאַן האָט זיך נ י ט גענומען צו דער בוזעם־קעשענע, נ י ט ארויסגעשלעפּט קיין פּעקעל כתבים, נ י ט אין זינען געהאַט אפילו לייענען מיר א ראָמאַן, א דראמע, אָדער גייע לידער פון ציון. ער האָט נאָר צו־רעכט געמאכט דעם קאָלנער פון העמד, אויסגעהוסט זיך פריהער און א זאָג געטהאָן צו מיר:

— איך בין געקומען צו אייך אהער, הייסט דאָס, נישט מעהר ווי אויסדערצעהלען אייך מיין ביטער הארץ און זיך איין עצה האלטען מיט אייך. אזא מענטש, ווי איהר, באדאַרף מיך פאַר־שטעהן. איהר שרייבט אזוי פיעל, אז איהר מוזט וויסען אלסדינג, און נאָר איהר קאָנט מיר געבען די רעכטע עצה. און גלויבט מיר, וואָס איהר וועט מיר זאָגען, דאָס וועל איך טהון. איך געב איין מיין עהרענוואָרט! האָט קיין פּאראיבעל נישט, אפשר נעם איך צו ביי אייך צייט?

— נישקשה, עס מאכט נישט אויס. דערצעהלט, דער־צעהלט! — מאַך איך צו איהם און פיהל, ווי א שטיין איז מיר אראָפּ פונ׳ם הארצען. און דער יונגערמאַן רוקט זיך צו צום טיש און הויבט־אָן צו דערצעהלען זיין ביטער הארץ פריהער פּאַוואָלינקע, געלאַסען, און וואָס ווייטער מיט אלץ מעהר היץ.

— אליין בין איך, דאַרפט איהר וויסען, א יונגערמאַן, ווי איהר זעהט מיך, פון א קליין שטעדטעל. דאָס הייסט, דאָס שטעד־טעל איז גאָרניט אזא קליין שטעדטעל, און דוקא א היבש שטעד־טעל, א שטאָדט קאָן מען זאָגען, נאָר קענען אייער שטאָדט הייסט דאָס א שטעדטעל. דאָס דאָזיגע שטעדטעל, אזוי מיין איך, קענט

איהר דוקא ועהר גוט, נאָר איך וויל דאָס אייך נישט פורש בשמו
זיין, מחמת אַ קשיא אויף אייך, איהר קאָנט דאָס נאָך באַשרייבען,
פּאַסט דאָס מיר ניט איבער אַ סך טעמים... מיט וואָס איך פאַר־
געם זיך, ווילט איהר וויסען? הם... איך פאַרנעם זיך... הייסט
דאָס, טהון טהו איך לעת־עתה גאָרנישט ניט, זיץ נאָך, הייסט דאָס,
אויף קעסט ביי שוועהר און שוויעגער, דאָס הייסט, נישט אויף
קעסט, נאָר אינאיינעם זיצען מיר, אויף אַלעם גרייטען, מחמת זי
איז, דאַרפט איהר וויסען, אַ בת־יחידה, איין איין־און־איינציגע
חייסט דאָס, מעהר נישטאָ ביי זיי קיין קינדער, אַ חוץ די איינע
טאָכטער, און זיי קאָנען, נישקשה, באַשטעהן אונז אויסהאַלטען נאָך
צעהן יאָהר, מחמת זיי זענען, דאַרפט איהר וויסען, פאַרמעגליכע
לייט, מע קאָן אויף זיי זאָגען נגידים, און ווערליג ביי אונז — הייסען
זיי גרויסע נגידים, גבירים אדירים, וואָרום רייכער פון זיי איז שוין
ביי אונז נישטאָ. מיין שוועהר באַדאַרפט איהר געוויס קענען.
אַזוי מיין איך. איך וויל אייך נישט פורש בשמו זיין, סע פּאַסט
נישט. ער איז אַ איד, דאַרפט איהר וויסען, וואָס האָט ליעב זיך
לאָזען הערען אויף דער וועלט, מע זאָל איהם קענען. למשל, אויף
באָברויסקער נשרפים האָט ער געגעבען די שענסטע נדבה, אויף
קעשענעוו האָט ער געשענקט מעהר פון אַלעמען. אין שטאָדט
גופא ביי אונז גיט ער אפילו ווינציג־וואָס, נאָר אין דער פרעמד
האָט ער ליעב זיך אויסשטעלען פיין, אַלע זאָלען וויסען. ער איז,
פאַרשטעהט איהר מיך, גאָר קיין נאַר נישט. ער ווייסט גאַנץ
גוט, אַז דאָ, אין שטאָדט, האָט מען סאַי ווי סאַי פאַר איהם דרך־
ארץ — פאַר וועמען באַדאַרף ער זיך דאָ אויספּיינען? איז ער
זיך מיישב און שטעלט זיי גאָר אַ פייג. ער איז אַ מענטש, וואָס
סאַטאָרי ער קאָן נישט געבען. ער זאָגט אַליין, אַז ער קאָן נישט
געבען. אַז מע קומט צו איהם נאָך אַ נדבה, ווערט ער מודה און
זאָגט: „שוין? איהר זענט שוין געקומען נעמען? נאַט אייך
די שליסעלעך און געהט אייך אַליין צו דער שאַפע און נעמט אייך
וויפיעל איהר דאַרפט"... מיינט איהר דאָך מסתמא, אַז אַט נעמט

ער ארוים די שליסעלעך? האָט איהר במחילה א טעות! די שליסעלעך פון דער שאַפע ליגען ביי איהם סך־הכּל פאַרשלאָסען אין אַ טישקעסטעל, און א חוץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פון טיש־קעסטעל אויך ערגיץ באַגראָבען. אָט אזא מענטש איז ער, דער שוועהר מיינער. און וואָס זאָלט איהר קלערען? אודאי, ווי דער מענטש פאַרדיענט, אזא נאָמען האָט ער. צווישען אונז רעדענדיג, הייסט ער טאַקי ביי אונז אין שטעדטעל „דער דבר־אחר"... געוויינטליך, הינטער די אויגען; אין די אויגען חנפה'ט מען איהם אזוי, אז סע שלאָגט צום הארצען. און ער איז זיך מיישב און נעמט דאָס אָן דוקא פאַר גוט געלט, גלעט זיך דאָס בייכעל און לעבט זיך אָפּ א גוטען טאָג. סטייטש געלעבט! לעבען צו לעבען איז נישט גלייך! באַרעכענט אייך נאָר אליין: א מענטש טהוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, שען געזעסען, פיין געגעסען, גוט גע־שלאָפען — וואָס ווילט איהר נאָך? נאָכ'ן שלאָפען הייסט מען איינשפּאַנען דאָס פאַיטאָנדעל און מע פאָהרט־ארוים א ביסעל אויפ'ן שפּאַציער איבער דער בלאָטע. און קומט פאַרנאַכט, געהט מען זיך צונויף מענטשען פון שטאָדט, דער מיט אזא פּזמון, דער מיט אזא מין רכילות, א נעכטיגען טאָג; און מע באַרעדט די גאַנצע שטאָדט, און מע לאָזט אַרויס פון דער גאַנצער וועלט. נאָכדעם דערלאַנגט מען דעם גרויסען סאַמאָוואַר און מע זעצט זיך אוועק מיט שמואל־אבא דעם שוחט שפּיעלען אין דאָמינעס. שמואל־אבא דער שוחט, דאַרפט איהר ווייסען, איז א יונגערמאַן טאַקי מיט פּאה'לעך, נאָר א היינטוועלטיגער שוין, מיט א ווייסען קאָלנער, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך, און אַנטלויפט נישט פאַר קיין יונגע ווייבלעך, און האָט א פיין העלזעל, קאָן שען זינגען, און שרייבט אויס א בלאַט, און שפּיעלט זעהר גוט אין שאָך און אין דאָמינעס. און אז זיי זעצען זיך שפּיעלען אין דאָמינעס, קאָנען זיי אוועק־שפּיעלען אָט אזוי א גאַנצע נאַכט, און דו זיץ און קוק און געהניץ. דאָס מויל ווערט שיער נישט צעריסען! נעם זשע, דו שוטה, שטעה אויף און געה דיר אוועק צו זיך אין חדר'על און זעץ זיך איבער

א בוך, צי איבער א בלאט־צייטונג? איז ניין! פאר וואס? סע פאסט נישט. סע זיצט א פרעמדער מענטש — ווי אזוי הויבט מען זיך אויף און מע נעמט און מע געהט־אוועק אין מיטען דרינען? פאר אזא מעשה, דארפט איהר וויסען, ווערט דער שוועהר ברוגז. דאס הייסט, זאגען זאגט ער גארנישט, נאר ער בלאזט זיך אן, ווי איין אינדיק, און ענטפערט נישט, חאטש רעד צו איהם צוזעצ־טערהייט! און אויף איהם קוקענדיג — אויך די שוויעגער! און וויבאלד שוועהר און שוויעגער זענען נישט שוה־בשוה מיט'ן איידעם, קוקט שוין זי אויך צו אלדי שווארצע יאהר — פארט א בת־יחידה, איין־און־איינציגע ביי טאטע־מאמע, וואס זיי זענען, זאגט זי, ביי איהר דאס חיות מיט דער נשמה, און זי ביי זיי — דאס אויג אין קאפ, מיט סכנת־נפשות, אזוי אז טאמער מאכט זיך, זי ווערט עפיס נישט מיט אלעמען, איז באלד דער דאקטער, באלד קעהרט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפיס א חידוש, וואס אזא נפש, ווי זי, נעמט זיך איבער און מיינט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפען געווארען נאר פון איהרעטוועגען? און דערצו, דארפט איהר וויסען, איז זי נאך נישט איבעריג קלוג אויך. דאס הייסט, אזוי אפילו, אז איהר וועט מיט איהר רעדען, איז זי, דאכט זיך, נישט קיין נאר, גאר קיין נאר נישט, מע קאן זאגען א קלוגע, א גאנץ קלוגע, א חרוצה, א מאנסבילשער קאפ אויף איהר! נאר וואס דען? אט דאס, וואס זי איז צעבאלעוועט, צעפעסטעט, א ווילדע ציעג. טאג ווי נאכט אדער חא־חא־חא, אדער גאר א ווארף געטהאן זיך אין בעט אריין און צעוויינט זיך, ווי א קליין קינד. „וואס איז דיר? וואס פעהלט דיר? וואס וויינסט דו? וואס ווילסט דו?" — ענטפערט די וואנט?... מילא. וואלט דאס נאך אויך געוועזן א האלבע צרה. א ווייב אז זי וויינט, וויינט זי אזוי לאנג, ביז זי וויינט זיך איבער! איז אבער דער חסרון — די שוויעגער. ווערט געוואהר די שוויעגער, קומט זי צו לויפען אין איין אימפעט מיט'ן טערקישען שאל אויף די פלייצעס, ברעכט די הענט און לייענט מיט א נוסח פון תחינות, און א קול האט זי,

דארפט איהר וויסען, פון א מאנסביל: „וואס איז דיר, טאכטער־לעב? וויעדער ער? את דער רוצח, דער גזלן, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואס אהרט דאס איהם, אשטייגער, וואס איך האב נאר איין אויג אין שטערן? דער בויך האט איהם וועה געטהאן? צי ער האט בלוט פארגאסען?"... שיט, שיט מיט רעד, ווי פון א זאק! עס ווייזט זיך מיר אויס, אז זי וועט אייביג אזוי שיטען, קיינמאל נישט אויפהערען, און עס זיגעט מיך ביי'ם הארצען, עס נאגט די נשמה, און עס נעמט מיך אן א חשק נעמען איהר טערקישען שאל, צעקנייטשען מיט די הענט, צעטרעטען מיט די פיס און צערייסען אויף שטיק־שטיקלעך! חאטש, אייגענטליך, אז מע וויל שמועסען צוריק, וואס האב איך צו איהר שאל? א שאל ווי אלע טערקישע שאלען, וואס מע ברענגט זיי צו פיהרען פון בראד. אייך באדארף זיין באקאנט די דאזיגע טערקישע שאלען: געמאהלטע, מיט רויטע, געלע, גרינע, ווייסע, שווארצע קעסטעלעך, מיט שפריינקעלעך באשפריינקעלט און מיט פרענזעלעך באפרענזעלט...

— זייט זשע מוחל, יונגערמאן! — האק איך איהם איבער סאמע אין מיטען. — דאכט זיך, איהר האט געזאגט, איהר ווילט זיך עפּיס איין עצה האלטען מיט מיר מכח איין ענין?...

— האט קיין פאראיבעל ניט, — מאכט ער און חאפּט איבער דעם אטהעם, — אפשר נעם איך צו ביי אייך צייט? נאר דאס איז נויטיג געוועזן, פארשטעהט איהר מיך, טאקי צום ענין, איהר זאלט ווערען א ביסעל באקאנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשען, און אז איהר וועט ווערען באקאנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשען, וועט איהר ערשט דעמאלט פארשטעהן די לאגע מיינע... איז וויבאלד זי ווערט, חלילה, נישט מיט אלעמען, מיינע הייסט דאס, הויבט אן די שוויעגער וואָרטשען, און דער שוועהר הייסט איינשפּאנען דאס פאיטאנדעל און שיקט אוועק נאכ'ן דאקטער, דעם נייעם דאקטער, — אזוי טאקי רופט מען איהם

ביי אונז: „דער נייער דאָקטער", — איך וויל אייך ניט פורש בשמו זיין, האַפּט איהם דער וואַטענמאַכער!... און אָט אַדאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה, וואָס וועגען דעם טאַקי האָב איך אייך געוואָלט דערצעהלען און זיך מיט אייך איין עצה האַלטען.

מיין פּאַרשוין שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ווישט זיך אויס דאָס פאַרשוויצטע פּנים, רוקט זיך צו צו מיר מיט'ן בענקעל אַ ביסעל נעהענטער און גרייט זיך צו דערצעהלען ווייטער, נעמט בשעת מעשה אין האַנט אַריין אַ זאַך אויף צו האַלטען, מחמת ס'איז פאַראַן מענטשען, וואָס אַז זיי רעדען, מוזען זיי עפּיס האַלטען אין דער האַנט, אַנדערש קאָנען זיי ניט דערצעהלען קיין מעשה. ביי מיר אויפ'ן שרייב־טיש שטעהען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע זאַכלעך, ראַריטעטען, צאַצקעס, און צווישען זיי אויך אַ קליין וועלאָסיפּעדעל, אַ ציגאַרענשניידער. דאָס דאָזיגע וועלאָסיפּעדעל האָט אַזוי נושא־חן געווען ביי'ם עולם, אַז איטליכער, ווער עס קומט אַריין צו מיר, איז קודם־כל נעמט ער זיך צום וועלאָסיפּעדעל. אויך דעם דאָזיגען פּאַרשוין מיינעם איז דאָס וועלאָסיפּעדעל, אַפּנים, שטאַרק געפעלען. פריהער האָט ער דאָס בשעת דערצעהלען באַ־טראַכט, נאָכדעם גענומען אין האַנט, נאָכדעם געפּרובט דרעהען די רעדלעך — הכלל, ער האָט דאָס וועלאָסיפּעדעל שוין מעהר פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען ווייטער:

— אַלזאָ, „דער נייער דאָקטער". דאָקטוירים, דאַרפט איהר וויסען, איז פאַראַן ביי אונז אין שטעדטעל, אַזוי ווי די הינט: פאַראַן דאָקטוירים קריסטען, און פאַראַן אידישע דאָקטוירים, און דאָקטוירימלעך; פאַראַן אויך דאָקטוירים ציוניסטען, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ציוניזם. נאָר דער דאָק־טער, וואָס איך דערצעהל אייך, איז נאָך גאָר אַ יונגער דאָקטער, טאַקי אַ היימישער, אַ שניידער'ס אַ זוהן, דאָס הייסט, דער פאָטער זיינער איז געווען אַמאָל אַ שניידער — היינט איז ער שוין אויס

שנײדער, װאָרום װי שטעהט איהם אָן זײן אַ שנײדער, אַז ער האָט אַ זוהן אַ דאָקטער? מײן איך פאַרקעהרט: װי שטעהט אָן דעם זוהן דעם דאָקטער צו האָבען אַ טאַטען אַ שנײדער, און נאָך אַזאַ מין שנײדער, װאָס איז צװישען שנײדערס אַ שנײדער? דהײנו: אַלײן איז דאָס אַ אידעל, דאַרפט איהר װיסען, אַ קלײנס, מיט אַ װאַטאָװער קאַפּאָטע און מיט אַ קאַסאָקע אױגעל און מיט אײן אײנגעבױגענעם פינגער, און אַ קול האָט דאָס, װי אַ גרײגער, און סע געהט־אַרום טאָג װי נאַכט און סע גרײגערט: „מײן דאָקטער האָט דאָס נעכטען געהאַט אַ פּראַקטיקע, אַי אַ פּראַקטיקע! מײן דאָקטער, אַז ער װיל, קאָן ער! מײן דאָקטער!"... ער פאַרהאַקט איטליכען באַזונדער דעם קאָפּ מיט זײן דאָקטער! און דערצו איז נאָך דער דאָקטער, צו די צרות, דאַרפט איהר װיסען, אַ װײבערשער דאָקטער, דאָס הײסט, אײן אַקושאָר, — איז װאו ערגיץ אַ סוד, פּױקט ער אױס, דער קאַסאָקע שנײדער, איבער דער גאַנצער שטאָדט. אַז אָך און װעה איז שױן יענעם װײבעל אָדער יענעם מײדעל, װאָס פאַלט־אַרײן צום דאָזיגען דאָקטער אין די הענט און צו זײן פאַטער דעם שנײדער אין מױל אַרײן... עס האָט זיך אַנומעלטען געטראָפען בײ אונז אַ מעשה, אַ מײדעל איז געװען בײ אונז...

— זײט זשע מוחל, יונגערמאַן! האָק איך איהם איבער נאָך אַ מאָל אין מיטען די רעד. — דאַכט זיך, איהר האָט געװאָלט מיט מיר זיך עפּיס אײן עצה האַלטען?

— האָט קײן פאַראיבעל ניט, אפשר נעם איך צו בײ אײך צײט? נאָר איך האָב אײך אָנגעהױבען מיט'ן דאָקטער, װײל ער איז אינגאַנצען דער מלאך־המות טאַקי! װען ניט ער, װאָלט דאָך מיר געװען גוט װי די װעלט. װאָרום װאָס פעהלט מיר, איך בעט אײך? אַז אַ װײבעל האָב איך, דאַרפט איהר װיסען, אַ פאַרשױן, אַ יפת־תואר קאָן מען זאָגען, און קײן קינדער, דאַרפט איהר װיסען, האָבען מיר נאָך ניט, און אַ בת־יחידה איז זי, אײן־און־אײנציגע, איבער הונדערט און צװאַנציג יאָהר איז דאָס אײג־

גאנצען איהרם, מיינס הייסט דאָס, און כּבוד האָב איך אויך, ניט צו פארזינדיגען, ווערליג א נגיד׳ס איין אײדעם, ניט זשעדנע, דאנקען גאָט, נישט קיין אויבען־אָן, נישט קיין מפטיר שבת און יום־טוב, נישט קיין כּיבוד, אז סע מאַכט זיך ערגיץ א ברית; אויך מיט׳ן אתרוג, צו די הושענות, בין איך דער ערשטער נאָכ׳ן שוועהר: פריהער דער חזן, געוויינטליך, נאָכדעם דער רב, נאָכדעם דער שוועהר, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריגער עולם. און אפילו אין מרחץ, להבדיל, אז איך טהו מיך אוים און קום־אריין, מאַכט דער בעדער א טארעראַם: „לאָזט נאָר, אידען, מאַכט אַ ווארע, דעם נגיד׳ס איידעם געהט!" איך שווער אייך בנאמנות, אז סע איז מיר פריקרע, איך האָב עס פיינט. שייך זאָגען פיינט? חנופה האָט איטליכער ליעב, און פון כּבוד זאָגט זיך קיינער נישט אָפּעט, נאָר וואָס דען? ס׳איז שוין צופיעל, ובפרט, אז איך וויים, אז איך האָב עס כּלל נישט פארדיענט. וואָס איז? באשר דער שוועהר איז א נגיד? לאָזען זיי איהם חנפה׳נען, לאָזען זיי איהם לעקען, זייט מיר מוחל, צעזעצטערהייט, וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענטשען, זאָג איך אייך, נאָך גאָר ווילדע מענטשען, און איך באדארף זיצען מיט זיי, ווי אין געפענקעניש, ווארום צונויפגעהן זיך מיט אבי וועמען לאָזט מען מיך נישט; ווי פּאַסט דאָס פאר׳ן נגיד׳ס איידעם? רעדען מיט׳ן שוועהר — איז נישטאָ מיט וועמען. ער איז, דארפט איהר וויסען, א פּראָס־טער נפש, זעהר א פּראָסטער נפש, א גרויסער עם־הארץ, זאָל ער מיר מוחל זיין, — ווי ער הערט נישט, אזוי זאָל איהם נישט שאַד־טען. און זי — א ווילדע ציעג, א בת־יחידה, ווי איך האָב אייך געזאָגט; אָט לאַכט זי, און אָט וויינט זי, אָט איז חא־חא־חא, און אָט טהוט זיך זיך א וואָרף אין בעט אריין, און מע שיקט נאָכ׳ן נייעם דאָקטער. און דער נייער דאָקטער — פארהאַפּט זאָל ער ווערען! דערמאָן איך זיך אָן איהם, ווערט מיר מיאוס ומאוס דאָס לעבען מיינס! איהר מעגט מיר גלויבען, סע מאַכט זיך אַמאָל א צייט, אז סע ווילט זיך מיר אָרער תאַפּען א מעסער און

שטעכען זיך, אדער אװעקלױפען צום טײך און טרינקען זיך — אזױ װײט איז מיר נמאס דער דאָזיגער דאָקטער!

און דער יונגערמאַן פאַרטראַכט זיך, װערט טרױעריג.

— װאָס זשע, איהר זענט זי, הײסט דאָס, חושד? — זאָג איך צום יונגענמאַן, און היט זיך מיט אײן איבעריג װאָרט.

— חס ושלום! — מאַכט ער צו מיר און האַפּט זיך אױף, װי אײן אָפּגעבריהטער, און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעהענטער. — װאָס איז שײך זאָגען, איך בין זי חושד? א אידישע טאָכטער! א כשר קינד!... איך רעד פון איהם רעד איך, פון שענעם דאָקטער, ברענען זאָל ער. און נישט אזױ נאָך דער דאָקטער, װי דאָס שענע פּאַטערעל זײנס, דאָס קאַסאָקע שנײדערעל מיט דער װאַטאָװער קאַפּאָטע, פאַר׳שרפה׳ט זאָל ער װערען! ער געהט ארום טאָג װי נאַכט און גרײנערט און פױקט איבער דער גאַנצער שטאָדט. איהר מײנט, דאָס גרײגערען האָט עפּיס א ממשות? בלאָטע, גאָלע גאָר־נישט! עס האָט א צונג, און סע רעדט! עס װאָלט מיך געאַהרט, מאַהלט אײך, װי דער פּאַראַאָהריגער שנײ. איז אָבער דער חסרון, װאָס א מענטש האָט אױהערען, און אױהערען האָבען ליעב האָרכען, און אז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אזעלכעס, װאָס מע װאָלט דאָס נישט געװאָלט האָרכען. ובפרט נאָך בײ אונז אין שטאָדט — א שטאָדט, דאַרפט איהר װיסען, פון גאָלע רכילות׳ניקעס מיט לשון־הרע׳ניקעס מיט לאַנגע צינגער, װאָס האָבען א שם אױף דער װעלט! נעמט מען אַרײן בײ אונז א מענטשען אין מױל אַרײן, מעג ער זיך שױן אָפּגעזעגענען! פאַר מיר אין די אױגען, מאַהלט אײך, היט מען זיך, נאָר הינטער די אױגען האָב איך עטליכע מאָל געהערט אזעלכע װערטער, אז איך האָב מיך אָנגעהױבען צו־קוקען, שטאַרק צוקוקען, האָפּען װערטער, טאַפּען רעד, און — למאי זאָל איך זאָגען? — איך האָב נישט אַרױסגעזעהען גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, בלתי אײן זאַך האָב איך אַרױסגעזעהען, װאָס אז ער קומט צו געהן, װערט זי גאָר אײן אנדער מענטש, מיט אײן אנדער פּנים,

מיט אַנדערע אויגן. דאָס הייסט, דער מענטש איז דער זעלבער מענטש, מיט'ן זעלביגען פנים, מיט די זעלביגע אויגען; נאָר דער קוק איז איין אַנדערער. איהר פאַרשטעהט? ס'איז גאָר איין אַנדער קוק מיט איין אַנדער גלאַנץ! איהר מיינט, איך בין נישט קיין בעלן געווען אפשר א פרעג טהון זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מעשה, נשמה מיינע, וואָס אז ער קומט צו געהן, ווערסט דו גאָר איין אַנדער מענטש?" טרעפט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפערט? זי האָט זיך צעלאַכט מיט אזא מין חאַ־חאַ־חאַ, אז איך האָב געמיינט, איך וועל מיך באַגראָבען א לעבעדיגער! און טאַקי באַלד נאָכ'ן גרויסען געלעכטער האָט זי זיך אריינגעוואָרפען אין בעט אריין מיט אזא מין יללה, אז ס'איז געקומען צו לויפען די שוויעגער מיט'ן טערקישען שאַל און האָט זי גענומען מינטערען, און בשעת מעשה האָט זי אויסגעלייענט איהר ביסעל תחינות, און דער שוועהר האָט געחאַפּט דאָס פאַיעטאָנדעל און געשיקט נאָכ'ן דאָקטער, טאַקי מיך אליין; און אז דער דאָקטער איז געקומען, איז איהר די רגע געוואָרען גרינגער, ס'איז איהר אריין די פאַרב אין פנים, און די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען גלאַנצען, ווי בריליאַנטען אקעגען דער זון... און שטעלט אייך פאָר די שענע לאַגע מיינע: אז איך באַדאַרף צו איהם אריינקומען אין שטוב אריין, איז, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, גלייך ווי אויף יענער וועלט. אין גיהנם אריינצוגעהן באַדאַרף זיין א סך מעהר ניחא! היינט אָנקוקען דאָס פנים זיינס, איין איידעל פנים'על! רויט ווי א צוויק, אַזש בלויליך, און יעדער פרישטש, יעדער פרישטש, באַזעצט מיט פרישטשעס! און האָט א טבע שמייכלען — שמייכעלט, ווי א פגר אומגעוואַשען. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט — ער שמייכעלט! שטענדיג געשמייכעלט, און צו איטליכען באַזונדער איז ער צוגעלאָזט. און ווער שמועסט, צו מיר? צו מיר איז ער תמיד צוקער־זיס און ווייך, חאָטש לעג איהם צו צו א מכה. זיין גוטסקייט צו מיר האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך! אנומעלטען בין איך געווען נישט אין בעסטען געזונט, געהאַט די היינטמאָדישע

קרענק, די אינפלוענצע, וואָלט איהר באַדאַרפט זעהען, ווי דער מענטש האָט זיך דאָס אַוועקגעלעגט פאַר מיר, עס איז מיר אַזש געווען איבער דער טבע! און מערקווירדיג! וואָס מעהר ער איז צו מיר גוט, אַזוי מעהר (גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען) האָב איך איהם פײנט, אָנקוקען קאָן אי דאיהם נישט, ובפרט דעמאָלט, ווען ער זיצט בײ אונז און זײ קוקען זיך דורך מיט איהר!... מיר האַכט זיך, אַז ווען איך קאָן איהם אָננעמען פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפען אין דרויסען אַרויס, וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט! איך קאָן נישט אַריבערטראָגען זײן קוקען, וואָס ער קוקט אויף איהר, מיט זײן שמייכלען, וואָס ער שמייכעלט צו איהר. און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט: אײן מאָל פאַר אַלע מאָל — אײן עק לאָז דאָס האָבען! ביז וואַנען איז דער שיעור צו לײדען בזיונות? די גאַנצע שטאָדט, דאַרפט איהר וויסען, האָט שוין מיט מיר צו טהון! קײן אַנדער עצה איז פאַר מיר נישט פאַרהאַן—נאָר אַ גט! קײן אַנדער מבוא זעה איך גאָר נישט! אַי, וואָס? אַ תכלית? אַ שוועהר אַ גביר? אַ בת־יחידה? איבער הונדערט יאָהר אינגאַנצען איהרס, מײנס הײסט דאָס? אַ שענע רײנע כפּרה! עלעהיי, וואָס האָב איך געטהאָן פריהער? וואָס טהוען אַ סך אַנדערע יונגעלײט? נישטאָ קײן אַנדער פּלאַן! ווי זאָגט איהר איאָ, נישטאָ קײן אַנדער פּלאַן, אַ חוץ גט'ען זיך?...

דאָ האָט מײן פאַרשוין ווידער אַ מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם, אויסגעווישט דאָס פּנים און געוואַרט אויף מיר, וואָס וועל איך זאָגען.

— איך ווײס? איך מײן אויך אַזוי, אַז ס'איז נישטאָ פאַר אײך קײן אַנדער פּלאַן, אַ חוץ גט'ען זיך. ובפרט, אַז איך זעה נישט אַרויס, אַז די ליעבע בײ אײך זאָל זײן אַזוי פלאַקערדיג, און קײן קינדער, הער איך, האָט איהר במילא נישט, און די שטאָדט רעדט, — הײנט צו וואָס נוצט אײך דער גאַנצער מסחר?

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב גערעדט, האָט מיין פּאַרשוין געדרעדט די רעדעלעך פון׳ם וועלאָסיפּעדעל און געקוקט אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע טיפע רחמנות-אויגען, און אַז איך האָב אויסגעלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעהענטער און אָנגעהויבען מיט אַ זיפץ:

— איהר זאָגט: ליעב האָבען... וואָס איז שייך צו זאָגען? פיינט האָב איך זי נישט. פאַר וואָס זאָל איך זי פיינט האָבען? איך האָב זי בפירוש ליעב — ניין, טאַקע שטאַרק ליעב!... און וואָס איהר זאָגט, די שטאָרט רעדט? לאָז זי רעדען פון פייער און פון וואַסער! מיך ברענט נאָר אויף איהם, אַ פייער ברענט אין מיר! אויף איהם און אויף איהר! וואָס איז אויף איהר אַזאַ גדולה, אַז זי דערזועהט איהם? פאַר וואָס, זאָגט מיר, איך בעט אייך, הערט זי נישט רויט און פריילין, אַז זי דערזעהט מיך? מיט וואָס בין איך ערגער פון איהם? דערמיט, וואָס ער איז אַ דאָקטער זיין איך נישט? מע זאָל מיך געוועזן לערנען, אַזוי ווי איהם, וואָלט איך אפשר אויך געוועזן אַ דאָקטער, און אפשר נאָך אַ גרעסערער דאָקטער ווי ער! איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, אַז אין די קליינע אותיות, ווי איהר זעהט מיך, ווועלען מיר זיך נאָך אויסגלייכען מיט איהם, און אויף לשון-קודש וועל איך איהם נאָך אפשר פאַרשטעקען אין גאַרטעל אויך! בין איך מיך אָבער מיישב וויעדער צוריק: וואָס האָב איך, אייגענטליך, אויף איהר אַזעלכעם דערזועהען, וואָס איך זאָל איהר געבען אַ גט? אי, דער נייער דאָקטער? וואָס וואָלט איך געטהאָן, ס׳זאָל זיין אויפ׳ן אָרט פון דעם נייעם דאָקטער איין אַנדער שוואַרץ יאָהר? און וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ ווייבעל טאָר נישט זיין באַקאַנט מיט אַ דאָקטער? האָט איהר אייך איין מאָל אַוועק. והשנית, וואָס וועט זיין פון מיר דער תכלית, ווען, למשל, איך גט זיך מיט איהר אָפּ? אַז אַליין, דאַרפט איהר וויסען, בין איך אַ יונגעל אַ יתום, איין עלענדער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גוטען פריינט — געה ווער צוריק איין אָריִמס-בחור און האָב חתונה, הויב אָן נאָך אַ מאָל, הייסט דאָס,

אלף־בית! און פון וואנען ווייס איך, אז איך וועל מאכען בעסער? טאמער פאל איך אריין נאך אין איין ערגערען גיהנם? ווי די מעשה איז, דא ווייס איך שוין מיין צרה, און בין פארט, ווי זאגט ער, קראנפרינץ, דעם נגיד'ס איידעם, איבער הונדערט יאהר איז דאס פארט איהרס, מיינם הייסט דאס... איהר פארשטעהט? וואס וועל איך געהן מאכען קאמבינאציעס, שפעגעלירען? ס'איז דאך נישט מעהר ווי א שפיעל, א לאטעריע. וואס? נישט אזוי? וואס זאגט איהר? ס'איז נישט קיין שפיעל? נישט קיין לאטעריע?

— איך מיין, זאג איך, אויך אזוי: ס'איז א שפיעל, א לאטעריע. אודאי איז בעסער שלום, איידער גט'ען זיך.

איך בין זיך מחיה, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט, אז מיין עצה קומט אוים מעהר אויף שלום, איידער אויף גט. און איך מיין, אז איך בין שוין מיט איהם פארטיג. צום סוף חאפט ער דאס וועלאסיפעדעל און רוקט זיך צו צו מיר גאנץ נאהענט און רעדט מיר גלייך אין פנים אריין:

— שלום? איהר זענט אפשר גערעכט. איך דערמאן מיך אבער אן איהם, פארחאפט זאל ער ווערען, אן דעם דאקטער, הייסט דאס, מיט'ן פרישטשעוואטען פנים! דער טאטע זיינער, דער קאסאקע שניידער, דארפט איהר וויסען, געהט ארום סאי ווי סאי און פויקט איבער'ן שטאדט, אז דעם נגיד'ס טעכטערעל האלט ביי גט'ען זיך. איהר פארשטעהט א נידעריגקייט פון א פאלגע? געחייבי וואלט ער חאטש ניט געפויקט! איז וויבאלד מע רעדט שוין דערפון אין שטאדט, היינט וואס האב איך דא אנצווועהרען? ווי זאגט מען: דאס שארבען וועט שוין שארבענדיגער ניט ווערען. כל־זמן עס איז נאך געוועזען בסוד, איז גארניט, א קניפ אין באק — די פארב זאל שטעהן. אבער איצט, אז אלע רעדען שוין וועגען גט, איז שוין פון מיר אליין, דאכט מיר, א גראבקייט, וואס איך האלט זיך. עס איז שוין קיין אנדער ברירה נישט פארהאן, א חוץ גט. הא? וואס איהר? נישט אזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי. וויבאַלד אַלע ווייסען שוין און אַלע רעדען שוין וועגען גט, איז דאָס פון אייך שוין גראַבליך, און איהר האָט שוין טאַקי קיין אַנדער ברירה ניט, א חוץ גט.

— האַלט איהר, הייסט דאָס — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיט'ן בענקעל כמעט אויף מיר — האַלט איהר, הייסט דאָס, אַז איך באַדאַרף איהר דורכאויס געבען גט? באַקלערט נאָר די זאַך אַקוראַט. למשל, איהר זענט דער רב, און איך קום צו אייך מיט מיין ווייב זיך גט'ען, און איהר טהוט מיך אַ פרעג: „זאָג מיר, יונגערמאַן, פאַר וואָס גט'סט דו זיך מיט דיין ווייב?" וואָס קאָן איך אייך דערויף ענטפערען פאַר אַ תשובה? באַשר, וועל איך אייך ענטפערען, זי קוקט אויף'ן דאָקטער, און דער דאָקטער קוקט אויף איהר. נו? האָט דאָס אַ טעם? פרעג איך אייך! זאָל איך זיי געהן פּצרשטעלען די אויגען? און וואָס פאַר אַ פנים וועל איך דעמאָלט האָבען פאַר דער וועלט? אדרבה, זאָגט שוין איהר אַליין! גענומען און אָפּגעג'גט אַ ווייבעל אַ יפת־תואר, אַ בת־יחידה, אַ נגיד'ס אַ קינד, איבער הונדערט יאָהר איינגאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס... וואָס? וואָס וועט זאָגען די וועלט? משוגע! האַ? וואָס? אפשר ניט אַזוי? אַיאָ, פריש און געזונט און משוגע?

— איך זאָג אויך אַזוי: פריש און געזונט און משוגע.

דאָ האָט מיין פּאַרשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אַזוי נאָהענט, אַז אונזערע ביידענ'ס פיס זענען אויסגעקומען איינאיינעם, ווי צונויפגעפלאָכטען, און אויף'ן אָרט פונ'ם וועלאָסיפּעדעל, וואָס ער האָט דאָס געפּטר'ט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס טינטערעל מיינס. ער האָט אַ זיפץ געטהאָן און ווידער גע'דרשה'ט:

— אייך איז גרינג צו זאָגען אויף יענעם: פריש און געזונט און משוגע! איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסען, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, למשל, ווען עס טרעפט זיך מיט אייך אַזאַ מעשה?

דאָס הייסט, ווען איהר האָט אַ שווערן אַ גראָבען יונג, אַ שוויגער מיט אַ טערקישען שאַל, וואָס זי האַלט אין איין וואָרטשען, און אַ ווייב, וואָס זאָל זיין געזונט און שטאַרק און זאָל זיך כסדר דאָקטערען, און די שטאָדט זאָל אויף אייך טייטען מיט די פינגער: „אָט געהט ער, דער יונגערמאַן פון דער ציעג!" מיר דאכט, אז איהר וואָלט אין מיטען האלבע נאכט זיך אויפגעחאפּט, אָפּגע׳גט און אנטלאָפען, וואו דער שווארצער פּעפּער וואַקסט. וואָס, אפשר נישט אזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי, אז איך וואָלט אין מיטען האלבע נאכט זיך אויפגעחאפּט, אָפּגע׳גט און אנטלאָפען, וואו דער שווארצער פּעפּער וואַקסט.

— אודאי איז אייך גרינג צו זאָגען — מאַכט ער — אויפגעחאפּט, אָפּגע׳גט און אנטלאָפען, וואו דער שווארצער פּעפּער וואַקסט! גלאַט גערעדט „אנטלאָפען"! וואָס אנטלאָפען? ווער אנטלאָפען? וואוהין אנטלאָפען? אין דער ערד אריין?... און דאָס, וואָס זי איז אַ בת־יחידה... איין־און־איינציגע... איבער הונדערט יאָהר אינגאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס?... דאָס איז גאָרניט?... און גלאַט, וואָס האָב איך צו איהר? וואָס האָב איך צו איהר?... ניין, זאָגט מיר: וואָס האָב איך צו איהר?...

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי: וואָס האָט איהר צו איהר?

— סטייטש, זאָגט ער, נו, און דער דאָקטער? דעם דאָקטער האָט איהר פארגעסען?! כּל־זמן איך זעה דעם דאָזיגען מלאך־המות פאַר די אויגען, קאָן איך זי נישט זעהען, קאָן איך אויף איהר פּנים נישט קוקען!

— ווייבאַלד אזוי, זאָג איך, מוזט איהר זיך גט׳ען.

— וואָס זשע, זאָגט ער, וועט זיין דער תּכלית? וואָס קאָן אזא יונגערמאַן, ווי איך, טהון ביי היינטיגע ביטערע צייטען? אדרבה, זאָגט איהר! זייט אַ איד אַ חכם!

— דארף מען זיך, זאָג איך, ניט גט'ען!
— ניט גט'ען? נו, און דער דאָקטער? כּל־זמן...
— דארף מען זיך גט'ען! — זאָג איך און וויל מאכן איין עק.
— גט'ען? וואָס זשע איז פאַר אַ תּכלית? סטייטש...
— איז ניט גט'ען!
— נו, און דער דאָקטער?...

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז אַזעלכעס געשעהן. עס האָט מיר אַ זעץ געטהאָן דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ אריין, ס'איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב אָנגעכאַפּט מיין פאַרשוין פאַר'ן גאָרגעל, איהם צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און געשרִיען מיט מיין קול געשריגען:

— גט'ען זי זאָלסט דו, ממזר! גט'ען זי! גט'ען זי! גט'ען זי!!!

. . . .

. . . .

אויף אונזער ביידענ'ס געשריי האָט זיך צונויפגעלאָפען מיין גאַנץ הויזגעזינד. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען? — גאָר־ניט! גאָרניט! דערזעהען מיין טוידט פּנים אין שפּיעגעל, האָב איך זיך אַליין ניט דערקענט. און ביי מיין פאַרשוין האָב איך נאָכדעם עטליכע מאָל געמוזט בעטען מחילה, איהם געקוועטשט די האַנט, אָנגעזאָגט טויזענט מאָל, ער זאָל פאַרגעסען וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען... „עס מאַכט זיך אַמאָל, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אַ מענטש געהט־אַרויס פון די כּלים". מיין יונגערמאַן איז געוועזן אַ ביסעל מבולבל, ווי צעמישט, מודה געווען, אַז אַ מענטש איז ניט ביי זיך אין די הענט, עס מאַכט זיך, אַז אַ מענטש געהט־אַרויס פון די כּלים... און מיט דעם זעלבען „בואי־בשלום".

וואָס ער איז אריינגעקומען צו מיר, איז ער ארויסגעגאנגען פון מיר: דאָס זעלבע בויגען זיך, די זעלבע עטליכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסען, דאָס זעלבע רייבען מיט די הענט.

— האָט קיין פאראיבעל ניט, טאָמער האָב איך בײַ אייך צוגענומען צייט, און א דאנק פאר דער עצה... א גרויסען דאנק אייך... און זייט געזונט!

— ניטאָ פאר וואָס... פאָהרט געזונט.

ביי'ם דאָקטאָר

געשריבען אין יאָהר 1904

ביי׳ם דאָקטאָר

— איך וויל אייך בעטען, הערר דאָקטער, איין זאך: איהר זאָלט מיך אויסהערען. דאָס הייסט, נישט דאָס שלאָפקייט מיינס זאָלט איהר אויסהערען — פונ׳ם שלאָפקייט וועלען מיר שמועסען שפּעטער. איך וועל אייך שוין אליין אויפקלערען, אין וואָס עס באשטעהט מיין שלאָפקייט. ווילען וויל איך, איהר זאָלט אויסהערען מיך אליין, ווארום ניט א יעדער דאָקטער האָט ליעב אויסהערען דעם חולה. ניט א יעדער דאָקטער לאָזט זיך רעדען. דאָקטוירים האָבען א טבע: זיי לאָזען זיך נישט רעדען. זיי ווייסען נאָר טאפּען דעם דופק, קוקען אויפ׳ן זייגער, פאַרשרייבען א רעצעפּט און נעמען פאַר׳ן וויזיט. אויף אייך האָב איך געהערט זאָגען, אז איהר זענט ניט פון די דאָקטוירים. איהר זענט נאָך, זאָגט מען, א יונגער דאָקטער, און זענט נאָך ניט אזוי להוט, פאַרברענט נאָכ׳ן קערבעל, ווי אנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפאַר, הייסט דאָס, טאַקי געקומען צו אייך, זיך מיט אייך איין עצה האלטען מכח מיין מאָגען. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א מענטש מיט א מאָגען. על־פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אפילו אויס, אז יעדער מענטש מוז האָבען א מאָגען. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען? אז דער מאָגען איז א מאָגען; אָבער אז דער מאָגען איז קיין מאָגען ניט, הייסט צו וואָס טויג דאָס לעבען? וועט איהר דאָך מיר ענטפערען מסתמא מיט׳ן פּסוק: בעל־כרחך אתה חי? ווייס איך עס אָהן אייך.

פאר דעם „בעל־כרחך" האב איך נאך אין חדר געחאפט שמיץ. איך שמועס פון דעם, וואס א מיינטש כל־זמן ער לעבט, ווילט זיך איהם ניט שטארבען. חאטש דער אמת דארף איך אייך זאגען, אז איך אליין האב פאר'ן טוידט בלל קיין מורא נישט. ווארום, ערשטענס, האב איך שוין אריבערגעשפאנט ששים, והשנית, בין איך אזא מענטש, וואס קאטארי לעבען און שטארבען איז ביי מיר גלאט אלץ איין יום־טוב. דאס הייסט, לעבען איז אודאי גלייכער ווי שטארבען, ווארום ווער וויל דאס שטארבען? ובפרט א איד? ובפרט א טאטע פון עלף קינדער, זאלען געזונט זיין, מיט א ווייב, חאטש דאס דריטע ווייב, נאר דאך א ווייב. בקיצור, אליין בין איך א קאמעניצער, דאס הייסט, ניט פון קאמעניץ גופא, נאר פון א שטעדטעל ניט ווייט פון קאמעניץ. און בין, אז אך און וועה איז מיר, א איד א מיהלנער, איך האלט א מיהל האלט איך, דאס הייסט, די מיהל האלט מיך, ווארום, ווי זאגט איהר, אז מע קריכט־אריין, ליגט מען. א ברירה האט מען? ס'איז א ראד, פארשטעהט איהר מיך, און סע דרעהט זיך! בארעבענט זיך אליין, אז פאר ווייץ באדארף מען צאהלען מיט מזומנים, און מעהל מוז מען צעטיילען אויף קרעדיט, א וועכסעל אהין, א וועכסעל אהער, און צו טהון האט מען מיט גראבע נפשות, און מיט ווייבער. איהר האט עפים ליעב ווייבער? געה געב זיי אפ דין וחשבון: למאי דאס, למאי יענעס? למאי עס איז ניט געראטען ביי זיי די חלה? וואס בין איך שולדיג? אפשר, זאג איך, איז ביי אייך ווייניג היץ? אדער אפשר איז ביי אייך געוועזען שלעכטע הייוועץ? אפשר איז ביי אייך געוועזען, זאג איך, נאס האלץ? פאלט מען נאך אן אויף אייך און מע מאכט אייך מיט דער בלאטע און מען איז אייך מבטיח, אז דאס אנדערע מאל וועט אייך פליהען די חלה אין קאפ אריין... איהר האט עפים ליעב, אז סע פליהט אייך א חלה אין קאפ אריין? דאס זענען די קונה'טעס די לאחדימ'ניצעס. נאר איהר מיינט אודאי, די קונים די הורטאווניקעס זענען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתחילה, אז דער קונה קומט אין מיהל אריין און וויל

זיך מאַכען אַ קרעדיט, איז ער ווייך ווי אַ פּוטער, מיט טויזענט חניפה'לעך און קאָמפּלימענטען, חאָטש נעם לעג איהם צו צו אַ מכּה; און נאָכדעם, אַז עס קומט צו צאָהלען, הויבּט זיך אָן אַ צעטעל פון טענות: דער טראַנספּאָרט איז איהם שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבּען זיך צעריסען, די מעהל איז געווען בּיטער, טובלע, צוגעלעגערט הייסט עס. צרות מיט שלעק — אַכצעהן חסרונות מיט זיעבּען און צוואַנציג תּירוצים! „און געלט?" „געלט, זאָגט ער, שיקט־אַריין אַ חשבּון!" אַ האַלבּער סילוק, הייסט דאָס. שיקט מען איהם מאָהנען, זאָגט ער: „מאָרגען". מאָרגען — „איבּער־מאָרגען". אַ נעכטיגער טאָג! הויבּט מען איהם אָן סטראַשען מיט אַ פּראָטעסט און מע גיט אויף איהם איין. נו, און אַז מע גיט שוין איין, מיינט איהר, איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט", און אַז מע קומט מיט'ן „ליסט" איבּערשרייבּען, איז בּמילא אַלסדינג אויף דעם ווייבּ'ס נאָמען, און ער רוף איהם קנאַקניסעל! נו, פרעג איך אייך: בּיי אַזעלכע געשעפטען, ווי זאָל מען ניט האָבּען קיין מאָגען? ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מיינע, חאָטש זי איז בּיי מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווייבּ איז דאָך, ווי זאָגט איהר, די זון אין שבת, נאָר דאָך אָוועקמאַכען קאָן מען זי ניט, פאָרט אַ ווייבּ: „וואַרף־אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף־אַוועק דאָס מעהל־געשעפט. לאָז זיך עס אָנצינדען מיט דער מיהל אינאיינעם, וועל איך ווייסען, אַז דו לעבּסט אויף דער וועלט!" „ע־הע־הע, זאָג איך, די מיהל זאָל ווערען בּרענען! זי איז גוט געאַסעקורירט"... „ניט דאָס, זאָגט זי, מיין איך, נח. איך מיין, זאָגט זי, וואָס דו לויפסט אַרום, ניט קיין שבּת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין ווייבּ, ניט קיין קינד. וואָס? וואָס פליהסט דו?"... פרעגט מיך בּחרם, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך פליה. וואָס זאָל איך טהון, אַז ס'איי בּיי מיר אַזאַ טבע, צו אַלדי רוחות?... איך האָב ליעב דרעהען!... טאָמער מיינט איהר, מע האָט עפּיס פון'ם דרעהען? צרות האָט מען! וואָס פאַר אַ געשעפט איהר זאָלט מיר ניט געבּען, נעם איך דאָס אָן; גיטאַ תּאַר מיר

קיין שלעכטער בראָנפּען: זעק — איז זעק, האַלץ — איז האַלץ, „טאַרגעס" — איז „טאַרגעס". איהר קערהט אודאי מיינען, אַז אַ חוץ דער מיהל האָב איך שוין מעהר קיין געשעפטען נישט? האָט איהר מחילה אַ גרויסען טעות. ווי איהר קוקט מיך אָן, האַנדעל איך מיט וואַלד, מיט איינעם אַ שותף, וואָס מיר האַקען איהם, און שטעל־צו פּראָוויאַנט אין דער טורמע, און האָב אַ חלק אין דער טאַקסע, און דערלעג דוקא אַלע יאָהר צו איהר געלט, איהר וואָלט זיך עס ווינטשען פאַרדיענען אַלע חודש, איך בין אייך קיין שונא ניט. אַי, צו וואָס דאַרף איך זי? קהל אויף צו־להכעיס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ גרויסער בעל־נצחון: ביי מיר, צוליעב נצחון, איז כדאי די גאַנצע שטאָדט זאָל געהן צו גרונט און אַליין באַגראָבען ווערען — אַבי אויספיהרען מיינס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ מענטש דוקא אַזוי זיך ניט קיין שלעכטער בטבע, נאָר אַ גרויסער „קאַפּריז", אַ שפּילשליוועך, הייסט עס. מיך, אַז מע ריהרט מיך אָן אין כבוד, איז חיות ניט זיכער! און דערצו בין איך נאָך אַ שטיקעל עקשן אויך. איך בין אַ בעלן געוועזן אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען, פאַר איין „אתה־הראית׳לע" ביי אונז אין בית־המדרש געהן ביז׳ן בלוט אריין; דאָס בית־המדרש האָט מען פאַר׳משפּט — און איך האָב טאַקי אויסגעפיהרט מיינס. וואָס זאָל איך טהון? ס׳איז ביי מיר אַזאַ בלוט! ס׳איז ביי מיר נערוועז, זאָגען זיי, די דאָקטוירים, און ס׳האָט, זאָגען זיי, אַ שייכות צום מאָגען. חאָטש אפילו על־פּי שכל קומט דאָס אויס ווילד. וואָרום וואָס געהער זיך אָן נערוועז מיט אַ מאָגען? אַ ביסעל אַ סמיכות הפּרשה! וואו זענען די נערוועז און וואו איז דער מאָגען? נערוועז זענען דאָך, צום מיינסטען, על־פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך, דאָרט, וואו די געהירען? און דער מאָגען איז דאָך גאָר ווייס איך וואו — פאָלג מיך אַ גאַנג!... שאַט, אָט באַלד ענדיג איך, וואָס זאַפּט איהר זיך אַזוי? זיצט נאָך אַ מינוט. איך וויל דאָך אייך אויסדערצעהלען אַקוראַט, איהר זאָלט מיך אויסהערען און זאָגען מיר, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אָט דער דאָזיגער אום־

גליק, איך מיין דעם מאָגען מיין איך. אפשר איז דאָס פון דעם, וואָס איך בין נע־ונד, בין קיינמאָל נישטאָ אין דער היים, און אפילו דעמאָלט, ווען איך בין אין דער היים, בין איך אויך ניט אין דער היים. איך שווער אייך בהן שלי — ס'איז אַ געלעכטער צו הערען און אַ חרפה צו זאָגען — איך ווייס נישט, וויפיעל קינדער איך האָב און ווי אַזוי מע רופט זיי. ס'איז ניט גוט, הערט איהר, אָהן אַ בעל־הבית און אָהן אַ טאַטען! איהר זאָלט אָנקוקען ביי מיר אַ שטוב, קיין עין־הרע, מיט אַ פּעראָנדעק! אַ שיף אָהן אַ רודער! טאָג ווי נאַכט אַ טאַרעראַם, אַ האַרמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַ ווערטעלע אויסצורעדען, קיין עין־הרע, עלף קינדער פון דריי ווייבער! בשעת דער טרינקט טיי, עסט יענער אָנבייסען, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפען. דער קנייפּט אַ בולקע, און דער וויל הערינג, דעם גלוסט זיך מילכיגס, און דער שרייט אין איין קול: פליישׁ! און אַז מע וואַשט זיך עסען, איז ערשט דעמאָלט ניטאָ קיין מעסער, מיט וואָס אַ שטיקעל ברויט אָפּצושניידען, און צווישען קליינוואַרג איז אַ טומעל, אַ גיהנם, מיט הריגות, חאָטש נעם לויף אין דער וועלט אריין! און איבער וואָס? אַלץ איבער דעם, הערט איהר, וואָס איך האָב קיינמאָל קיין צייט ניט, און זי, מיינע הייסט דאָס, איז, קיין עין־הרע, זעהר אַ גוטע, דאָס הייסט, ניט אַזאַ גוטע, ווי אַ ווייכע, קאָן זיך ניט באַגעהן מיט קיין קינדער. מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַגעהן. קריכען זיי איהר אויפ'ן קאָפּ, דאָס הייסט, זי שעלט זיי אפילו, קנייפּט זיי, רייסט זיי אוים שטיקער פלייש, נאָר וואָס קומט אַרויס? פאָרט אַ מאַמע. אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע. אַ טאַטע לעגט־אַנידער און שמייסט־אָפּ אַ קינד. איך ווייס, אַז מיין טאַטע האָט מיך געשמיסען. און אפשר האָט אייך אייער טאַטע אויך געשמיסען? וואָס זשע מיינט איהר? איז אַז וואויל צו אייך! איך ווייס ניט, צי ס'וואָלט פאַר אייך געווען בעסער, מע זאָל אייך ניט געווען שמייסען... וואָס חאַפּט איהר זיך? איך ענדיג באַלד. איך דערצעהל עס אייך ניט אומזיסט; דאָס איז

צוליעב דעם, איהר זאָלט פאַרשטעהן מיין אַרט לעבען, וואָס איך לעב. אפשר מיינט איהר, אַז איך ווייס, וויפיעל איך פאַרמאָג? מעגליך, אַז איך בין אַ איד אַ נגיד, און אַ גרויסער נגיד, און מעגליך אַז — צווישען אונז וועט עס דאָך מסתמא בלייבען? — אַז איך בין אפשר דערונטער... איך ווייס? אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלאַטעט; ווי זאָגט איהר, די טאָפּלי אַרויסגענומען, יענע טאָפּלי אַריינגעשטעלט — ס'איז עפּיס אַ תירוץ? צי מע קאָן, צי מע קאָן ניט — גדן אַ קינד דאַרף מען געבען? ובפרט נאָך, אַז גאָט העלפט טעכטער, און דערוואַכסענע דערצו! אַנו, פּרובט האָבען דריי טעכטער דערוואַכסענע, קיין עין־הרע, אַלע אין איין טאָג צו דער חופּה פיהרען, וועלען מיר זעהען, צי וועט איהר קאָנען איינ־זיצען אין דער היים אפילו אַ טאָג! הייגט פאַרשטעהט איהר שוין, וואָס איז דאָס דרעהען, וואָס מע דרעהט, מיט'ן פליהען, וואָס מע פליהט? און אַז מע פליהט, חאַפּט מען אַ פאַרקיהלונג אין וואַגאָן, אַ בייזע וועטשערע אויף דער אכסניא, וואָס מע קרענקט זי נאָכדעם אויס. הייגט די ריחות, וואָס מע שמעקט זיך אָן, מיט דער שענער לופט — מעג מען שוין האָבען אַ מאָגען? אַ שטיקעל גליק איז נאָר, וואָס איך בין בטבע נישט קיין קראַנקער מענטש, גוט פאַר־פונדעוועט פון דער יוגענט. קוקט נישט אויף מיין סנאָסט, וואָס איך בין אַזוי דאַר און טרוקען. דאָס האָבען מיך די געשעפטען אַזוי אויסגעטריקענט. און אגב איז ביי אונז טאַקי אַזאַ גדל'ע, אַזאַ וואוכס; מיר האַלטען זיך אַלע הויך און דין. איך האָב געהאַט עטליכע ברידער, זענען זיי אַלע געווען אַזוי ווי איך, מיר צו לענגערע יאָהר. פון דעסטוועגען בין איך, הערט איהר, תמיד געווען אַ געזונטער מענטש, נישט געוואוסט פון קיין מאָגען און פון קיין דאָקטער און פון קיין שוואַרץ־יאָהר, הלואי ווייטער. נאָר פון אַ צייט, אַז מע האָט מיך אָנגעהויבען שטאָפּען מיט רפואות, פּילען, פּראָשקעס און קרייטער, און איטליכער באַזונדער קומט מיט זיין המצאה: דער הייסט, איך זאָל האַלטען דעיעט, דאָס הייסט „נעדאָיעד", איך זאָל עסען וואָס ווינציגער; און דער הייסט

איך זאָל גאָר ניט עסען, איך זאָל פאַסטען הייסט דאָס. זענט איהר שוין פאַרטיג? קומט צו געהן אַ נייער חכם אַ דאָקטער און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דוקא עסען, און אַ סך! אפּנים, ער אַליין האַלט פון דער אכילה. אַלע דאָקטוירים האָבען אַזאַ טבע, אַז דאָס, וואָס זיי האָבען ניט פיינט, דאָס הייסען זיי אויך דעם חולה. אַ חידוש איז מיר נאָר, וואָס זיי הייסען ניט שלינגען קיין קערבלעך... משוגע צו ווערען פון זיי! איינער אַ דאָקטער האָט מיר געהייסען געהן אַ סך, גלאַט געהן אין דער וועלט אַריין, שפּאַנען הייסט דאָס; איז געקומען דער אַנדערער דאָקטער און הייסט מיר ליגען — און געה טרעף, ווער פון זיי איז מעהר בהמה... וואָס דאַרפט איהר אַ סך? איינער האָט מיך געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, כּמעט אַ יאָהר כּסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערען, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס־ושלום! ליאַפּעס איז פאַר אייך אַ סם־המות!” און ער געהט און פאַרשרייבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלען פּראָשעק. מסתמא ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו געהן מיט׳ן געלען פּראָשעק צו אַ דריטען דאָקטער, חאַפּט ער ניט דעם געלען פּראָשעק און צערייסט ניט דעם רעצעפּט און פאַרשרייבט מיר ניט קיין קרייטער? אָבער וואָס פאַר אַ קרייטער, מיינט איהר? איידער איך האָב מיך איינגעוועהנט, הערט איהר, צו די דאָזיגע קרייטער, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז די גרינע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקעהרט! ס׳זאָל איהם אָנגעהן, דעם דאָקטער, חאָטש האַלב, וואָס איך פלעג איהם אָנווינטשעווען, בשעת איך פלעג זיי דאַרפען איינגעמען אַלע פאַר׳ן עסען. איך פלעג מיך זעהן בשעת מעשה מיט׳ן מלאך־המות! נאָר וואָס טרינקט נישט אַ מענטש צוליעב געזונט?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטער, צום ערשטען הייסט דאָס, וואָ׳ס האָט מיך גע־האָדעוועט מיט ליאַפּעס, און דערצעהל איהם די געשיכטע מיט די ביטערע קרייטער, וואָס פאַראומערען מיר דאָס לעבען, — ווערט ער מלא רציחה און רופט זיך אָן צו מיר מיט אַ מין כּעס, גלייך ווי איך האָב איהם דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך

אייך פֿאַרשריבען, זאָגט ער, ליאַפּעס, היינט וואָס לוי איהר ארום, ווי א דולער, פֿון איין דאָקטער צום אנדערען?" זאָג איך: „שאַט, שאַט! איהר זענט דאָך נישט איינער אויפ'ן יריד! קיין קאָנטראַקט האָט מען אייך נישט אונטערגעשריבען, און לעבען דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך א ווייב און קינדער!"... האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען א פֿייער, זאָלט איהר זעהען, גלייך ווי איך האָב איהם דאָ געזאָגט מי יודע וואָס! בקיצור, ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל געהן צו יענעם דאָקטער. זאָג איך: „קיין עצות באַדאַרף איך ניט; אז איך וועל וועלען, קאָן איך אליין געהן". און נעם און לעג איהם אוועק א קאַרב. מיינט איהר אפֿשר, אז ער האָט דאָס מיר א שמיץ געטהאָן אין פּנים? [illegible] גאָר לא! קערבלעך האָבען זיי ליעב. אי, האָבען זיי ליעב קערבלעך, הערט איהר! א סך מעהר ווי מיר, פּראָסטע מענטשלעך. זיי זאָלען זיך אוועקזעצען, אשטייגער, אויסהערען דעם חולה, ווי סע געהער צו זיין — דאָס איז ביי זיי נישטאָ. זיי לאָזען זיך ניט רײַדען א וואָרט איין איבעריגס. אָט בין איך אַנומעל־ען געוועזן ביי איינעם א דאָקטער, טאַקי אייערער א באַקאַנטער, איך וויל איהם ניט אָנרופֿען ביי'ם נאָמען. איך בין נאָר אריינגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קיין צוויי ווערטער — אהא, ער הייסט מיר שוין אויסטהון זיך, איך בעט איבער אייער כּבוד, און איך זאָל מיך אַנידערלעגען אויף דער קושעטקע. וואָס איז? באשר ער וויל מיך אויסהערען. ווילסט מיך אויסהערען? זעהר גוט! הער מיך אוים! וואָס זשע לאָזט דו זיך ניט רעדען? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּען, וואָס דו טאַפּסט מיך, מיט'ן קלאַפּען, וואָס דו קלאַפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבער קיין צייט ניט! עס וואַרטען, זאָגט ער, דאָרט הינטער דער טיר נאָך מענטשען, איטליכער מיט זיין „אָטשערעד". ס'איז היינט געוואָרען ביי אייך א מאָדע — „אָטשערעד", ווי, להבדיל, אויפ'ן באַהן, אָדער אויף דער פּאָטשט ביי די מאַרקעס... וואָס? איהר האָט אויך קיין צייט ניט? ביי אייך איז שוין אפֿשר אויך איין „אָטשערעד"? איהר זענט

דאָך נאָך אַ יונגער דאָקטער! ווי קומט איהר צו „טשערעדען"? אז איהר וועט זיך אָט אזוי פיהרען, הערט איהר, וועט איהר האָבען עגמת־נפש, ניט קיין פּראַקטיקע!... און אין כּעס באַדאַרפט איהר אויך נישט זיין. איך האָבּ נישט געמיינט, חלילה, אומזיסט. איך בין נישט אזא איד, וואָס איך זאָל, חס ושלום, פאַרלאַנגען אומזיסט. און חאָטש איהר האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערען ביז'ן סוף, פון דעסטוועגען, איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן, פאַר'ן וויזיט באַדאַרף מען אייך באַצאָהלען... וואָס? איהר ווילט נישט נעמען?... וויל איך אייך מיט גוואַלד נישט נויטען... געווים האָט איהר פון וואַנען צו לעבען... מסתמא לעבט איהר פון קופּאָנעס... עס וואַכסט ביי אייך... נו, מהכתיתי, לאָז אייך גאָט העלפען, ס'זאָל ביי אייך וואַכסען און וואַכסען... אדיע! האָט קיין פאַר־איבעל נישט, טאָמער האָב איך ביי אייך צוגענומען צייט... דערויף זענט איהר דאָך אַ דאָקטער...

יוסף

דערצעהלונג פון א „דושענטעלמען"

געשריבען אין יאָהר 1905

יוסף

— איהר מעגט אייך לאכען פון מיר, איהר קאַנט אייך מאַכען פון מיר א פעליעטאָן, אפילו א בוך, אויב איהר ווילט, — איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט, זאָג איך אייך פריהער, וואָרום איך בין, ווי איהר קוקט מיך אָן, ניט פון די שרעקעדיגע. איך שרעק מיך נישט איבער פאר קיין שרייבער, איך וועל נישט בטל פאַר קיין דאָקטער, פאַל נישט אראָפּ ביי זיך פאַר קיין אדוואָקאַט און הויב נישט אָן נתפּעל צו ווערען, אז מע זאָגט מיר, יענער שטודירט אויף אינזשינער. איך האָב אויך אַמאָל געשטודירט, איך בין אַליין אויך געווען אַמאָל א גימנאַזיסט. אמת, איך האָב די גימנאַזיע ניט געענדיגט, איבער א מעשה מיט א מיידעל. עס האָט זיך אין מיר פארליעבט א מיידעל (א שענער יונג בין איך געווען פון תמיד!). זי האָט געזאָגט, דאָס מיידעל הייסט עס, אז טאָמער נעם איך זי ניט, נעמט זי איין סם. און איך האָב זי אַזוי געוואָלט נעמען, ווי איהר האָט זי געוואָלט נעמען. זי איז ביי מיר געווען נישט קיין בת־יחידה, פארשטעהט איהר מיך... ס'איז אָבער פארגאַנגען ביי אונז צו ווייט, האָט זיך ארייַנגעמישט א ברודער איהרער, א פּראָוויזאָר פון איין אַפּטייק, און האָט געזאָגט, אז טאָמער סמ'ט זיך אוועק די שוועסטער זיינע, גיסט ער מיך אָפּ — ער ווייסט שוין מיט וואָס... און איך האָב זי געמוזט נעמען, זיך אָפּגעמוטשעט מיט איהר א יאָהר דריי. זי האָט פארלאַנגט פון מיר נאָר צוויי זאַכען: איך זאָל זיין אין דער היים, און נישט קוקען

אויף פרעמדע... איהר האָט עפּיס ליעב אזא געשעפט? וואָס זאָל איך טהון, אז גאָט האָט מיך פאָרט באַשאַפען מיט אזא פּנים, אז אַלע מיידלעך מיט אַלע ווייבלעך זענען נאָך מיר די כּפּרה? איהר מיינט וואָס?... חלילה!... גאָרנישט, מע האָט מיך ליעב — און אַ סוף. וואו איך קום, וואו איך פאָהר, באַפאַלט מען מיך, ווי די ביענען, שדכנים עסען מיר אָפּ דעם קאָפּ. באשר וואָס? אזוי ווי איך בין אַ יונגערמאַן אַ חיינטיגער, און אַ שענער יונג, אַ געזונטער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ היבשער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז ביי מיר בלאָטע, אי טאָמאו פאַדאַבנע, לכן ווילען זיי מיך אָפּגילטען! לאָז איך זיך מסתמא נישט: „טשעַעט זיך אָפּ, זאָג איך, איך האָב מיך שוין איינמאָל אָפּגעבריהט!"... טענה'ן זיי מיט מיר: „וואָס וועט אייך אהרען, אז איהר וועט אָנקוקען נאָך אַ מיידעל?"... נו, ווער זאָגט זיך אָפּ פון אזא זאַך? קוק איך דערווייל אָן מיידלעך, און מיידלעך קוקען אָן מיך, שלאָגען זיך איינס פאַר דאָס אנדערע, הענגען זיך, ווי איהר זעהט מיך לעבען, הענגען זיך אויף מיר! אַלע ווילען מיך, אָבער אַלע! וואָס זשע קומט מיר ארויס, וואָס זיי ווילען מיך, אז איך וויל זיי ניט? אז די, וואָס איך וויל — ווייסט קיינער ניט, נאָר איך אליין!... און דאָס איז מיין קרענק, און דאָס וויל איך אייך טאַקי דערצעהלען, און אין איינוועגס טאַקי בעטען אייך, אז צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען. נישט מחמת מיר — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז פאַר „באַשרייבען" האָב איך קיין מורא ניט. נאָר גלאַט, צו וואָס דאַרף מען עס?... אָט דאָס האָט איהר אייך, הייסט עס, אַ הקדמה. אצינד וועל איך אייך דערצעהלען די מעשה אליין.

דאָס פאַרשטעהט איהר שוין אליין מסתמא, אז איך וועל אייך ניט זאָגען, ווער זי איז, און וואָס זי איז, און פון וואַנען זי איז. אַ נקבה איז זי, אַ מיידעל, און דוקא אַ שען מיידעל, און דוקא איין אָרעמס, אַ יתומה נעבאַך; זיצט מיט דער מוטער, אַ יונגע אלמנה, אויך אַ שענע; האַלט אַ אידישע רעסטאָראַציע, כּשר. און איך, דאַרפט איהר וויסען, חאָטש איך בין, ווי איהר

זעהט מיך, א יונגערמאן א הײנטיגער, און א שענער פארדיענער, און א קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאדאָבנע, — פון דעסטוועגען עס איך דוקא כשר. נישט מחמת איך בין אזא צדיק און האָב חלילה מורא פאר דעם וואָס קוויטשעט, נאָר, פשוט, איך היט מיר אָפּ דעם מאָגען, — איז איינס; און צווייטענס, זענען די אידישע עסענס טאקי מעהר באַ'טעמ'ט אויך... אלזאָ, האלט זי א רעס־טאָראציע, די אלמנה הייסט עס, און קאָכט אליין און באקט אליין; און זי, די טאָכטער הייסט עס, דערלאנגט אליין צום טיש. נאָר ווי אזוי קאָכט מען דאָרטען! ווי אזוי דערלאנגט מען דאָרטען! עס זינגט, זאָג איך אייך, סע פינקעלט און סע שעמע־רירט! דאָרט צו עסען איז א פארגעניגען. נישט אזוי דאָס עסען אליין, ווי דאָס אָנקוקען די מוטער מיט דער טאָכטער — איינע שענער פאַר דער אנדערער. איהר זאָלט אָנקוקען א ווייבעל! שטעהט ביי'ם אויווען, קאָכט און באקט, און זעהט אוים אזוי פריש, אזוי זויבער! א פנים — געפאלענער שניי! הענט — גאָלד און זיל־בער! אויגען — פייער־פלאַם! איך בין אייך מבטיח, אז מע קאָן זיך נאָך אין איהר אויך פארליעבען!... הײנט שטעלט אייך פאָר איהר'ס א טעכטערל... איך ווייס ניט, צי זענט איהר קלאָר אין די ענינים; איך שמועס פון „הלכות מיידעל", שמועס איך... א פנימ'על — בלוט און מילך, בעקלעך צוויי — נאָר פאמפעש־קעלעך, אויגען — קארשען צוויי, האָר — זייד, צייהן — פערעל, א האלז — אלבאסטער, א הענטעל — אויף אויסצוקושען יעדעס גליעד, דאָס אויבערשטע ליפעל קוקט־ארויף, ווי ביי א קליין קינד — האָט איהר געזעהען אמאָל? איך זאָג אייך: אלעס, אלעס איז געטאָקט, געשניצט, טאקי עפּיס נאָר א מין מאָדעל אויף אויסצו־שטעלען, ווי איינער רעדט: „נאט, קוקט און ווערט צעפּיקעט!"... דערצו פארמאָגט זי איהר אייגענס א געלעכטערל מיט חן־גריבעלעך אין די בעקלעך, וואָס דאָס אליין איז שוין ווערטח דאָס גאנצע געלט, וואָרום אז זי לאכט, לאכט אלסדינג: איהר לאכט, און דער טיש לאכט, אין די בענקלעך לאכען, און די ווענט לאכען — דאָס

גאַנצע לעבען לאַכט! אָט אַזאַ מין געלעכטערעל איז דאָס. נו, אדרבה, געהט קוקט אַזעלכעס אָן און האָט דאָס פּיינט!...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציהען, איך האָב כּמעט פון'ם ערשטען מיטאָג אָן געפיהלט, אַז איך בין אַ געקאָכטער; פּשוט אָפּגעקאָכט — און שוין! חאָטש ביי מיר אַ מיידעל, באַדאַרפט איהר שוין אַליין פאַרשטעהן, איז עפּיס ניט אַזאַ אַי־אַי־אַי... און יענע מעשיות: „ליעבע", „ראָמאַן" — פון דעם האָב איך קיינ־מאָל ניט געהאַלטען. גאָרנישט, אַזוי — מהכתיתי, פאַר וואָס ניט?... נאָר געהן שיסען זיך צוליעב דעם — פע! דאָס פּאַסט פאַר אַ גימנאַזיסטעל פון זעכסטען קלאַס, נישט, ווי זאָגט איהר, פאַר קיין מאַנספאַרשוין...

דערפיהלט, אַז איך בין אַ געקאָכטער, האָב איך געגעבען אַ נעם די מוטער אויף אַ זייט, נישט, ווי עס רופט זיך אָן, „געבעטען אַ האַנט"... ניין! איך בין נישט פון די חאַפּענדיגע... נאָר גאָר־ניט, ווי זאָגט איהר, אַ טאַפּ אין וואָגען שאַדט ניט... און האָב געגעבען מיט איהר אַ רעד־אַריין: „וואָס און ווען, אַהין־אַהער, וואו האַלט איהר מיט דער טאָכטער?"... זאָגט זי: „וואו זאָל איך מיט איהר האַלטען?" זאָג איך: „איך שמועס פון תּכלית, שמועס איך"... „אַודאי, זאָגט זי, דאַרף מען זיך זאָרגען פאַר איהר תּכלית? זי איז שוין, זאָגט זי, אַ פאַרזאָרגטע"... ווי זי האָט אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, האָט דאָס מיך געגעבען עפּיס ווי אַ שטאָך אין האַרצען אַריין: „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אַ פאַרזאָרגטע?" „איהר זעהט דאָך, מאַכט זי צו מיר, וואָס פיר אַ זאָרגעדיגע נשמה דאָס איז!"... און אַקוראַט צו די דאָזיגע ווערטער קומט־אָן מסתמא זי אַליין, די טאָכטער הייסט עס, און אַז זי קומט־אָן, ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך.

— מאַמע, נישט געוועזן נאָך יוסף? — זאָגט זי צו דער מוטער. און דעם נאָמען „יוסף" טהוט זי אַ רעד־אויס עפּיס מיט אַ מאָדנעם מין געזאַנג. מיט אַזאַ מין געזאַנג רעדט־אויס נאָר אַ כּלה דעם נאָמען פון איהר חתן... אַזוי מיין איך, דאָס הייסט, איך

בין איבערצייגט, אז ס'איז אזוי. און נישט נאָר יענם מאָל, וואָס איך דערצעהל אייך; אלע מאָל, ווען זי האָט געגעבען א רעד־ארויס דעם נאָמען „יוסף", איז דאָס אויסגעקומען ביי איהר עפּיס ווי מיט א מין געזאַנג: „יו־סף". איהר פאַרשטעהט? דאָס איז ניט גלאַט „יוסף", דאָס איז „יו־סף"!...

קורץ, אומעטום און אלע מאָל האָב איך נאָר געהערט „יוסף" און „יוסף". האָט מען זיך געזעצט עסען, איז דאָס ערשטע וואָרט געווען: „וואו איז יוסף?"... „יוסף וועט היינט ניט זיין"... „יוסף האָט געזאָגט"... „יוסף האָט געשריבען"... „יוסף איז געקומען"... „יוסף האָט גענומען"... „יוסף האָט געגעבען"... יוסף־יוסף, יוסף־יוסף! איך וואָלט שוין וועלען אַנקוקען אָט דעם „יוסף'ען", זעהען וואָס פאַר א פּנים ער האָט!...

פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אז איך האָב אָט דעם „יוסף'ען" פיינט געקראָגען, ווי א שפּין, חאָטש וואָס קעהר ער זיך אָן מיט מיר? וויים איך! עפּיס א יונגעל דאַרטען, אודאי א „חברה־מאַן" פון די „חברה־לייט", אָדער פון די „יענקעלעך", ווי זי פלעגט זיי אַנרופען מיט איהר געלעכטערעל. „די יענקעלעך" — דער נאָמען איז פאַר זיי, זאָג איך אייך, ווי אָנגעמאָסטען. דאָס זענען טאַקי נישט מעהר ווי יענקעלעך, עפּיס מאָדנע קליינע מענטשעלעך, צום מיינסטען פון דעם סאָרט מענטשעלעך, וואָס טראָגען לאַנגע האָר און שווארצע חעמדלעך — אקוראַט דאָס, וואָס איך האָב פיינט... האָט קיין פּאַראיבעל ניט. איהר אליין, דאַכט מיר, טראָגט אייך לאַנגע האָר מיט א שווארץ העמדעל, און אויב איהר מיינט, אז ס'איז שען, האָט איהר מחילה א טעות. איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס א „סמאָקינג" מיט א ווייסען זשילעט איז שענער... איך, אז איך דערזעה א שווארץ העמדעל, שטעלט זיך מיר פאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, אויסגעריבענע הויזען... איהר מיינט אפשר, איך האָב זיי עס ניט געזאָגט? געזאָגט! איך בין א מענטש איין אָפענטליכער, ביי מיר איז נישטאָ קיין חנפה'נען און קיין אונטערלעקען זיך. האָט איהר עפּיס אויף מיר צו זאָגען —

קאָנט איהר מיר זאָגען גלייך אין די אויגען. איך האָב נאָר פיינט, אז מע זאָגט מיר, אז איך בין א „בורזשוי”. איך, פאַר'ן וואָרט „בורזשוי”, קאָן געבען א פּאַהר־אריין אין באַק אריין!... וואָס פאַר א בורזשוי בין איך? איך בין א מענטש גלייך מיט אלע. איך פארשטעה אלסדינג און ווייס אלסדינג, וואָרום איך לייען אלע ביכלעך, מיט אלע היינטיגע נייע גאַזעטען לייען איך גלייך מיט אלעמען, — הייגט וואָס בין איך פאַר א בורזשוי? דערפאַר, וואָס איך טראָג א „סמאָקינג” מיט א ווייסען זשילעט, און איהר — א שוואַרץ העמדעל? איך מיין ניט אייך, איך מיין אָט א יענע „יענקעלעך”, מיט א יענעם יוספ'ען, וואָס איך דערצעהל אייך... איך האָב מיט זיי געהאַט עטליכע מאָל ביי'ם טיש אַזעלכע מיני געשפּרעכען, וואָס פון זיי האָב איך גאַנץ גוט ארויסגעזעהען, אז זיי האָבען מיך אַזוי ליעב, פונקט ווי איך זיי. א האַרץ, ווי זאָגט איהר, פיהלט א האַרץ. נאָר גאָרנישט, געהן ארויסזאָגען זיי, וואָס איך טראָג ביי זיך אינוועניג — בין איך אויך ניט מחויב; און אגב האָב איך מיך טאַקי צו זיי א ביסעל צוגעלאָנטשעט, געוואָלט איינ־קויפען זיך אין חברה, נישט אַזוי צוליעב זיי, ווי צוליעב דעם „יוספ'ען”, און נישט אַזוי צוליעב דעם „יוספ'ען”, ווי צוליעב איהר! מיך האָט פאַרדראָסען, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס זי לאָזט איהם נישט ארויס פונ'ם מויל, און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט: איין מאָל פאַר אלע מאָל, שטיינער פונ'ם הימעל זאָלען פאַלען, די וועלט זאָל זיך קעהרען — איך מוז מיך באַקענען מיט דעם דאָזיגען פאַרשוין! און איך האָב אויסגעפיהרט מיינס. ביי מיר, אז איך וויל עפּיס דערגעהן א זאַך, איז גאָר נישטאָ קיין תירוץ. פון געלט שמועסט מען ניט. איך בין דאָך א יונגערמאַן, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, א סוחר, און א שענער פאַרדיענער, און א קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאַדאָבנע...

פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אז איינקויפען זיך אין חברה איז מיר געווען נישט אַזוי גרינג, ווי איהר מיינט. איך בין מיר נעגעגנגט פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט. תחילת האָב איך אָנ־

געהויבּען טהון אַ וואָרף־אַריין אַ וואָרט אַזוי מן הצד, מיט אַ זיפֿץ, אַ קרעכץ אויף צרות הכּלל, געבּען אָנצוהערעניש, אַז אויף *אַ זעלכע* זאַכען שפּיעלט בּיי מיר געלט קיין ראָלע, אַז מע באַדאַרף אַרויסוואַרפען אַ קערבּעל, מוז מען אַרויסוואַרפען. איהר פֿאַרשטעהט, וואָס הייסט „אַרויסוואַרפען" אַ קערבּעל? איינער „נעמט־אַרויס" אַ קערבּעל, דער אַנדערער „וואַרפט־אַרויס" אַ קערבּעל. ס'איז אַ חילוק! „אַרויסוואַרפען" ווערט אָנגערופען: געגעבּען אַ חאַפּ־אַרויס דאָס בּייטעלע און אַ נעם־אַרויס די מטבע: איזוואָלטיע, — נאַט אייך, הייסט עס — נישט געצעהלט! אָט אַזוי האָב איך ליעב; נישט אַלע מאָל, פֿאַרשטעהט זיך, נאָר דעמאָלט, ווען מע דאַרף. דעמאָלט, ווען מע דאַרף געבּען אַ וואָרף־אַרויס אַ פֿינפֿאונצוואַנציגער, צי אַ פֿופֿציגער, צי אפֿילו אַ הונדערטער, טאָר די האַנט ניט ציטערען. למשל, איהר זיצט מיט אַ קאָמפּאַניע און צאָהלט פֿאַר אַ מיטאָג אָדער פֿאַר אַ וועטשערע, און מע דערלאַנגט אייך אַ חשבּון, בּאַדאַרפֿט איהר נאָר געבּען אַ חאַפּ אַ קוק אויף דער אונטערשטער שורה און רעדען בּעת מעשה פֿון עפּיס אַנדערש; און אַז מע בּרענגט אייך אויסגאָב, בּאַדאַרפֿט איהר נישט צעהלען, ווי אַ מאַרק־אידינע פֿאַר ציבּעלעס, נאָר געבּען אַ נעם און אַ לעג־אַריין אין קעשענע — און שוין! דאָס לעבּען איז, פֿאַרשטעהט איהר מיך, אַ חדר, וואָס מע דאַרף איהם דורכגעהן, דורכמאַכען; לעבּען דאַרף מען *קאָנען*! איך מעג זאָגען אויף זיך, אַז איך קאָן לעבּען, וואָרום איך ווייס וואו אַיין און וואו אויס, וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף נישט. איהר קאָנט זיין זיכער, אַז איך וועל נישט איבּערזאָלצען קיינמאָל, און אויף מיר וועט איהר נישט דערקענען קיינמאָל, צי בּין איך מילכיג, צי בּין איך פֿליישיג? איהר זאָלט מיך געוועזען זעהען דעמאָלט צווישען די „יענקעלעך", וואָלט איהר געווים מיינען, אַז איך בּין אַ „יענקעלע" גלייך מיט אַלע „יענקעלעך". דאָס הייסט, קיין לאַנגע האָר האָב איך מיר נישט פֿאַרלאָזט, און קיין העמדעל האָב איך נישט אָנגעטהאָן; איך בּין געגאַנגען דעם זעלבּען סמאָקינג מיט'ן זעלבּען ווייסען זשילעט,

וואס איצט. נאר וואס דען? איך האב מיך אינטערעסירט מיט אלץ, וואס זיי אינטערעסירט, און האב גערעדט פון דעם, וואס זיי רעדען: „פראלעטאריאט"... „בעבעל"... „מארקס"... „רעאגירען"... וכדומה אזעלכע ווערטער האבען זיך געגעבען אלע מאל א שאט ביי מיר פונ'ם ארבעל — און מערקווירדיג! וואס מעהר איך האב מיך צו זיי געלאנטשעט, אזוי מעהר האבען זיי זיך פון מיר דערווייטערט. בעת איך פלעג אנהויבען שיטען מיט יענע ווערטער: „פראלעטאריאט"... „בעבעל"... „מארקס"... „רעאגירען"..., האב איך באמערקט, אז די „יענקעלעך" ווערען שטיל, קוקען עפים משונה איינס אויף דאס אנדערע, רייניגען זיך בעת מעשה די צייהן... און נאך מעהר! געלט האבען זיי ביי מיר דוקא גענומען אלע מאל. אלע מאנטאג און דאנערשטאג, דארפט איהר וויסען, איז ביי זיי געוועזן קאנצערטען, און אלע מאל בין איך געוועזן דער ערשטער אויפ'ן פייער: — „דער דזשענטעלמען" וועט מסתמא היינט אויך נעמען א בילעט ערשטע רייהע פאר א דרייערל?

„דער דזשענטעלמען" — קיין אנדער נאמען האב איך ביי זיי ניט געהאט — האט געמוזט נעמען אלע מאנטאג און דאנערשטאג א בילעט פאר א דרייערל. א ברירה האט ער געהאט? דערפאר אבער, אז דער „דזשענטעלמען" פלעגט אריינקומען בעת די „יענקעלעך" האבען געהאלטען אין מיטען א שמועס, פלעגט ווערען שטיל, שא, גלייך ווי מע האט גארניט גערעדט קיינמאל! שטומע מענטשען!... פארשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אז דעם „דזשענטעלמען" האט דאס געברענט און געבראטען. נאר וואס האט ער געקאנט מאכען? איך האב דאך אייך געזאגט, אז וויבאלד איך וויל עפים דערגעהן, איז ביי מיר נישט פארהאן קיין טייער. אזוי לאנג, אזוי ברייט, איך האב מיך אריינגעלאנטשעט צו חברה, חאטש אויף אזוי פיעל, אז מע האט מיר דערלויבט צו זיין ביי זיי אויף א „דיסקוסיע" — דארט, האט מען מיר געזאגט, וועט „יוסף" האלטען א רעדע... קאנט איהר פארשטעהן מיין שמחה, אז איך האב דער־

לעבט אזא זאך? איך וועל זוכה זיין זעהען אט דעם „יוסף'ען" און וועל איהם הערען רעדען!...

וואו וועט זיין די דיסקוסיע און ווען וועט זי זיין — דאס האט מען מכות געקאנט ביי זיי וויסען. איך האב זיי גאר ניט געוואלט פרעגען אפילו: איך האב געוואוסט, אז מע וועט מסתמא קומען און מע וועט מיר זאגען. ביי די „יענקעלעך", דארפט איהר וויסען, געהט אלסדינג צו בסוד. אויף זייער לשון ווערט עס אנגערופען „קאנספירייישען" — איך געדענק דאס דאזיגע ווארט אויף אויסווענינ. איך האב עס פארשריבען ביי זיך אין ביכעל. איך, אז איך דערהער א שען ווארט, טהו איך עס באלד א נעם און א שרייב־אריין צו זיך אין ביכעל. אויב עס וועט צוניץ קומען, אדער ניין — ווייס איך ניט; נאר שאדען אודאי ניט.

הכלל, איינמאל אין א שענעם זומערטאג, שבת איז דאס געווען, טהוען א קום־אריין צו מיר צוויי „יענקעלעך", מיט שווארצע העמדלעך, געוויינטליך, און טהוען מיך א רוף־ארויס: „קומט!" „וואוהין?" „וואס געהט'ס אייך אן? קומט מיט אונז!"... העלפט נישט, מוז מען געהן... און מיר האבען זיך געטהאן א לאז העט־ווייט הינטער דער שטאדט ארויס, און טאקי אין וואלד אריין, און בשעת געהן באגעגענען מיר אלע מאל איין אנדער „יענקעלע" זיצען אונטער א בוים, קוקט כלומרשט קיין פצון־זייט און טהוט א מורקע־ארויס: „רעכטס!" אדער: „לינקס!"... זאגען, אז איך האב מורא געהאט — איז א נארישקייט; וואס האט מען מורא צו האבען פאר א אידען? נאר גלאט, ס'איז מיר עפים ניט אנגעשטאנען די מעשה, וואס איך, א יונגערמאן א סוחר, מיט א שטיקעל נאמען, און א שענער פארדיענער, און א קערבעל איז בלאטע, אי טאמאו פאראבנע, זאל מיך לאזען פיהרען פון יונגלעך, „יענקעלעך"! איהר פארשטעהט?...

וואס טויג אייך, מיר זענען געגאנגען און געגאנגען, געגאנגען און געגאנגען, ווי זאגט איהר, וואלד־איין, וואלד־אויס, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מיר האבען זיך דערשלאגען צו א גרויסען הויבען

בארג. און ערשט אַז מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף דעם דאָזיגן בארג, געגעבן זיך אַ לאָז באַרג־אַראָפּ, האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ שוואַרצע מחנה קעפּ. דאָס זענען געזעסן אויף דער ערד חברה „יענקעלעך", בחורים׳לעך אין שוואַרצע העמדלעך, מיידלעך אין בלוזקעס, און גלאַט יונגעליים. אָבער אַ גוזמא! איך האָב מורא, אויב ניט אַ דריי טויזענט שטיק, און אפשר נאָך מעהר, און שטיל — חאָטש אַ פליעג פליה דורך! שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער מחנה קעפּ, זיך געגעבן אַ זעץ־אַנידער אויף דער ערד, און איך האָב גענומען איינקוקען זיך, וואו איז דאָ ערגיץ דער „יוסף"? און איך האָב דערזעהן... שטעלט אייך פאָר וועמען? איך האָב דערזעהן אַ באַקאַנטען פּאַרשוין, טאַקי איינעם פון די „יענקעלעך", וואָס האָבן אינ־איינעם מיט מיר געגעסען ביי דער אַלמנה אין דער רעסטאָראַציע!... אָט האָסט דו דיר!

דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געוועז: „סך־הכּל?... אָט דאָס איז גאָר?... אָט דאָס איז ער, אָט דער „יוסף"?... און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מי יודע וואָס! מיט הערנער!"... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת, עס האָט מיר כּמעט הנאה געטהאָן — ניין, טאַקי שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... איך האָב געמאַכט אַ פאַרגלייכונג צווישען איהם מיט מיר — נישט מחמת איך האַלט מיך פאַר אַזאַ גרויסען פּאַרשוין, וואָס ס׳זאָל ניט זיין שוין קיין שענערס פאַר מיר. איך בין ניט גענאַרט; איך ווייס, אַז ס׳איז פאַרהאַן שענערע פון מיר אויך. נאָר ווערליג ער... איהר פאַרשטעהט? איך וועל אייך איהם אויסמאָהלען אַקוראַט, ווי אַזוי איך האָב איהם דערזעהן די ערשטע מינוט: צוגעשפּאַרט צו אַ בוים איז געשטאַנען אַ קליינס, אַ בלייכס, איין אויסגעדאַרטס, איין אויסגעטריקענטס, מיט אַ שמאָל האַרץ, מיט ווייסע בלאַסע איינגעפאַלענע בעקלעך, עט־וואָס רויטליך און פאַרברעמט, מיט נאָך גאָר קליינע בלאָנדע הערלעך; נאָר אַ שטערן אַ הויכער, אַ ווייסער, אַ ברייטער, און

אויגען אַ פּאָר גרויע, ווי ביי אַ קאַץ, נאָר ברענענדיגע, און אַ מויל — און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הויב עס אָן צו פֿאַרשטעהן נאָך עד היום, פֿון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַזאַ כּח ביי דעם דאָזיגען נפש אויף צו רעדען אַזוי הויך און אַזוי גיך און אַזוי פֿיעל און אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פֿייער! איך קאָן אייך זאָגען, אַז דאָס איז געווען ניט גלאַט גערעדט, ווי מענטשען רעדען. דאָס איז געווען אָדער אַ שוואַרץ־יאָהר, אָדער אַ מאַשינע אַזעלכע, וואָס מע האָט זי אָנגעדרעהט, אָדער פֿון אויבען איז געווען עפּיס אַזעלכעס, וואָס האָט געשאָטען מיט ווערטער, געגאָסען מיט פֿייער, אָדער דאָס האָט נאָר דער בוים גערעדט... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלע מאָל, אַז אָט־אָט הויבט זיך אויף אָט דער קליינער נפש מיט די איינגעפֿאַלענע רויטליכע בעקלעך און מיט די גרויע אויגען און טהוט אַ פֿליה־אַוועק אינאיינעם מיט די ווערטער אַהינצו, ערגיץ אַרויף... ניין! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איך האָב שוין געהערט אויף מיין לעבען די גרעסטע און די שענסטע אַדוואָקאַטען — אַזאַ מין רעדען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט און וועל שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט הערען אויך...

ווי פֿיעל דאָס רעדען זיינס האָט גערויערט — ווייס איך ניט; איך האָב נישט געקוקט אויפ'ן זייגער. איך האָב געקוקט אויף איהם און האָב געקוקט אויף דער מחנה קעפּ, וואָס זענען געזעסען אויף דער ערד און האָבען געשלונגען איטליכס וואָרט, ווי די הונגעריגע און ווי די דאָרשטיגע... נאָר ווער עס האָט ניט געזעהען בעת מעשה זי, דער האָט נישט געזעהען קיין שענס אויף זיין לעבען! צווישען דער מחנה קעפּ האָב איך דערזעהען זי זיצען אויף דער ערד, די פֿיס אונטער זיך, די הענט צונויפֿגעלעגט אויפ'ן האַרצען, דאָס פּנים לייכט, די בעקלעך פֿלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף, און די שענע קאַרשען־אויגען שמייכלען, און גלייך צו איהם, גלייך' צו איהם!... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב אין דער מינוט מקנא געווען איהם, נישט אַזוי אויף דעם

כח פון זיין רעדן, נישט אזוי אויף דעם כבוד מיט'ן פאטשען בראווא, וואס מע האט איהם געפאטשט נאכדעם, אז ער האט אויפ־געהערט צו רעדן, — נישט אויף די זאכען האב איך איהם אזוי מקנא געווען, ווי אויף דעם קוקען, וואס זי האט אויף איהם געקוקט! פאר איין קוק אזעלכען, פאר איהרען, וואלט איך אוועק־געגעבען — איך ווייס אליין ניט וואס! דער דאזיגער קוק האט גערעדט ווערטער. עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך הער איהר קול, ווי זי זאגט, מיט יענעם באקאנטען געזאנג: „יו־סף!" איך האב אייך דאך געזאגט שוין, אז ביי מיר איז א מיידעל נישט קיין אי־אי־אי! איך האב שוין געזעהען מיידלעך, ווארום איך בין א יונגערמאן, קאן מען זאגען, נישט קיין מיאוסער, א היינטיגער, און א שענער פארדיענער, און א קערבעל איז בלאטע, אי טאמאר פאראבנע... נאר אזוי קוקען האט אויף מיר נישט געקוקט מיין ווייב אפילו אין די גוטע יאהרען, בעת זי איז אויסגעגאנגען נאך מיינע טריט... איך בין א בעלן געווען מיט א כיון צוגעהן צו איהר נאהענט, זיך אוועקזעצען כמעט נעבען איהר, זיך דרעהען איהר פאר די אויגען, ווי א פליעג, זשומען אין אויהער אריין, ווי א קאמאר, — ווער? וואס? א נעכטיגער טאג! איהרע אויגען האבען זיך, ווי צוויי פיאווקעס, איינגעזויגען אין זיינע אויגען, און זיינע אויגען — אין איהרע אויגען, און עס האט זיך מיר אויס־געדאכט, אז די צוויי, ער און זי, זעהען קיינעם ניט פאר זיך, נאר איינס דאס אנדערע: ער זי און זי איהם, און ווייטער דארפען זיי קיינעם ניט! חבוט־הקבר, זאג איך אייך, איז א גארניט אקעגען דעם, וואס איך האב בעת מעשה געפיהלט. א גיהנם האט געקאכט ביי מיר אין הארצען, איך ווייס ניט אויף וועמען: אויף „איהר", צי אויף „איהם", צי אויף זיי ביידען, צי גאר אויף זיך אליין?... איך בין יענעם אויפדערנאכט געקומען אהיים מיט א מורא'דיגען קאפּוועהטיג און האב מיך געלעגט שלאפען מיט דער דעה, אז ווייל איך וועל לעבען זאל מיין פוס דארט ניט זיין, ביי דער אלמנה הייסט עס. איך דארף זיי אלע אויף זיבענהונדערט

כּפּרות! וואָס דאַרף איך זײַ? וואָס, ניט אַזוי?... און אַז איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָב איך קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, ס'זאָל שוין ווערען זייגער צוויי, די צייט פון מיטאָג, און בין מסתמא גלייך אוועק אַהין, און האָב דוקא געטראָפען בײַ'ם טיש די גאַנצע חברה „יענקעלעך" וואָס תמיד, און ער איז אויך געווען בתוכם... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איהר; איך, אַז איך זעה איין ארטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ באַריהמטען מענטשען, וואָס אפילו מיר אַלע ווייסען גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשען, עסט גלייך מיט אַלעמען און טרינקט גלייך מיט אַלעמען, נאָר קוים זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז איין ארטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ באַריהמטער מענטש, דאַכט זיך מיר שוין אויס, אַז ער איז נישט גלייך מיט אַלעמען, אַז עפּיס ליגט אין איהם אַזעלכעס, וואָס מע קאָן עס, ווי זאָגט איהר, נישט אָנטאַפּען... אַזוי איז געווען מיט מיר, אַז איך האָב דערזעהען איהם נאָך דער דרשה; דאַכט זיך, דער אייגענער „יענקעלע", וואָס תמיד, נאָר פאָרט נישט דער. עפּיס ליגט אין איהם אַזעלכעס. עפּיס שטעהט אָנגעצייכענט בײַ איהם אויפ'ן פּנים; וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר איך וואָלט פאַר דעם „עפּיס" אוועקגעגעבען מי יודע וויפיעל! נישט מחמת איך באַדאַרף עס האָבען; אויף וואָס באַדאַרף איך עס? אויף נייען־און־נייענציג כּפּרות! איך האָב עס נאָר געוואָלט צוליעב איהר, וואָרום זי איז נישט אָפּגעטראָטען פון איהם אויף קיין מינוט, און אפילו דעמאָלט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און גערעדט מיט מיר, האָט זי אויך אין זינען געהאַט איהם, ניט מיך. איך בין, דאַרפט איהר ווײַסען, אַ מבין אויף די זאַכען. מיך קאָסט עס געגנוג רבי־געלט... עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר מיר אַ נייער גיהנם: פריהער, איידער איך האָב געוואוסט ווער דער יוסף איז, האָט זיך מיר געמאָהלט אין מײַן כּח־הדמיון אַ הויכער, אַ שענער, אַ געזונטער, אַ מאַנספּאַרשוין, און איך האָב איהם נישט געקאָנט לײַדען, מקנא געווען און פײַנט געהאַט, ווי איהר קאָנט

זיך נאָר פֿאָרשטעלען. איצט, אַז איך בין שוין געוואָהר געוואָרען, ווער דער מאַנספּאַרשוין איז, אַז דאָס איז גאָר אַ „יענקעלע״ גלייך מיט אלע „יענקעלעך״, האָט מיך פֿאַרדראָסען... איך ווייס ניט אויף ו לאָזט מײנען: צי אויף איהר, וואָס זי פֿאַרגעטערט איהם אַזוי (און אַז זי פֿאַרגעטערט איהם — דאָס זעהט דאָך אַ בלינדער אויך!), צי אויף איהם, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען אַזאַ כּח־הדבור, צי אויף זיך אַליין האָט מיך פֿאַרדראָסען, לְמאַי האָב איך ניט אַזאַ כּח?... נישט מחמת איך דאַרף עס אַזוי נויטיג האָבּן. צו וואָס דאַרף איך עס? און נישט מחמת איך בין חלילה ן אַ צונג. מיינט ניט! איך, אַז איך וויל רעדינן — קאָן איך! איך האָב שוין אַמאָל גערעדט אויף אַ „זאַסעדאַניע״, און דוקא אין „קוטעטשעסקע קלוב״, זאָגט דער עולם, אַז איך רעד ניט שלעכט, גאָר נישט שלעכט!... דער פֿאַרדראָס, וואָס מיך האָט פֿאַרדראָסען, קאָן איך אייך מיט ווערטער ניט אַרויסגעבען; דאָס דאַרף מען פֿאַרשטעהן — ניין, דאָס דאַרף מען פֿיהלען, מע באַדאַרף זיין אויף מיין אָרט, קימען אַלע טאָג אין דער רעסטאָראַציע, אָנקוקען זי מיט׳ן ווייסען פֿאַרטוכעל, וואָס סע שעמערירט, איהר שען ליכטיג פּנים, וואָס שײנט און וואָס סע זינגט, הערען איהר זיס קול, וואָס קוויקט, איהר געלעכטערל, וואָס צעגעהט זיך אין יעדען אבר, און בשעת מעשה זעהען איהם און פֿיהלען, אַז דאָס איז אינגאַנצען צוליעב איהם, און נאָר צוליעב איהם אַליין, און ווייטער קײנעם ט! ניין, מע דאַרף איהם צונעמען פֿונ׳ם וועג, מע דאַרף, ער זאָל אַוועק, מע דאַרף זיינער פּטור ווערען. נאָר ווי אַזוי? איך וועל דאָך נישט געהן סמ׳ען איהם, אָדער שיסען; איך בין דאָך נישט ן רוצח, איך בין דאָך אַ איד... אַרויסרופען איהם אויף אַ דועל? — פֿע! אין אַ „ראָמאַן״ רופט מען אַרויס אויף אַ דועל, אי דאָס — גלויב איך ניט, ס׳זאָל זיין אמת; ס׳איז נאָר גלאַט אַזוי, אויף צו באַשרייבען, קומט אויס שענער... אַזוי האַלט איך... איך בין געפֿאַלען אויף אַ שענער המצאה: איך וועל מיך דורכ־שמועסען מיט איהם אַליין, ווי זאָגט איהר: „אָפּגעבען דעם

שליסעל דעם גנב אין האנט אריין״... איאָ, אַ פּלאַן? און נישט לאַנג געטראַכט, — איך האָב פּיינט לאַנג טראַכטען — טהו איך מיך אַ רוף־אָן צו איהם איינמאָל נאָכ׳ן עסען:

— איהר ווייסט? איך האָב צו אייך אַ נויטיגען עסק. איך האָב מיט אייך וואָס צו רעדען.

און ער? ער זאָל דאָס אפילו אַ ריהר טהון מיט איין אבר. גאָרניט! נאָר אנידערגעשטעלט אויף מיר זיינע פּראָסטע גרויע אויגען, ווי איינער רעדט:

— הנני, איך בין אָנגעבריים.

— ניין, — מאַך איך צו איהם — ניין, ניט דאָ. איך וויל, ס׳זאָל זיין, ווי מע זאָגט, אונטער פיער אויגען.

— קומט! — מאַכט ער צו מיר און פיהרט מיך ארויס אין דרויסען ארויס און שטעלט זיך אוועק אקעגען מיר און ווארט, ווי איינער רעדט:

— נו? פאר וואָס דבר׳ט מען ניט?

— נישט אָט דאָ. — מאַך איך צו איהם. — ווען טרעפט מען אייך אין דער היים?

— איך קאָן זיין ביי אייך... — מאַכט ער צו מיר און פאַר־חאַפּט זיך אָבער באַלד. — און אויב איהר ווילט... זייט איהר ביי מיר מאָרגען פון... (און ער טהוט אַ נעם־ארויס דעם זייגער). פון האַלב צעהן ביז האַלב עלף אין דער פריה... נאָט אייך מיין אדרעס.

אזוי מאַכט ער צו מיר און קוועטשט מיר, און קוועטשט מיר די האַנט, און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „קאָנספּירייישען?״...

— קאָנספּירייישען, האָט קיין יסורים ניט! — מאַך איך צו איהם, און מיר צעגעהען זיך, ווי זאָגט איהר, איטליכער אין זיין רוה אריין.

אודאי בין איך יענע נאַכט ניט געשלאָפען. איך בין, פאַר־שטעהט איהר מיך, געלעגען אין איינע אַנגסטען און נאָר געטראַכט:

וואָס וועל איך איהם זאָגען, אשטייגער? פון וואַנען זאָל איך אָנהויבען? און וואָס וועל איך טהון, טאָמער טהוט ער מיר אַ זאָג:

— הערר דזשענטעלמען, וואָס האָט איהר אייך צו מישען אין פרעמדע עסקים? וואָס פאַר אַ מחותן זענט איהר, הערר דזשענטעלמען, מיט אַ מיידעל, וואָס איינער פון די „יענקעלעך" רעכענט זי פאַר אַ כּלה שוין פון ווייס איך ווען?...

וואָס ענטפערט מען איהם דערויף? אָדער וואָס טהו איך, אז ער נעמט מיך, אשטייגער, פאַר'ן קאַרק און טהוט מיך אַ שמייס־אַראָפּ פון אַלע טרעפּ? דאָס הייסט, קיין מורא האָב איך ניט. וואָס האָב איך פאַר איהם מורא? איך בין דאָך געקומען צו איהם מכּח איין עסק. ממה־נפשך: יאָ — יאָ, ניין — ניין. ווארפען זיך איז גיטאָ פאַר וואָס!...

אָט אזוי בין איך געלעגען אין מחשבות די גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען האַלב צעהן דעם זייגער האָב איך שוין געקלעטערט צו איהם ערגיץ אין אַלדי שווארצע יאָהר אויף אַ בוידעם, אפשר דריטהאַלבען הונדערט טרעפּ, און האָב איהם אקוראט געטראָפען אין דער היים מיט נאָך אַ פּאָר „יענקעלעך", וואָס אז זיי האָבען מיך דערזעהען, האָבען זיי זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט איינס מיט'ן אנדערען, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט דאָ צו טהון דער דזשענטעלמען?"... נאָר מיין פויגעל האָט זיי געגעבען אַ וואונק, זיי זאָלען נעמען דעם וועג, און מיינע „יענקעלעך" האָבען זיך דוקא געשטויסען וואָס מע מיינט, געטהאָן זיך אַ נעם צו די היטלעך — און נעלם געוואָרען.

געבּליבען מיט איהם אַליין, ווי זאָגט איהר, אונטער פיער אויגען, נעם איך און טהו איהם אַ לענג־אוועק אַ דרשה: אזוי און אזוי, אז איך בין אַליין, האָטש איך בין אַ געשעפטסמאַן, אַ מענטש מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פּאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בּלאָטע, אי טאָמאו פּאַדאָבנע, פון דעסטוועגען ווייס איך אַלס־דינג וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, ווארום איך בין, דאַרפט איהר

ווּיסען, אַ היינטיגער, איך לייען אַלסדינג, אַלע נייע גאַזעטען און זשורנאַלען, — און איך נעם און טהו אַ שיט־אויס אַלע מאָדנע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירען"... „קאָנספּירײשען"... וכדומה. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר דוקא פראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער:

— מיט וואָס זשע קאָן איך אייך דיענען?

— מיט אַ קלייניגקייט — זאָג איך: — מיט איין עצה.

— איך?... אייך?... איין עצה?...

אַזוי מאַכט ער צו מיר און טהוט אַ שטעל־אַוועק אויף מיר די פראָסטע גרויע אויגען, ווי איינער רעדט: „ווי קום איך, אַזא שנעק ווי איך בין, געבען עצות אַזא דזשענטעלמען?"... איהר פאַרשטעהט? ס'איז איהם אַליין געווען פריקרע, ווי זאָגט איהר, איבער דער טבע. און מיר איז דאָך אודאי געווען פריקרע. נאָר וואָס זאָל איך טהון? איך האָב דאָך שוין אָנגעהויבען, באַדאַרף מען דערפיהרען, ווי זאָגט איהר, צו אַ ברעג. און איך נעם און טהו איהם אַ זאָג־אויס, וואָס מיך קוועטשט, מיט אַ דערצעהל־אויס, וואָס ביי מיר אויפ'ן הארצען טהוט זיך פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זי דערזעהען, ביז צו היינטיגען טאָג, ממש איך לעב נישט, דאָס הייסט, זי לאָזט מיך נישט לעבען!... „איך בין דאָס גאָר נישט געוועהנט געוואָרען, זאָג איך, אַז איבער אַ מיידעל — זי מעג זיך זיין אפילו די בת־מלכה אַליין — זאָל איך אַזוי „רעאַגירען", וואָרום סך־הכל בין איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַן, חאָטש אַ היינטיגער, דאָך אַ סוחר מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאַו פאַדאָבנע"...

אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר ווידער אַ מאָל פראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער:

— אויב איהר פרעגט ביי מיר איין עצה, וואָלט איך אייך זאָגען, איהר זאָלט רעדען מיט איהר אַליין...

— נו, און איהר? — זאָג איך.

— איך וויל ניט — מאַכט ער צו מיר און פאַרחאַפּט זיך באַלד — איך קאָן ניט, איך האָב קיין צייט ניט פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכען.

— ניין! — מאַך איך צו איהם. — ניט דאָס מיין איך. איך פאַרלאַנג נישט פון אייך, אַז איהר זאָלט מיט איהר רעדען. ווי קאָן איך דאָס פאַרלאַנגען? איך פרעג אייך נאָר, וואָס וועט איהר זאָגען דערויף?...

— וואָס קאָן איך, זאָגט ער, דערויף זאָגען? אויב איהר געפיהל צו אייך איז אַזוי, ווי אייער געפיהל צו איהר...

אַזוי מאַכט ער צו מיר פּראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער, און געהט און טהוט אַ נעם־אַרוים דעם זייגער, ווי איינער רעדט: „אונזער שמועס איז שוין באַלד ווי געענדיגט"... די קונץ פון קוקען אויפ'ן זייגער, דאַרפט איהר וויסען, פאַרשטעה איך גאַנץ גוט. איך, אַז איך וויל יענעם פּטור ווערען, בין איך מיך אויך אַזוי נוהג. דער חסרון איז, וואָס ניט יעדער שטויסט זיך, וואָס מע מיינט. איך, זעהט איהר, האָב מיך דוקא יאָ אָנגעשטויסען, און האָב מיר געגעבען אַ הויב־אויף, געבעטען איהם, אַז די מעשה זאָל בלייבען צווישען אונז, „קאָנספּירייישען" הייסט עס, און בין אַוועק אַהיים. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? דאָס וואָרט „פרייליך" איז אַ הונט! „גליקליך"? — נאָך אַלץ נישט דאָס! אויפ'ן זיעבעציגסטען הימעל!!! ווען איך האָב ניט באַגעגענט, האָט זיך מיר, הערט איהר, געגלוסט נאָר אַרומחאַפּען קושען. אַלע און אַלעם האָבען באַקומען אין מיינע אויגען גאָר אַ באַזונדער חן. פון יוסף'ען אַליין שמועסט מען ניט: איך האָב איהם יענעם טאָג ליעב געקריגען, ממש ווי איין אייגענעם ברודער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך אומגעקעהרט איהם אַ קוש טהון, און איך זאָל ניט מורא האָבען, אַז ער וועט זיך געפינען באַלעדיגט, וואָלט איך איהם אונטערגעטראָגען אַ מתנה: אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ שעהן קייטעל מיט אַ היבשען ברעלאָק.

פֿאַר גרויס שמחה בין איך גאָר אוועק אין קלוב. איך, דאַרפֿט איהר וויסען, טהו מיך אַ חאַפּ־אַריין אַמאָל אין קלוב אַריין, ווי זאָגט איהר, „צווישען טאָג און נאַכט", נישט מחמת איך האָב ליעב דאָס שפּיעל. איך אַליין שפּיעל ניט; נאָר איך האָב ליעב זעהען, ווי יענער שפּיעלט, און אַמאָל, זעלטען־זעלטען, געבען אַ „שמיר" אונטער אויף יענעמ'ס קאָרט, — איז איינס פֿון די צוויי: אָדער מע נעמט־אויס, אָדער מע ווערט באַגראָבען. דאָס מאָל איז מיר דוקא געראָטען; ס'איז מיר אוועקגעגאַנגען דאָס קערטעל, זאָג איך אייך, ווי קיינמאָל נישט! איך האָב אָנגעשלאָגען אַ שען קערבעל און האָב געגעבען אַ רוף־צונויף די חברה „באָסיאַקעס" (אַזוי הייסען ביי אונז אין קלוב די דאָזיגע, וואָס בלייבען אָהן קליינגעלט) און האָב געגעבען אַ שטעל־אַוועק אַ וועטשערע, און דוקא מיט שאַמפּאַניער־ווייז, „רעדערער", און אַז איך בין געקומען אַהיים — געוועזן שוין גרויסער טאָג, — האָב איך געטראָפֿען ביי זיך אויפ'ן טיש אַ דעפּעש, אַז מע רופֿט מיך אַרויס עקסטרע צוליעב זעהר אַ נויטיגען געשעפֿט. און דאָס ווייסט איהר דאָך מסתמא, אַז „נאַש־בראַט", וויבאַלד ער באַקומט אַ דעפּעש מכּוח געשעפֿט, איז אַ סוף, פֿאַרפֿאַלען, ווי זאָגט איהר, די קוה מיט'ן שטריקעל, אַ כּפּרה אַלסדינג. מע הויבט זיך אויף און מע פֿאָהרט.

אַוועקגעפֿאָהרען בין איך, אייגענטליך, אויף צוויי טאָג, און געזוימט האָב איך מיך, געוויינטליך, דריי וואָכען, און אַז איך בין געקומען צוריק, האָב איך דאָך באַלד געגעבען אַ לויף־אַוועק אין דער רעסטאָראַציע עסען, און האָב געטראָפֿען דאָרטען איין איבערקעהרעניש: פֿון די „יענקעלעך" איז ניט געבליבען קיין האָר אפילו, און די, וואָס זענען געבליבען, זענען אויך געווען נישט דאָס, וואָס תּמיד: עפּיס זענען זיי מיר געווען ווי צעדרעהט, משונה צערודערט און צעפּלאָכטען. זיי האָבען אָפּגעחאַפּט דאָס עסען, ווי זאָגט איהר, על רגל אחת, און צעקראָכען זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי די הינט נאָך אַ רעגען, דער אַהער און דער אַהין...

נאָר מעהר פון אַלץ האָט מיך געוואונדערט: וואו איז יוסף? פאַר וואָס זעהט מען ניט יוספ'ען? איך קוק מיך צו צו די „יענ־קעלעך" — עפּיס איז מען מיר מאָדנע האָפּערדיג, עפּיס שטיקט מען זיך: שו־שו! שו־שו!... ס'איז ביי זיי ניט נאָר קאָנ־ספּירייִשען — ס'איז שוין, ווי זאָגט איהר, „קאָנספּירייִשען שבקאָנ־ספּירייִשען"!... איך טהו מיך אַ קוק־איין אין איהר — זי איז מיר אויך משונה שווייגענדיג, פאַרטראַכט און שטאַרק „קאָנספּיריי־שענדיג"... די שענע בעקלעך פלאַמען נישט, די קאַרשען־אויגען שמייכלען ניט. וואו זענען אַהינגעקומען די חן־גריבלעך, וואָס בעטען זיך: נאַ, קוש מיך!? עפּיס הערט מען נישט מעהר איהר געלעכטערעל, יענעם געלעכטערעל, וואָס אַז זי הויבט אָן צו לאַכען, לאַכט מיט איהר אַלסדינג — איהר, און דער טיש, און די בענקלעך, און די ווענט, און דאָס גאַנצע לעבען!...

דאָס פאַרשטעהט איהר דאָך מסתמא אַליין, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם יוספ'ען נ י ש ט געבענקט... איך האָב מיר נאָר געבראָכען דעם קאָפּ: וואו האָט ער געקאָנט נעלם ווערען? צי אויף אַ קורצע צייט, צי אויף שטענדיג? צי שרייבט ער בריוולעך, צי ניין? פרעגען ביי די „יענקעלעך" — ענטפערען זיי דען? זיי קוקען אייך אין די אויגען אריין, קאַלופּען בשעת־מעשה די צייהן און שווייגען, ווי איינער רעדט: „יונגערמאַן, אַז איהר וועט וועלען אַלסדינג וויסען, וועט איהר גיך אַלט ווערען"...

ערשט מיט אַ מאָל, אין אַ שענעם פריהמאָרגען, איך קום צו געהן איינמאָל אין דער רעסטאָראַציע עסען, טרעף איך די „יענ־קעלעך" זיצען אַלע אַרום טיש, איינער לייענט פון אַ בלאַט, און דער גאַנצער איבעריגער עולם האָרכט. אפנים, אַז דאָס מוז זיין פון יוספ'ען. פון וואַנען ווייס איך עס? פון איהר. זי, מיט'ן ווייסען פאַרטוכעל און מיט די קאַרשען־אויגען, שטעהט ביי דער זייט, צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן האַרצען, דאָס פנים לייכט, די בעקלעך פלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף — פּונקט ווי דעמאָלט אין וואַלד... דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס דעמאָלט

האָבען די שענע קאַרשען־אויגען געקוקט אויף יוספ'ען, און איצט האָבען זיי געבלאָנזעט ערגיץ אין דער לופטען, געזוכט, אפּנים, אַלץ איהם, אַלץ יוספ'ען!... וואָס טויג אייך, איך האָב קוים דער־לעבט, זיי זאָלען אַוועקלעגען דאָס בלאַט, האָב איך עס געגעבען איין עפּען־אויף און אַ קוק־אַריין אינוועניג — און עס איז מיר מיט אַ מאָל פאַרענטפערט געוואָרען אַלע קשיות: מ י י ן י ו ס ף ה אָ ט ג ע ה אַ ל ט ע ן א י ן ד ע ר א ר ב י י ט!... איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט ניט גוט אָפּשניידען; אַז ניט היינט, מאָרגען — אַריין אין קרויט מ ו ז ער... דעם שפּיץ האָט מען, געוויינטליך, נאָך נישט געקאָנט וויסען, נאָר פאַרשטאַנען האָט מען, אַז אַ קניפּ אין בעקעלע, ווי זאָגט איהר, וועט מען איהם נישט געבען, קיין האָניג וועט ער נישט לעקען און קיין בשמים וועט ער נישט שמעקען...

וואָס ביי מיר א'ז געוועז דעמאָלט אויפ'ן האַרצען — קאָן איך אייך נישט איבערגעבען; זאָגען, אַז ס'זאָל מיך שטאַרק אַהרען, קאָן איך נישט, וואָרום ער איז מיר דאָך פאָרט געשטאַנען פאַפּעריק, ווי זאָגט איהר, אַ ביין אין האַלז... און ווידער, איך זאָל זאָגען, אַז עס האָט מיך געפרעהט, איז דאָס אויך ניט אינגאַנצען אמת. ווי זאָגט איהר, מע טאָר דאָך אַזעלכעס נישט ווינטשען דעם ערגסטען שונא אפילו. אדרבה, איך האָב איהם געוואונטשען מיט'ן גאַנצען האַרצען, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, אַז גאָט זאָל איהם אַ נס טהון און מע זאָל איהם ... אינגאַנצען, הייסט עס, אָפּריייניגען? — דאָס קאָן דאָך ניט זיין; נאָר אַזוי עפּיס אַ גרינגע שטראָף... איהר פאַרשטעהט?...

ווי אין אַ טשאַד, זאָג איך אייך, בין איך אַרומגעגאַנגען די עטליכע טעג, זיך גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און אַז איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז דער עסק האָט זיך שוין, ברוך השם, גע־ענדיגט און אַז מאָרגען וועט אַרויס־געטראָגען דער פסק, שווער איך אייך ביי מיין לעבען, — ס'איז ביי מיר טייער — אַז איך בין יענע נאכט ניט געשלאָפען, ניט אָנגעהויבען שלאָפען, זיך געקאַטשעט פון

איין זייט אויף דער אנדערער, און געמוזט סוף־כל־סוף אויפשטעהן, און האָב מיך געפּרובט געבען אַ קוק־אריין אין קלוב אריין, נישט אַזוי צוליעב דעם שפּיעל, ווי איך האָב גערעכענט, טאָמער וועל איך קאָנען פארגעסען האָטש אויף אַ מינוט... דאָס הארץ איז מיר עפּיס געווען צו שווער, איך האָב געפיהלט, כמעט געוואוסט, אַז ע ר ה א ל ט ש מ אָ ל.

און כך הוה. איך קום אין דער געוויינטליכער צייט אין דער רעסטאָראַציע, באַגעגען איך פון דאָרט ארויסשפּרינגען צוויי „יענקעלעך", שטארק צעפלאָכטען, פארטאָרעראמט — סכנת־נפשות! אריינגעקומען אינוועניג, האָב איך געטראָפען אַ פּאָר פרעמדע מענטשען עסען. צום טיש דערלאַנגט שוין ניט זי, נאָר די מוטער, און די מוטער אַליין איז עפּיס אויך, ווי זאָגט איהר, לא־עליכם'דיג, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז פארוויינט... בין איך נישט פויל אויף דער פּען און נעם און טהו זי אַ רוף־אָפּ אויף אַ זייט:

— וואו איז ערגיץ אייער טאָכטער?

— ביי זיך, — מאַכט זי צו מיר און טהוט מיר אַ וויז מיט די אויגען אהין, אויף אַ קליין אַלקירעל, וואָס זעהט־אוים ווי אַ שמייגעל מיט אַ טירעל.

דאָס שפּיעל, וואָס איך האָב געשפּיעלט מיט דער מוטער, איז געווען, דארפט איהר וויסען, אַ מאָדנע שפּיעל. רעדען עפענטליך מכח אַכטצעהן און דרייצעהן האָב איך מיט איהר קיינמאָל ניט גערעדט; נאָר פארשטאַנען האָב איך, אַז זי וויל דעם שידוך: אַ יונגערמאַן אַ היינטיגער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פארדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאור פּאַדאָבנע — פּאַר וואָס זאָל זי ניט וועלען? אדרבה, איך האָב איהר אַ פּאָר מאָל געגעבען אָנצוהערעניש, אַז איך אינטערעסיר מיך מיט איהר טאָכטער זעהר געשמאַק! אַ סימן — איך קאָן ניט ליידען, וואָס זי דערלאַנגט אַליין צום טיש... טרעפט זשע, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף?

— איהר קאָנט ניט לײַדען, וואָס זי דערלאַנגט? דערלאַנגט מען אַליין!...

אַזוי טהוט זי צו מיר אַ זאָג, די מוטער הייסט עס, און דער[illegible]גט זיך אַ שמיר־אַרויף מיט'ן נאַקעטען עלענבויגען איבער'ן פּנים, און געה טהו איהר עפּים!

וואו זשע האַלט איך? — בײַ'ם קליינעם אַלקירעל. ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר איין אופן איך האָב געטהאָן אַ געה־אַריין אין דעם קליינעם אַלקירעל אַריין? וואָס זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב איהר געגעבען אַ זאָג? — פרעגט מיך בחרם, אויב איך חויב אָן גערענקען אפילו! איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זי געטראָפען אין'ם זעלבּיגען ווייסען פאַרטוכעל, וואָס תמיד, זיצען בײַ'ם פענסטער, צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן האַרצען, דאָס פּנים בלאַס, די בעקלעך ווייס, קיין טראָפען בלוט ניטאָ, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף, און די שענע קאַרשען־אויגען, איבערגעצויגען ווי מיט אַ רויכעל, קוקען ערגיץ ווייט־ווייט, פאַרטראַכט, און נישט קיין איינציגע טרער, נישט קיין סימן פון קיין טרער, נאָר אַ שטילער, שטומער טרויער, זעהט מען, ליגט אויסגעגאָסען אויפ'ן קוים־קוים אָנגעקנייטשטען ווייסען שטערן. איך שווער אייך בײַ מיין לעבען, הערט איהר, — ס'איז בײַ מיר טייער — זי איז אין דער דאָזיגער מינוט געווען אַזוי שען, אַזוי געטליך, אַז איך בין גרייט געווען זיך געבען אַ טהו אַ וואַלגער פאַר איהרע פיס און אויסקושען איהר די טריט!... דערזעהען מיך, האָט זי זיך דוקא ניט איבערגעשראָקען, דוקא ניט געגעבען זיך קיין זאָפּ־אויף און דוקא ניט געפרעגט מיך, וואָס איך דאַרף. איך האָב אַליין גענומען און געשטעלט־אַוועק אַ בענקעל און אַוועקגעזעצט זיך אַקעגען איהר און גענומען רעדען, רעדען, אָהן איין אויפהער, אָהן אַ ברעג. אַ קוואַל פון ווערטער האָט זיך בײַ מיר געגעבען איין עפען־אויף, און איך האָב גערעדט און גערעדט און גערעדט. וואָס איך האָב גערעדט — זאָג איך דאָך אייך, אַז איך ווייס ניט. דער פשט, אַפּנים, איז געווען אַזוי: איך האָב איהר

געוואָלט אויסרעדען דאָס האַרץ, טרייסטען זי, איהר געבען צו פאַר־שטעהן, אַז זי טאָר ניט „רעאַגירען" אַזוי שטאַרק... אויף אונזער לשון הייסט עס: זי זאָל זיך נישט נעמען אַזוי צום האַרצען, ווארום זי איז נאָך צו יונג, און צו פריש, און צו שען... איך האָב איהר געדרונגען, אַז איהר גליק קאָן מען נאָך גאָר ניט וויסען... אָט, למשל, בין איך אַ יונגערמאַן אַ סוחר, אַ היינטיגער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאַדאָבנע... אַ סימן: לאָז זי מיר נאָר זאָגען איין וואָרט, אַז זי איז גרייט צו פאַרגעסען אַלסדינג, וואָס ס'איז געווען ביז אַהער, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, גאָרניט, קיין שום יוסף, מיט קיין שום „יענקעלעך", מיט קיין שום „קאָנספּי־ריישען" אויף דער וועלט!...

הערט איהר? איך ווייס אַליין ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ כח־הדבור! און טאָמער מיינט איהר, אַז זי האָט מיר עפּיס געענטפערט דערויף? אָסור! געזעסען און גע־קוקט און געקוקט און געקוקט... וואָס האָט געקאָנט באַדייטען דער דאָזיגער קוק? דער דאָזיגער קוק האָט געקאָנט באַדייטען: „איהר מיינט עס מיט איין אמת? עס גלויבט זיך מיר עפּיס ניט!"... אָדער: „איך וועל מיך איבערלעגען"... אָדער: „לאָזט מיך צו־רוה"... אָדער גאָר: „יוסף"... איהר פאַרשטעהט? ניט „יוסף", נאָר: „יו־סף"!...

וואָס פאַר אַ פּנים איך האָב נאָכדעם געהאַט ביי זיך אַליין אין די אויגען — מעגען שוין מיינע שונאים האָבען אַזאַ יאָהר!... איך האָב עטליכע טעג דורכאַנאַנד מיך געשעמט ווייזען זיך פאַר די אויגען... און אַגב איז מיר אויפ'ן האַרצען געווען אַזוי וויסט, גלייך ווי איך אַליין וואָלט מיך פיהלען דאָ פאַר אַ שטיקעל חייב אינ'ם אומגליק, וואָס זיי איז געשעהן... וויפיעל איך האָב מיך ניט געמוטשעט, איך זאָל איהם אַרויסשלאָגען פון די געדאַנקען, פאַרגעסען איהם, אָט דעם יוסף'ען — אוממעגליך!... איהר דאַרפט וויסען, אַז איך פון חלומות האַלט ניט, פאַר מתים האָב

איך קיין מורא ניט, און אין כשוף גלויב איך ניט, נאָר איך שווער אייך בנאמנות, ס'איז נישט אוועקגעגאַנגען די נאַכט, ער זאָל ניט קומען מיר צו חלום, יוסף הייסט עס, מיך ניט אויפוועקען און באַווייזען מיט דער האַנט אויפ'ן האַלז, אַז ס'איז ביי איהם, ניט אין מיין מאָס, אַרום און אַרום האַלז אַ בלויער צייכען... ווי מיינט איהר, אַ חלום האָט עפּיס אַ ממשות? איך ווייס אַ פאַקט, וואָס האָט זיך געטראָפען אַמאָל מיט מיינעם אַ פעטער... נאָר נאַריש־קייטען! איך האַלט נישט פון חלומות!... איך בין גלאַט אַזוי געוועזען צעדרעהט, פאַרלאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען, אויפגעהערט שלאָפען... פאַר פּחד מיינט איהר? ניין! נאָר אַ באַקאַנטער מענטש, געזעסען מיט איהם וויפיעל מאָל ביי איין טיש — איהר פאַרשטעהט? האָב איך מיך מיישב געוועזען, ווי זאָגט איהר, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין — כ'האָב מיך אָנגענומען מיט האַרץ און האָב געטהאָן אַ גער־אַוועק אַהין, גלייך צו זיי אין דער רעסטאָראַציע אַריין.

איך קום צו געהן אין דער רעסטאָראַציע — וועלכע מיר רעס־טאָראַציע? וואָס מיר רעסטאָראַציע? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן — אויסגעטריקענט דאָס אָרט אפילו! וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע? „אַרויסגעפאָהרען שוין פון עטליכע טעג!" „וואָס הייסט אַרויסגעפאָהרען?" „אַרויסגעפאָהרען הייסט אַרויס־געפאָהרען"... איך טהו אַ קלונג־אָן אין הויף אַריין, אַ לויף־אַריין צום בעל־הבית: „וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע? וואו־הין איז זי אַריבערגעפאָהרען?" אַ נעכטיגער טאָג — קיינער ווייסט ניט, קיינער קאָן מיר ניט זאָגען, וואוהין! הויב איך דאָך אָן מסתמא צו פייערען, ווי זאָגט איהר, אַריין אין דער אַמביציע. און איך, אַז איך טהו אַ קום־אַריין אין דער אַמביציע, איז סכנת־נפשות! איך בין אַרומגעלאָפען, שווער איך אייך, ווי אַ משוגענער, אויסגעוועזען וואו די וועלט האָט איין עק!... און די „יענסעלעך"? ווי אויף צו־להכעיס, איהר זאָלט זאָגען, חאָטש איין „יענקעלע" אויף אַ רפואה!... בין איך אוועק אין פּאָליציע חוקר ודורש זיין,

מאַכען אַ „ספּראַווקע“ הייסט עס... געקומען אין פּאָליציע, טהוט מען מיך אַ נעם־אויף: „טשטאָ נאַדאָ?“ זאָג איך: „דאָס און דאָס, [illegible] און אַזוי, וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע?“... פרעגט מען מיך: „וואָסער רעסטאָראַציע?“ זאָג איך: „די און די“. פרעגט מען מיך: „אויף וואָס דאַרף איך זי?“... איהר פאַרשטעהט — זאָל איך זיי גאָר דערצעהלען, אויף וואָס איך דאַרף זי?... שווייג איך דאָך. פרעגען זיי מיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, איך זאָל זיי זאָגען, אויף וואָס איך דאַרף זי?... וואָס טויג אייך, איך האָב מיר געקויפט, ווי זאָגט איהר, מפטיר... נו־נו, איך האָב עס געהאַט אַ לויפעניש! דער רוח האָט מיך געטראָגען!... חאָטש, אַז מע וויל צוריק, וואָס, אייגענטליך, האָב איך געהאַט מורא צו האָבען, אַז סך־הכל בין איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַן אַ סוחר, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פּאַראָבנע?... איך אין אַזעלכע עסקים מיש מיך נישט! ווי זאָגט איהר: „ניע יעווּשי טשעסנאָקו — אַז מען עסט ניט קיין קנאָבעל, הייסט עס...“ נאָר וואָס דען? איך האָב עס פיינט! איהר פאַרשטעהט? א י ך ה אָ ב ע ס פ י י נ ט — און שוין!... איך האָב מיר פאַרשאָלטען, זאָג איך אייך, דאָס געביין. נאַ דיר אַ רעסטאָראַציע! נאַ דיר אַ מיידעל! נאַ דיר אַ יוסף!... איך וואָלט שוין אליין געוואָלט זי פאַרגעסען, און אַ סוף. איז אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, קריכט זי מיר ניט אַרויס פון קאָפּ! נאָך עד היום שטעהט זי מיר פאַר די אויגען מיט'ן ווייסען פאַרטוכעל, וואָס שעמערירט, מיט די שענע קאַרשען־אויגען, וואָס קוויקען, מיט'ן קליינעם ליפּעל, וואָס קוקט אַרויף, מיט די חן־גריבעלעך, וואָס בעטען זיך: נאַ, קוש מיך, און מיט'ן געלעכטערעל, וואָס צעגעהט זיך אין איטליכם אבר... און אָפטמאָל מאַכט זיך בייגאַכט, אַז איך האַלט אין רעכטען שלאָף, הער איך איהר קול: „יו־סף! יו־סף!“... חאַפּ איך מיך אויף אין אַ קאַלטען שווייס. וואָרום קוים דערמאָן איך מיך אָן איהר, אַזוי קומט מיר באַלד אויף די געדאַנקען ע ר...

זעהט איהר? איך ווארט ניט, ביז איהר וועט זיך געבען א טהור־א נעם צום זייגער; איך וויים אליין, אז אלסדינג אויף דער וועלט מוז האָבען א סוף... האָט נאָר קיין פאראיבעל ניט, וואָס איך האָב ביי אייך צוגענומען א ביסעל צופיעל צייט, און גיט מיר אייער האנט, אז אלסדינג, וואָס כ'האָב אייך דאָ דערצעהלט, וועט דאָס בלייבען צווישען אונז ביידען, ווי זאָגט איהר: קאָנספיריישען...

טריע!

חאַנע

געשריבען אין יאָהר 1905

חאַבנע

געווען איז דאָס אין אדעס. זענען מיר געזעסען אין אַ מסיבה אַ גאַנצע חברה ליטעראַטען, שרייבערס הייסט דאָס, וואָס שרייבען, און לעזער, וואָס לייענען, און גלאַט יונגעלייט, און סטודענטען אַ פּאָר, און אַ מיידעל איז געווען, וואָס איז געקומען שטודירען, אַ גאַנץ היבשע מיידעל, אַ געזונטע, מיט רויטע באַקען, און גלאַט אידען מן הצד, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זענען צו אונזער חברה ניט שייך, נאָר זיי זעהען אידען רעדען, הערט מען זיך איין, רוקט מען זיך צו אַלע מאָל נעהענטער, אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט איין קאָמפּאַניע און מע פאַרבייט זיך מיט די גלעזער אויפ׳ן טיש און מיט די פיס אונטער׳ן טיש — חברים כּל ישראל... געווען איז, אייגענטליך, ניט שבת, נאָר אַ וואָכעדיגער טאָג, און גערעדט האָבען מיר, אייגענטליך, ניט פון שבת, נאָר פון גאָר אַנדערע זאַכען; אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָבען מיר גערעדט און געשפּאַרט זיך איבער ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, אחד־העמיזם, קלויזנעריזם, און גאָר ניט אין זינען געהאַט בשעת מעשה ניט קיין נעלט, ניט קיין שבת, ניט קיין שמערטעל, וואָס הייסט חאַבנע, אפילו ניט מזכיר געווען און אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען. פּלוצים, איך ווייס ניט, ווי אַזוי און וואו אַרום, עס הויבט זיך אויף אַ יונגערמאַן אַ געלער מיט ווייסע ברעמען, איינער פון די יונגעלייט וואָס „מן הצד", און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנט און הויבט־אָן בזר קלשון:

— שאַ, וואָס טויג אייך דאָס? אַלאַ־מאַי, אַט וועל איך אייך דערציילן אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך גע־טראָפֿען אין האַבנע! האַבנע איז אַ שטעדטעל, אַ שטעדטעל אַזעלכעס פֿאַרהאַן, וואָס הייסט האַבנע. האָט דאָס שטעדטעל האַבנע אַלסדינגג, וואָס אַ שטעדטעל באַדאַרף צו האָבען: אַ פּאָסט, מיט אַ ראַבינער, מיט אַ טייך, מיט אַ רב, מיט אַ טעלעגראַף, מיט אַ בית־עולם, מיט אַ פּריסטאַוו, מיט אַ תּלמוד־תּורה, מיט חסידים, מיט בתּי־מדרשים צוויי, מיט קבצנים זעהר אַ סך און מיט נגידים זעהר ווינציג, ווי געוויינטליך אונזערע קליינע שטעדטלעך. האָט מיך דער גוטער יאָהר פֿאַרטראָגען אין דעם שטעדטעל איינמאָל אויף אַ שבת. איהר מעגט דאָס האָרכען, עס איז אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע, זי קאָן אייך צוניץ קומען. דאָס ווייסט איהר דאָך מן הסתם גאַנץ גוט, אַז אין אַ קליינשטעדטעל, אַז איהר קומט צו פֿאָהרען אויף שבת, מוזט איהר ווערען קליינשטעדטעלדיג, עס וועט אייך גאָרנישט העלפֿען. פֿון פֿאָהרען ווייטער — דאָס פֿאַרגעסט. האַבנע איז ניט אָדעס. זינט האַבנע איז האַבנע, האָט דאָרט נאָך קיינמאָל קיין איד ניט מחלל שבת געווען. און אַז איהר בלייבט אויף שבת אַ האַבנער, מוזט איהר קודם־כּל געהן אין מרחץ אַריין. וואָס דען וועט איהר טהון? איהר וועט זיך אַוועקזעצען שרייבען ספרים? און, להבדיל, אין שוהל אַריין — שמועסט מען דאָך ניט. איך האָב געוואָלט זעהען, אדרבה, איהר זאָלט קומען צו פֿאָהרען קיין האַבנע אויף שבת און ניט געהן אין שוהל אַריין. איהר מיינט, מע וועט אייך, חלילה, עפּיס טהון שלעכטס? הס מלהזכּיר! מע וועט אייך גאָרניט טהון; מע וועט אייך נאָר אָ נ ק ו ק ע ן; גאַנץ האַבנע וועט זיך קומען צונויף אָ נ ק ו ק ע ן דעם אידען, וואָס איז געקומען קיין האַבנע אויף שבת און וויל ניט געהן אין שוהל אַריין. און וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט איהר האָבען ביי'ם בעל־הבית? וואָס פֿאַר אַ טעם וועט האָבען דאָס עסען, וואָס מע וועט אייך געבען באַזונדער? און ווער ווייסט, צי מע וועט אייך גאָר געבען עסען באַזונדער? וואָס זענט איהר, אַ פּריץ, וואָס איהר

זאָלט עסען באַזונדער, ניט מיט'ן בעל־הבית ביי איין טיש, ניט מאַכען הויך קיין קידוש, ניט זינגען מיט אלעמען קיין זמירות? זעהט איהר, ווען איהר זאָלט זיין, להבדיל, אַ פּריץ, דעמאָלט איז עפּיס אנדערש. דעמאָלט קריגט איהר אַלסדינג צו זיך אין חדר אריין: עסען, און טרינקען, און אַ פּאַפּיראָס, און אפילו אַ סאַמאָ־וואר, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אום שבת. פון וואנען נעמט זיך עס, ווילט איהר ווימען? ע, דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען. וואָרום אַז איהר וועט אָנהויבען פרעגען קשיות למאי — למאי דאָס, למאי יענעס, וועט זיין אַ מעשה אָהן איין עק. בקיצור, זענט איהר געקומען קיין חאַבנע, מוזט איהר זיין אַ חאַבנער.

האָט זיך אָבער געטראָפען מיט מיר אַ מעשה: איך בין געפאָהרען צו אַ פריץ ניט ווייט פון חאַבנע און האָב געפיהרט מיט זיך געלט, שענע עטליכע טויזענטער; ע האָט מיר צעשפּאַרט די בוזעם־קעשענעס. דער, וואָס האָט ניט געוואוסט, האָט, דאַכט מיר, אויך באַדאַרפט זעהען, אַז איך פיהר מיט זיך געלט, וואָרום אַ מענטש, אַז ער פיהרט געלט, האָט ער גאָר איין אַנדער פּנים: ער געהט גאָר אַנדערש, ער שטעהט אַנדערש, ער רעדט אַנדערש. געלט, פאַרשטעהט איהר מיך, האָט אין זיך אַ כח — עס איז געלט!... הכלל, וואָס טהוט מען מיט'ן געלט? ערשטענס — שבת. חאַבנע איז ניט אדעס. ווי אַזוי וועל איך מיך ארומטראָגען שבת מיט געלט? והשנית, מוז איך אייך דעם אמת זאָגען, אַז איך האָב טאַקי אַ ביסעל מורא געהאַט צו נעכטיגען אויף דער אכסניה מיט, קיין עין־הרע, אַזאַ מטבע. ניט, חלילה, איך האָב מורא געהאַט פאַר'ן בעל־אכסניה. דער בעל־אכסניה איז געווען אַ איד אַ פרומער דוקא, און אַ כשר'ער, מיט זעהר אַ שענער קאַפּאָטע, מיט אַ גאַרטעל. אויך ניט פאַר קיין גזלנים האָב איך מורא געהאַט: חאַבנע האָט ניט, חלילה, קיין שם פון אַ שטאָדט פון גזלנים אָדער חאַפּערס. מע האָט ניט געהערט נאָך אויף דער וועלט, אַז אין חאַבנע זאָלען פאָרקומען רציחות אָדער גזילות. אי, טאָמער איז דאָרט געווען אַמאָל אַ שטיקעל פּאָגראָם, איז דאָך עס

נאָר בשעת פּאָגראָם, און וואו איז היינט ניט פאַרהאַן קיין פּאָגראָ־מען?... איך זאָג אייך בהן שלי, איהר קאָנט געהן אין חאַבנע אין מיטען האַלבע נאַכט איינער אַליין — אויף מיין אחריות, עס וועט אייך גאָרניט געשעהן. אם כּן, וואָס זשע האָב איך געהאַט מורא צו האָבען? איך האָב מורא געהאַט, פאַרשטעהט איהר מיך, נאָר פאַר איין זאַך: קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס... טאָמער, חלילה, אַ קשיא וואָס עס מאַכט זיך?... איך דרעה מיך אַהער, איך דרעה מיך אַהין — עס איז שלעכט. וואָס טהוט מען? איך מאַך אַ שמועס מיט מיין בעל־אכסניה: ווער זענען דאָ אין חאַבנע פון די פּאָרנעמסטע לייט, פון די נגידים? ענטפערט ער דאָך מיר מסתמא: „צוליעב וועלכען צוועק? אפשר מכּח אַ געשעפט?” זאָל איך איהם געהן דערצעהלען, וואָס מיך קוועטשט! אמת, ער איז טאַקי אַ שענער איד מיט אַ שענער קאַפּאָטע און מיט אַ גאַרטעל, און חאַבנע איז טאַקי ניט קיין שטאָדט פון גזלנים אָדער חאַפּערס; עס איז דאָך אָבער געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס... בקיצור, איך פרעג איהם דאָס, פרעגט ער מיך יענעס, איך זאָג איהם „נגיד”, זאָגט ער מיר „געשעפט”; אַהין־אַהער, איך האָב ביי איהם אַרויס־געצויגען דאָס, וואָס איך באַדאַרף צו האָבען: אַז חאַבנע איז אַ שטעדטעל פון לויטער קבצנים, דאָס הייסט, עס איז פאַרהאַן אין חאַבנע נגידים אויך, נאָר זעהר ווייניג. פאַרהאַן סך־הכּל איינער אַזעלכער, וואָס מע קאָן אויף איהם זאָגען, אַז ער איז אַ שטיקעל נגיד, און אפשר טאַקי אַ גאַנצער נגיד, און ניט נאָר אַ נגיד, נאָר אַ גביר קאָן מען זאָגען, אַ גביר עצום. זיין געלט, הייסט עס, האָט קיינער ניט געצעהלט, נאָר געלט האָט ער, און אפשר טאַקי אַ סך געלט. היינט האָט ער הייזער אייגענע, מיט קלייטען אַ גאַנצען מאַרק, מיט אַ שטיקעל וועלדעל, טאַקי אַ וואַלד קאָן מען זאָגען, צוויי וועלדער. און דערצו איז ער נאָך נישקשה פון אַ מענטשעל אויך, דאָס הייסט, ניט קיין שלעכטער בטבע, מע קאָן זאָגען אַ גוטער, מיט אַ גוט האַרץ און מיט אַ ברייטער האַנט; האָט ליעב

זיך אויסשטעלען, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט א נדבה, מיט א גמילות־חסד, מיט א טובה'לע; ער זאָגט ניט אָפּ קיינעם — ווער עס זאָל ניט קומען צו איהם; געוויינטליך, צוליעב כּבוד, האָט ליעב כּבוד, א נגיד האָט ליעב כּבוד; חאָטש אזוי ביי זיך איז ער כּלומרשט איין עניו, א פּראָסטער ביי זיך, האָט פּיינט כּבוד; און מע קאָן זאָגען אויף איהם, אז ער איז א גאַנץ עהרליכער, דאָס הייסט, ניט קיין גרויסער צדיק, נאָר ער וועט ניט טהון וואָס מע טאָר ניט בפרהסיה, אזוי אז אלע זאָלען זעהען; אפשר ביי זיך דאָרט, הייסט עס, אז קיינער זעהט ניט, ווייסט מען ניט; ווער איז דאָס מחויב ערב זיין פאַר יענעם? נאָר אין לשון אָרענטליכקייט איז דאָך ניט שייך, קיין דאַנק קומט איהם ניט, וואָרום אויב אזא מענטש זאָל שוין ניט זיין אָרענטליך, טאָ ווער זשע דען?...

הכּלל, איך האָב פון די רעד געקאָנט ארויסזעהן, אז דעם דאָזיגען פּאַרשוין מעג איך מיין פּותיקא געטרויען. און איך האָב מיך אוועקגעלאָזט צו איהם באַצייטענס, ערב שבת פאַר'ן מרחץ, געטראָפען איהם אין דער היים איבער א ספר. זעהר א פיינער מענטש, זיצט שען, נגיד'יש, גרויסארטיג, און רוהיג, ווי געוויינטליך א גביר אין א קליינשטעדטעל. אריינגעקומען, געב איך איהם אָפּ שלום, דערצעהל איהם די גאַנצע מעשה, אזוי און אזוי: איך פאָהר דאָ צו אזא און אזא פּריץ, פּיהר מיט זיך געלט, מוז דאָ בלייבען שבת האַלטען, האָב איך מורא, א קשיא אויף א מעשה, חאבנע איז טאַקי א שטאָדט ניט פון קיין גזלנים און ניט פון קיין חאַפּערס, און מיין בעל־אכסניה איז טאַקי א שענער איד מיט א שענער קאַפּאָטע און מיט א גאַרטעל, נאָר וואָס דען? קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס!... ענטפערט ער מיר מיט א שמייכעל: „וואָס זשע ווילט איהר, יונגערמאַן?" זאָג איך איהם, אז איך האָב איהם געוואָלט בעטען, אפשר איז מעגליך, ער זאָל ביי מיר דאָס ביסעל געלט צונעמען און באַהאַלטען דאָס ביז איבער שבת ביי זיך אין שאַפע; ער האָט איין אייזערנע שאַפע, וועל איך קאָנען זיין רוהיג. דאָס הייסט, איך בין חלילה קיינעם

ניט חושד, חאַבנע איז אַ שטאָדט, זאָג איך, ניט פֿון קיין גזלנים און ניט פֿון קיין חאַפּערס; קיין עיר־הרע, אַזאַ סומע געלט, פֿרעמדס, ניט מיינס... הערט ער מיך אויס און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעל: „יונגערמאַן, איהר קענט מיך ניט, און ווייסט מיך ניט, ווי אַזוי פֿאַרטרויט איהר מיר דאָס אַזאַ סומע געלט?“ זאָג איך צו איהם: „אַ גוטער נאָמען לאָזט זיך הערען, און מסתּמא וועט איהר מיר דאָך, זאָג איך, אַרויסגעבען עפּיס אַ קוויטעל; עס איז דאָך געלט, אַזאַ סומע געלט, זאָג איך, פֿרעמדס, ניט מיינס“... טהוט ער אַ שמייכעל און רופֿט זיך אָן צו מיר, אַז קיין קוויטעל האָט ער אויף זיין לעבען ניט געגעבען קיינעם... זאָג איך איהם: „לאָז זיין אָהן אַ קוויטעל“. זאָגט ער: ער וויל ניט. זאָג איך: „וואָס זשע טהוט מען?“ זאָגט ער: „ווי איהר פֿאַרשטעהט“. זאָג איך: „אפשר עדות?“ זאָגט ער: „מהכּתּיתי“. זאָג איך: „וועמען זאָל איך ברענגען?“ זאָגט ער: „וועמען איהר ווילט“. זאָג איך: „געפֿינט זיך ניט ביי אייך אין שטאָדט עפּיס אַ פּאָר פיינע מענטשען?“ זאָגט ער: „ביי אונז זענען אַלע פיינע מענטשען“. זאָג איך: „וויבאַלד אַזוי, טהו איך אַ שפּרונג און ברענג מיט זיך אַ פּאָר בעלי־בתּים“. זאָגט ער: „שפּרינגט און ברענגט וועמען איהר ווילט“... און איך זעה, אַז עס פֿאַרדריסט איהם די מעשה. פֿאַרענטפֿער איך מיך פֿאַר איהם, אַז איך וואָלט עס געוויס ניט געטהאָן; לאָמיך עס, זאָג איך, פֿאַרמאָגען, וואָס איך וואָלט איהם געטרויט; נאָר אַזוי ווי, זאָג איך, דאָס געלט איז ניט מיין געלט, עס איז פֿריהער גאָט'ס און נאָכדעם פֿרעמדס, מוז איך דאָך זיין פֿאַרזיכטיג. האַ? ווי זאָגט איהר? דאַרף איך זיין פֿאָר־זיכטיג?... הערט ער מיך אויס מיט אַ שמייכעלע און שווייגט. פֿאַרשטעה איך, אַז שטאַרק צופֿריעדען איז ער ניט. נאָר איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז איך לויף־אַוועק ברענגען אַ פּאָר בעלי־בתּים, מוז מען לויפֿען ברענגען אַ .אָר בעלי־בתּים. און איך לאָז מיך אַוועק צוריק אויף דער אכסניה און איך נעם זיך ווידער צו מיין בעל־הבית, ביי איהם אויסטאַפּען, ווער זענען דאָ אין חאַבנע פֿון

די שענסטע בעלי־בתּים? איז אָבער אוממעגליך ביי איהם ארויס־צוציהען א ווארט; ער וויל נאָר וויסען איין זאך: צוליעב וואָס באדארף איך דאָס וויסען? אויב, זאָגט ער, צוליעב א שידוך, איז איין אנדער זאך, און אויב צוליעב קרעדיט, איז שוין ווידער עפּיס אנדערש, און אויב אפילו, זאָגט ער, גלאט אזוי, באדארף ער, זאָגט ער, אויך וויסען, וואָס ליגט דאָ פאַר א טעם...

אהין־אהער, ער האָט זיך מיר אויסגעקוועטשט, אַז פיין זענען, אייגענטליך, אַלע חאַבנער בעלי־בתּים. דאָס הייסט, אַז מע וויל, זאָגט ער, צוריק, מעג זיי דאָס צוקומען, וואָס זיי געהער־אָפּ צו פיינקייט, ווארום וואָס איז שייך פיין? פיין קאָן מען, זאָגט ער, אָנרופען איטליכען באזונדער, און אַז מע וויל, זאָגט ער, איז קיין פיין גאָר נישט פארהאַן אין ערגיץ. עס ווענדט זיך, זאָגט ער, אין דעם, וואָס פאַר א פיינקייט מע זוכט ביי יענעם: צי געלט, צי יחוס, צי תּורה, צי דרך־ארץ, צי אפשר אַלע זאַכען אינאיינעם? נאָר אזוי ווי אַלץ אינאיינעם, זאָגט ער, איז ניטאָ ביי קיינעם, לכן זענען, זאָגט ער, אין חאַבנע אַלע פיין; נאָר אויב איך וויל, זאָגט ער, עס זאָל זיין פיין שבפיין, זענען פארהאַן, זאָגט ער, נאָר צוויי פיינע מענטשען אין חאַבנע: רב לייזער און רב יאָסי. אויף זיי קאָן מען, זאָגט ער, זאָגען: פיין, וואָס פיין הייסט!... „ווער, זאָג איך, איז, למשל, דער רב לייזער און ווער איז דער רב יאָסי?" זאָגט ער מיר: „וואָס איז די נפקא־מינה? און אַז איך וועל אייך שוין זאָגען, וועט איהר דען וויסען?" זאָג איך: „וואָס איז שייך? יעדער מענטש האָט דאָך זיין כאראקטער". זאָגט ער: „איהר זענט א מאָדנער איד — אַלסדינג דארפט איהר וויסען! רב לייזער איז א איד, וואָס מע רופט איהם לייזער, און רב יאָסי איז א איד, וואָס מע רופט איהם יאָסי. נו, אַצינד איז אייך שוין גרינגער?"...

בקיצור, איך בין אריבערגעגאַנגען צו דעם רב לייזערן, וואָס מע רופט איהם לייזער, און צו דעם רב יאָסין, וואָס מע רופט איהם

יאסי, און האב מיך באקענט מיט זיי, גאנץ שענע אידען מיט שענע בערד, זיך צערעדט מיט זיי פון דעם און פון יענעם, גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מען איז ארויף אויף דעם, וואס איך באדארף, און האב זיי גאנץ פשוט דערצעהלט די גאנצע מעשה, אזוי און אזוי, אז פאהרען פאהר איך צו א פריץ, פיהר מיט זיך געלט, האב איך מורא, טאמער א קשיא, חאבנע איז טאקי א שטאדט ניט חלילה פון גזלנים אדער חאפערס, נאר עס איז דאך עפּיס געלט, קיין עין־הרע, אזא סומע, פרעמדס, ניט מיינס... לכן בעט איך זיי, אויב זיי ווילען פארדיענען א מצוה, זאלען זיי זיך מטריח זיין מיט מיר אויף איין מינוט צום גביר פון חאבנע, נישט מעהר ווי זיין דערביי, בשעת איך געב איהם איבער דאס געלט, ער זאל דאס באהאלטען ביי זיך איבער שבת. אויסגעהערט האבען זיי מיך, אט דער רב לייזער, וואס מע רופט איהם לייזער, און דער רב יאסי, וואס מע רופט איהם יאסי, מיט קאפ, זיך געגלעט בשעת־מעשה די בערד, איבערגעפרעגט ביי מיר נאך א מאל און נאך א מאל: פון וואנען און וואוהין און וואס און ווען, און האבען זיך נישט געלאזט לאנג בעטען, און מיר זענען אלע דריי זיך דורכגעגאנגען צום גביר פון חאבנע, געבעטען, ער זאל קיין פאראיבעל ניט האבען, חאבנע איז טאקי א שטאדט ניט חלילה פון גזלנים אדער חאפערס... און איך האב גאנץ פיין אויפגעבונדען די קעשענעס, ארויסגענומען און איבערגעצעהלט דאס ביסעל ארעמקייט, רעכט איינגעוויקעלט אין א פאפיער און איבערגעגעבען דאס דעם גביר פון חאבנע גלייך אין די הענט אריין, ער זאל דאס באהאלטען ביי זיך אין דער אייזערנער שאפע ביז איבער שבת, געבעטען נאך א מאל, ער זאל קיין פאראיבעל נישט האבען, וואס איך בין איהם מטריח, חאבנע איז טאקי א שטאדט ניט חלילה פון גזלנים אדער חאפערס, עס איז דאך אבער געלט, קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, פרעמדס, ניט מיינס... און דער גביר פון חאבנע האט גאנץ פיין איבערגענומען ביי מיר דאס פעקעל פון האנט צו האנט, ווי מע נעמט איבער, למשל, א קינד אויף א ברית־מילה פון

דער קוואַטערין צום קוואַטער, און מײַנע צוויי אידען בשעת־מעשה האָבען געהאָלפען קוקען, זיך געגלעט די בערד און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, בשעת זי קוקט אויף פּוטער... און איך האָב מיך אָפּגעזעגענט, נאָך אַ מאָל געבעטען, מע זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען פאַר דער טרחה, חאַבנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט חלילה פון גזלנים אָדער חאַפּערס, און אַ גוטען שבת, און אַ סוף.

אויסגעלעדיגט די בוזעם־קעשענע, איז מיר אַראָפּ צעהן פּוד משאַ, און איך בין מיר מיט אַ פרייען קאָפּ געגאַנגען אין שוהל אַריין, געהערט זעהר אַ שענעם חזן, וואָס ציקעלט זיך אפילו אַ ביסעל צו־פיעל און מאַכט משונה־מאָדנע קונצען מיט'ן האַלז, טערלייקעט דעם „לכה־דודי", ווי אַ סאָלאָוויי, לאָזט־אויס דעם „מזמור־שיר־ליום־השבת", ווי אַ זינגער, להבדיל, אין טהעאַטער, און זאָגט דעם „כגונא" עכט אידיש, מיט אַזוי פיעל „מאָראַל", מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז עס גלוסט זיך הערען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ חזן, ווי אין חאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ קידוש מיט אַזעלכע זמירות, ווי אין חאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געגעסען אַזעלכע געפּעפּערטע פיש מיט אַזעלכע געשמאַקע לאָקשען מיט אַזאַ צימעס־פלייש, ווי אין חאַבנע, איך בין שוין לאַנג ניט אַזוי געשלאָפען געשמאַק, ווי איך בין געשלאָפען יענע נאַכט שבת, און אויך דעם גאַנצען טאָג שבת בין איך געשלאָפען, ווי אַ קיסר! אויסגעשלאָפען זיך אויף אַלע זייטען, בין איך מיר גאַנץ פיין אויפגעשטאַנען, אַרויסגעגאַנגען אַ ביסעל אויפ'ן שפּאַציער, אָנקוקען חאַבנע, חאַבנער אידען מיט חאַבנער ווייבער, חאַבנער בחורים מיט חאַבנער מיידלעך, וואָס געהען אָנגעטהאָן און אויסגעפּוצט נאָך „דער לעצטער מאָדע"; נאָכדעם האָב איך מיר גאַנץ פיין אָפּגעגעסען דעם קאַלטען שלש־סעודות און גאַנץ פיין אָפּגעזונגען די שענע זמירות, אַוועק אין שוהל אַריין דאַווענען מעריב, געקומען, אָפּגעמאַכט גאַנץ פיין הבדלה, זיך צערעכענט גאַנץ פיין מיט דער בעל־הבית'טע אויף דער צ־־יה, אָפּגעריסען, געוויינטליך, פונ'ם חשבון אַ פּאָר גילדען,

און זיך געלאָזט גאַנץ פֿיין צום גביר פֿון חאַבנע נאָך די עטליכע גראָשענס.

געקומען צום גביר פֿון חאַבנע, האָב איך איהם געטראָפֿען אין זעהר אַ שענעם זיידענעם חאַלאַט מיט זיידענע קאָטעסען, געהט אַרום גאַנץ פֿיין איבער'ן זאַל, דרעהט מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפֿ'ן אַנדערען, באַמקעט און זינגט מיט זעהר אַ שענער שטימע:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
במהרה, במהרה בימינו!...

„מילא, יענער זינגט, טראַכט איך מיר, לאָז ער זינגען; ער וועט אויפֿהערען צו זינגען, וועל איך איהם דעמאָלט זאָגען". מיין גביר אָבער הערט ניט אויף צו זינגען, צו באַמקען און צו דרעהען מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפֿ'ן אַנדערען. איך חויב אָן צו זיצען אויף הייסע קויהלען, חאַפּ זיך אויף אַלע מאָל און וויל צוגעהן צו איהם און זאָגען מכח יענער מעשה, איז אָבער אוממעגליך: ער זינגט און באַמקעט און דרעהט מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפֿ'ן אַנדערען, און דאָס קול געהט אַלע מאָל העכער און העכער:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
אי־אי־אי־אי!
אי־אי־אי־אי!
במהרה, במהרה, במהרה בימינו!...
אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!...

„וואָס עס וועט זיין!" — טראַכט איך מיר, און טהו מיר אַן כּח און גערה־צו צו איהם און רוף מיך אָן, אַז איך רעכען, אם ירצה השם, היינט, באַלד טאַקי, הייסט עס, פאָהרען אין וועג אַריין, האָב איך איהם געוואָלט בעטען מכּח... המ... הויבּט ער אויף דעם פינגער מיט'ן קאָטעם גאַנץ הויך און מאַכט צו מיר הויך, אויף אַ קול:

> אליהו הנביא!
> אליהו התשבי!
> אליהו הגלעדי!
> אי־אי־אי־אי!
> אי־אי־אי־אי!

וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנצע וואָך! — אַזוי טראַכט איך מיר. — דער מענטש האָט זיך אַ ביסעל פאַרליעבּט אין אליהו'ן, ס'איז איהם גאָר ניט אָפּצוּרייסען!"... בקיצור, ער האָט געזונגען און געבּאָמקעט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויפגעהערט צו זינגען און צו באָמקען. „אַ גוטע וואָך — מאַכט ער צו מיר — אַ גוטע וואָך, זיצט". און מיר זעצען זיך אַוועק גאַנץ פיין ביידע ביי'ם טיש, און ער איז מיך מכבּד מיט אַ גאַנץ פיינעם פּאַפּיראָס, שאַפט, מע זאָל אַריינטראָגען צוויי גלאָז טיי, מיר אַ גלאָז און איהם אַ גלאָז, און טהוט מיך אַ פרעג: „יונגערמאַן, וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס?" — „וואָס זאָל איך, זאָג איך, זאָגען? איך פאָהר היינט אַוועק, זאָג איך, טאַקי באַלד, הייסט עס, האָב איך אייך געוואָלט, זאָג איך, בעטען די עטליכע גראָשענס". — „וואָס פאַר גראָשענס?" — „די עטליכע קערבּלעך", זאָג איך. — „וואָסערע קערבּלעך?" — „דאָס געלט, זאָג איך, דאָס געלט מיינס". — „וואָסער געלט?" — „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָסער געלט? איהר ווייסט ניט, וואָס איך מיין? איך מיין, זאָג איך, דאָס געלט, וואָס כ'האָב אייך געגעבּען באַהאַלטען ביז איבּער שבּת". — „איהר, זאָגט ער, האָט מיר געגעבּען געלט?"...

און בשעת־מעשה מאכט ער אזא פנים, גלייך ווי איך וואלט איהם געזאגט, למשל, אז זיין נאז איז ניט זיינע, נאר מיינע...

איהר קאנט פארשטעהן, ווי אזוי מיר איז געווארען בשעת־מעשה אויף דער נשמה: א קשיא אויף א מעשה? חאבנע איז טאקי א שטארט, חלילה, ניט פון קיין גזלנים, ניט פון קיין חאפערס... נאר צוריק האב איך מיך מיישב געווען: אפשר טרייבט ער קאטאוועס? הויב איך אן צו לאכען: „חא־חא, איהר זענט א רעכטער ליץ, זאג איך, איהר קאנט גוט די מלאכה!" מאכט ער צו מיר אבער ערנסט: „וואסער מלאכה?" — „איהר טרייבט, זאג איך, מיט מיר קאטאוועס". מאכט ער צו מיר שוין צו ערנסט: „יונגערמאן, איך בין ניט אייער גלייכען און טרייב ניט מיט איין קיין קאטאוועס! זאגט, וואס ווילט איהר?"...

דא האב איך שוין דערפיהלט, אז דאס פנים ציטערט מיר, די אויגען פינטלען, די קנעכלעך הויבען זיך אן צו טרייסלען, אט פאל איך אום. נאר איך געב מיך ניט ארוים. איך נעם עס אן אלץ פאר א שפאס און טהו איהם א זאג: „נו, גענוג אייך שוין צו לצ'עווען, כלעבען, גיט מיר אפ מיין געלט, לאמיך פאהרען". מיין גביר פון חאבנע זיצט אקעגען מיר, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, און איהר זאלט זאגען, ער זאל דאס אפילו א ריהר טהון מיט א ברעם, א פינטעל טהון מיט איין אויג. גארניט, גלייך ווי איך וואלט עפיס גערעדט פונ'ם וועג, פונ'ם זינען. „יונגערמאן, מאכט ער צו מיר גאנץ געלאסען, איהר זענט זיך טועה, איהר האט געטראפען ניט אהין, וואו איהר דארפט". טהוט עס מיך שוין מסתמא א טראג־אויף און איך רוף מיך אן צו איהם: „אויב איהר טרייבט ניט קיין קאטאוועס, זאג איך, פארשטעה איך אייך ניט, וואס דאס איז פאר א שפיעל? איך האב אייך געגעבען, זאג איך, באהאלטען געלט, קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, דאס געלט איז ניט מיינס, ס'איז פרעמד געלט"... און איך פיהל, אז די צונג פלאנטעט זיך, אין האלז שטיקט, אינ'ם לינקען אויהער פייפט, עס געהט מיר אפ, ווי מע זאגט, א מינוט צום חלש'ען.

„איך ווייס ניט, מאַכט ער צו מיר, וואָס איהר רעדט". — „האָט איהר, זאָג איך, בײַ מיר קײן געלט נ י ט גענומען?" — „א י ך, זאָגט ער, בײַ א י י ך? ווײַזט, זאָגט ער, איהר האָט עפּיס אויף פּאַפּיער?"... דאָ איז מיר געוואָרען שלעכט; אצינד פאַרשטעה איך שוין, פאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אז ער חתמ'עט ניט קײן קוויטלעך!... „סטייטש, זאָג איך, נו, און די עדות, וואָס זענען דערבײַ געוועזן?" מאַכט ער צו מיר: „עדות? וואָסערע עדות?" — „ניט געוועזן, זאָג איך, דערבײַ רב לייזער און רב יאָסי?" — „וואָסער לייזער, וואָסער יאָסי?" — „סטייטש, זאָג איך, גאָט איז מיט אײַך, אָט, זאָג איך, טהו איך א שפּרונג און ברענג זיי צו פיהרען!" — „שפּרינגט, מאַכט ער צו מיר, וואוהין איהר ווילט, אבי לאָזט מיך צו-רוה; איהר זענט מיר, זאָגט ער, ניט בײַ אלע געדאַנקען, יונגערמאַן!"...

און לויפענדיג אזוי צו מײַנע עדות, פליהט מיר דורך בשעת-מעשה א מחשבה: אפשר בין איך טאַקי ניט בײַ אלע געדאַנקען? אפשר איז דאָס גאָר א דמיון? א חלום? אפשר בין איך גאָר ניט אין חאבנע? איך לויף, און די געדאַנקען לויפען, דער קאָפּ ווערט מיר שיער ניט צעשפּאַלטען אויף שטיקלעך. דער רוח האָט מיך געטראָגען קײן חאבנע אויף שבת! וועה און ווינד, וואָס וועל איך טהון, א קלאָג, פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען?!...

אהין-אהער, איך קום צו רב לייזערען, איך קום צו רב יאָסין, דערצעהל זיי דעם אומגליק, וואָס מיר האָט געשעהן: „קומט, זאָג איך, אידען בני רחמנים, קומט גיכער, האָט רחמנות, ס'איז א סומע געלט, זאָג איך, פרעמדס, ניט מײַנס, ראַטעוועט מיך!"... און מיר קומען צו לויפען אלע דרײַ צום גביר פון חאבנע, געהט ער אונז אַקעגען מיט א מאָדנע שמייכעל און מאַכט צו מײַנע צוויי שענע אידען בזה הלשון: „וואָס זאָגט איהר אויף דעם שלאָק? דער יונגערמאַן האָט זיך אײַנגערעדט א לונג-און-לעבער אויף דער נאָז; ער זאָגט, אז ער האָט מיר כמו ווי געגעבען געלט א גרויסע סומע אויף צו באַהאַלטען, און ווײַזט אָן אויף אײַך, אז איהר זײַנט דערבײַ

געוועזען. וואס זאגט איהר אויף אזא מין אָנשיקעניש?"... מיינעביידע עדות, די שענע אידען מיט די שענע בערד, שטעהען און קוקען אויפ'ן גביר, אויף מיר און איינס אויפ'ס אנדערע. „וואס שווייגט איהר? — מאכט צו זיי דער גביר. — האט איהר געהערט אזא מין בלבול?" — „גאט ברוך־הוא זאל שומר ומציל זיין!" — מאכען מיינע צוויי עדות, די שענע אידען מיט די שענע בערד, און קוקען זיך איבער איינס מיט דאס אנדערע. „ער זאגט, מאכט ווייטער צו זיי דער גביר, אז ס'איז געוועזען מי יודע וואס פאר א סומע געלט, תרפ"ט אלפים, און אז איהר האט אליין געזעהען, ווי ער האט דאס מיר איבערגעגעבען, איך זאל דאס באהאלטען ביי זיך ביז איבער שבת. ווי געפעלט דאס אייך? איך האב מורא, צי דער יונגערמאן איז, חלילה, ניט געריהרט?"... — „ניט אנדערש, אז... ער איז, חלילה, געריהרט"... רופען זיך אפ מיינע ביידע עדות, קוקען אויפ'ן גביר און איינס אויפ'ס אנדערע און גלעטען זיך די שענע בערד. איך וויל עפיס זאגען, שרייען — קאן איך ניט! עס האט זיך מיר צוגעקלעפט די צונג צום גומען, געשטעלט זיך עפיס פאפעריק אין האלז, ווי א ביין, פינסטער געווארען אין די אויגען... שטיל האבען זיך מיינע צוויי שענע אידען, רב לייזער און רב יאָסי, ארויסגערוקט פון שטוב, עפיס מאדנע געקוקט אויפ'ן גביר און איינס אויפ'ס אנדערע. זייערע פנימ'ער זענען געוועזען בלאס, ווי די לבנה, נאר זיי האבען געשיינט, און די אויגען האבען ביי זיי געלויכטען, ווי ביי מענטשען, וואס גאט ברוך־הוא האט זיי צוגעשיקט אויף א פולער וואך ניט קיין שלעכט געשעפטעל...

. . . .

הערט איהר? גאט ווייסט, וואס מיט מיר וואלט געווען, ווען דער האבנער גביר זאל ניט געוועזען צוגעהן צו מיר, ארויפלעגען מיר די האנט אויף די פלייצעס, עפענען די שאפע און א זאג טהון צו מיר: „יונגערמאן, עסט אייך ניט אפ דאס הארץ. דא האט

איהר אייער געלט. איך האב אייך ניט מעהר נאר געוואלט ווייזען, וואס איז חאבנע און ווער זענען איהרע שענע אידען"...

פון דעמאלט־אן פאהר איך ניט קיין חאבנע, און אז איך פאהר קיין חאבנע, פיהר איך ניט מיט קיין געלט, און אז איך פיהר געלט, האלט איך ניט שבת, און אז איך האלט שבת... ווייס איך שוין, וואס איך האב צו טהון...

און דער געלער יונגערמאן מיט די ווייסע ברעמען, אז ער האט געענדיגט צו דערצעהלען די מעשה, האט ער זיך אפגערוקט מיט'ן בענקעל א ביסעל אויף א זייט און האט גענומען ארייננקוקען אונז איטליכען באזונדער אין די אויגען אריין, צו זעהען, וואס פאר א רושם זיין מעשה האט אויף אונז געמאכט. מיר אלע זענען גע־בליבען, ווי פארשטומט. עס איז איבערגעריסען געווארען אונזער שמועס, אפגעהאקט געווארען, ווי מיט א האק־מעסער. נאר איינער פון אונז (איך געדענק ניט ווער; דאכט מיר, אז איך) האט זיך איינגעשטעלט און האט א פרעג געטהאן ביי'ם געלען יונגענמאן מיט די ווייסע ברעמען:

— אקעגען וואס, הייסט דאס, האט איהר אונז דערצעהלט די דאזיגע מעשה?

— אקעגען וואס? — מאכט ער ווי פארוואונדערט. — וואס הייסט, אקעגען וואס? אקעגען גארניט. ס'איז גלאט אזוי זיך א מעשה, אין דער וועלט אריין. איך האב מיך גראד איצט דער־מאנט, האב איך אייך דערצעהלט.

ס'א ליגען!

דיאַלאָג אין גאַליציע

געשריבען אין יאָהר 1906

ס'אַ ליגען!

— איהר פאָהרט, דאַכט מיר, קיין קאָלאָמעאַ?

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז קיין קאָלאָמעאַ?

— איך האָב געהערט, איהר האָט גערעדט מיט'ן קאָנדוקטאָר. איהר זענט טאַקי אַ קאָלאָמעאַר, צי איהר פאָהרט נאָר קיין קאָלאָמעאַ?

— טאַקי אַ קאָלאָמעאַר. וואָס איז דען?

— גאָרנישט. גלאַט אַזוי, איך פרעג. עפּיס אַ היבשע שטאָדט קאָלאָמעאַ?

— וואָס איז שייך אַ היבשע שטאָדט? אַ שטאָדט, ווי אַלע שטעדט אין גאַליציע. אַ פיין שטעדטעל, זעהר אַ פיין שטעדטעל!...

— איך מיין, צי ס'איז פאַרהאַן ביי אייך עפּיס פיינע מענשען, נגידים?

— פאַרהאַן אַלערליי: פאַרהאַן נגידים, פאַרהאַן קבצנים. געוויינטליך, מעהר קבצנים ווי נגידים.

— דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז. אויף איין נגיד — קיין עין־הרע, טויזענט קבצנים. ביי אייך אין קאָלאָמעאַ דאַרף זיין אַ נגיד פינקעלשטיין?

— פאַרהאַן אַ נגיד פינקעלשטיין. וואָס איז? איהר קענט איהם?

— קענען קען איך איהם ניט, נאָר איך האָב געהערט. הייסט ער ניט רב שעיה?

— רב שעיה. וואס איז דען?

— גארנישט. גלאט אזוי, איך פרעג. ער איז טאקי אזא גביר, ווי מע זאגט, אט דער רב שעיה?

— איך ווייס? זיין געלט האב איך נישט געצעהלט. וואס פרעגט איהר זיך אזוי נאך? איהר דארפט דאס וויסען אסעגען קרעדיט?

— ניין, גלאט אזוי. ער האט, זאגט מען, א טאכטער.

— ער האט דריי טעכטער. אפשר מכח א שידוך? וויפיעל, האט מען אייך געזאגט, גיט ער נדן דער טאכטער?

— דא האנדעלט זיך ניט וועגען נדן, פארשטעהט איהר מיך. מע שמועסט פון דער שטוב שמועסט מען: וואס פאר א שטוב איז ביי דעם רב שעיה פינקעלשטיין? וואס פאר א הויז הייסט דאס?

— וואס זאל זיין פאר א הויז? א הויז, ווי אלע הייזער. א אידישע שטוב, א פיינע שטוב, א חסידישע, זעהר א פיינע שטוב! מע זאגט אפילו, אז מכח אידישקייט איז ביי איהם די לעצטע צייט... נאר ס'א ליגען!

— וואס איז א ליגען?

— וואס מע זאל ניט זאגען, איז א ליגען. קאלאמעא איז, דארפט איהר וויסען, א שטאדט פון סאמע ליגנערס.

— איז טאקי מהאי טעמא כדאי צו וויסען, וואס זאגט מען, למשל, אויף זיין שטוב?

— מע זאגט, אז ס'איז שוין נישט דאס, וואס אמאל. למשל, אמאל פלעגט מען דארטען פסוז האלטען שמורה... ער אליין פלעגט גאר פאהרען צוויי מאל אין יאהר צום רבי'ן. און היינט... היינט איז שוין ניט דאס...

— אט דאס איז גאר?

— וואס דען האט איהר געוואלט? מע זאל שוין אראפ־ווארפען באָרד און פאות און עסען חזיר בפרהסיה?

— איהר זאָגט „מע זאָגט", האָב איך געמיינט, מי יודע וואָס מע זאָגט! דער עיקר איז דאָך, אויב דער מענטש אליין איז א מענטש. דאָס הייסט, איך מיין, צי איז ער, אָט דער רב שעיה פינקעלשטיין, מיין איך, עפּיס א פיינער, א לייטישער מענטש? אָט דאָס מיין איך.

— וואָס איז שייך א לייטישער מענטש? א מענטש ווי אלע מענטשען. א פיינער מענטש. למאי זאָל איך זאָגען? א גאנץ פיינער מענטש! מע שמועסט אפילו ביי אונז, אז ער איז א ביסעל... נאָר ס'א ליגען!

— וואָס איז א ליגען?

אלסדינג, וואָס מע זאָגט אויף איהם, איז א ליגען; קאָלאָמעא איז אזא שטאָדט, וואָס מע האָט ליעב רעדען איינס אויף דאָס אנדערע; וויל איך ניט נאָכזאָגען, וואָרום דאָס הייסט שוין לשון־הרע.

— וויבאלד אז איהר ווייסט, אז ס'א ליגען, איז דאָך שוין אוים לשון־הרע.

— מע זאָגט, אז ער איז... א ביסעל... א דרעהער.

— א דרעהער? יעדער איד איז א דרעהער. א איד דרעהט. איהר זענט דען נישט קיין דרעהער?

— א דרעהער צו א דרעהער איז נישט גלייך. אויף איהם זאָגט מען, פארשטעהט איהר מיך... נאָר ס'א ליגען!

— וואָס זשע, אייגענטליך, זאָגט מען אויף איהם?

— איך זאָג דאָך אייך, אז ס'א ליגען!

— וויל איך וויסען דעם ליגען, וואָס מע זאָגט.

— מע זאָגט, אז ער האָט שוין דריי מאָל געשטעלט זיך. נאָר ס'א ליגען! איך ווייס נאָר פון איין מאָל.

— אָט דאָס איז גאָר? וואו האָט איהר געזעהען, א סוחר זאָל זיך ניט שטעלען? א סוחר' האנדעלט אזוי לאנג, ביז ער פארהאנדעלט זיך. א סוחר, אז ער שטארבט־אוועק נישט גע־

שטעלטערהייט, איז א סימן, אז ער איז געשטארבן פאר דער צייט. וואס? ניט אזוי?

— אלץ הייסט ביי אייך געשטעלט? אויף איהם זאגט מען, אז ער האט זיך מיאוס אוועקגעשטעלט, ארױסגעלאזט די ממתקים און ארויסגעשטעלט דער וועלט א פייג. איהר פארשטעהט?

— נישט קיין נארישער מענטש, אפנים. נו, און אויסער דעם גארניט?

— וואס נאך האט איהר געוואלט? ער זאל קוילען מענ־טשען? באנעהן קרימינאל? מע דערצעהלט אפילו ביי אונז אויף איהם יא עפּיס זעהר ניט קיין שענע מעשה... נאר ס'א ליגען!

— דהיינו, וואס פאר א מעשה?

— א מעשה מיט א פריץ... א נעכטיגער טאג!

— וואס פאר א מעשה מיט א פריץ?...

— עפּיס א פריץ דארטען... קוויטלעך... ווייס איך וואס קאלאמעא קאן אויסטראכטען? ס'א ליגען! איך ווייס, אז ס'א ליגען!

— אז איהר ווייסט, אז ס'א ליגען, וועט דאך עס איהם ניט שאדטען.

— ער האט, זאגט מען, געהאנדעלט מיט א פריץ, זעהר א רייכען פריץ, געווען ביי'ם פריץ א חשוב, א גרויסער חשוב. דערווייל איז דער פריץ געשטארבען, האט ער צוגעשטעלט אויף איהם א פאר קוויטלעך; איז געווארען א גוואלד אין שטאדט: פון וואנען האט זיך גענומען צו איהם קוויטלעך, אז דער פריץ האט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבען קיין פאפּיער?... קא־לאמעא, דארפט איהר וויסען, איז א שטאדט, וואס גיט אכטונג...

— נו?

— נו־נו! האט ער געהאט אויף זיך א פעקעל...

— אט דאס איז גאר? יעדער איד האט א פעקעל. איהר האט אמאל געזעהען א אידען אהן א פעקעל?

— דער האָט אָבער אויף זיך געהאַט, זאָגט מען, דריי פּעקלעך.

— דריי פּעקלעך? דהיינו, וואָס נאָך פאַר פּעקלעך האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אויף זיך?

— מיט אַ מיהל האָט ער, זאָגט מען, געהאַט צו טהון... נאָר דאָס איז שוין געווים אַ ליגען!

— איז זי אָפּגעברענט געוואָרען מן הסתם, האָט מען געזאָגט אויף איהם, אַז דאָס האָט ער אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש״, מחמת די מיהל איז שוין געווען איין אַלטע, האָט ער זי גוט סעקורירט, בכדי ער זאָל קאָנען שטעלען נאָכדעם אַ נייע?

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז ס׳איז אזוי געווען די מעשה?

— ווייסען ווייס איך ניט, נאָר איך בין מיר משער, אַז אזוי האָט געמוזט זיין די מעשה.

— אזוי, הייסט דאָס, שמועסט מען ביי אונז אין קאַלאָמעא, נאָר ס׳אַ ליגען. איך קאָן אייך געהן שווערען, אַז ס׳אַ ליגען!

— עס אהרט מיך ניט, ס׳זאָל זיין איין אמת. וואָס נאָך האָט ער געהאַט, זאָגט איהר, פאַר אַ פּעקעל אויף זיך?

— איך זאָג? די שטאָדט זאָגט. נאָר דאָס איז שוין גלאַט אַ פריטשעפּע, אַ בלבול, אַ ריינער בלבול.

— אַ בלבול? פאַלשע מינץ?

— נאָך ערגער.

— וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

— אַ בזיון צו דערצעהלען וואָס קאַלאָמעא קאָן אויסטראַכ־מען! פּוסטע מענטשען... לעדיגגעהערס... און אפשר איז דאָס געווען איין אָנגעשטעלטע זאַך, מע זאָל קאָנען צאַפּען געלט? איהר ווייסט ניט? אַ קליין שטעדטעל, און אַ נגיד האָט שונאים...

— ער האָט געהאַט צו טהון אודאי מיט אַ דיענסט?...

— פון וואַנען ווייסט איהר? מע האָט אייך שוין דער־צעהלט?

— דערצעהלט האָט מען מיר ניט, נאָר איך שטויס מיך שוין אָן. עס האָט איהם געקאָסט מסתמא אַ שענע פּאָר קרייצערס, אָט דער דאָזיגער בלבול?

— לאָמיר זיך ווינטשען דאָס בּיידע פּאַרדיענען אַלע וואָך, איך בין אייך נישט קיין שונא, וואָס איהם האָט דאָס געקאָסט, חאָטש ער איז דרינען גאָט די נשמה שולדיג. אַ קליין שטעדטעל... אַ איד אַ נגיד... עס געהט איהם גוט... מע פאַרגינט איהם ניט... פּשוט, מע פאַרגינט איהם ניט!...

— מעגליך. האָט ער עפּיס פּיינע קינדער, לייטישע? דריי טעכטער, האָט איהר, דאַכט זיך, געזאָגט?

— דריי. צוויי אויסגעגעבּענע און איינע אַ מיידעל. פּיינע קינדער, זעהר פּיינע קינדער... אויף די עלטערע זאָגט מען אפילו, אַז... נאָר ס'אַ ליגען!

— דהיינו, וואָס זאָגט מען אויף זיי?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז ס'אַ ליגען.

— איך ווייס, אַז ס'איז אַ ליגען. איך וויל אָבער וויסען דעם ליגען.

— אַז איהר וועט וועלען אויסהערען אַלע ליגענס, וואָס געהען ביי אונז אין קאַלאָמעאַ, וועט אייך ניט קלעקען קיין דריי טעג מיט דריי נעכט... אויף דער עלטערער זאָגט מען, אַז זי געהט מיט די אייגענע האָר. קאָן איך אייך עדות זאָגען, אַז ס'איז ליגען, וואָרום זי איז גאָר ניט אַזוי געבילדעט, אַז זי זאָל טראָגען אייגענע האָר. און אויף דער צווייטער טאָכטער האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט, אַז נאָך מיידעלווייז... נאָר וואָס קאָלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטען! ס'אַ ליגען!

— כּדאי צו הערען, וואָס מע קאָן בּיי אייך אין קאָלאָמעאַ אויסטראַכטען?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז קאָלאָמעאַ איז אַ שטאָדט פון סאמע ליגנערס, און פון באַרעדערס, און פון לאַנגע צינגער. איהר ווייסט נישט? אין אַ קליין שטעדטעל, אַז אַ מיידעל שפּאַצירט

איינע אַליין ביינאַכט איבער דער גאַס אין דער פינסטער מיט אַ יונגענמאַן, ווערט שוין אַ טאַרעראַם: וואָס האָט אַ מיידעל אַרומ־צוגעהן אין קאַלאַמעא ביינאַכט איינע אַליין מיט אַ פּראָוויזער?

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט? זי זאָל מיט איהם אַנט־לויפען אין מיטען יום־כּפּור קיין טשערנאָוויץ, אַזוי ווי, מע זאָגט, די קלענערע האָט אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל?

— וואָס פאַר אַ שפּיצעל האָט דען אָפּגעטהאָן די קלענערע?

— נישט כּדאַי, כלעבען, גאָר נאָכדערצעהלען אַלע שטות'ע־רייען, וואָס געהען אַרום ביי אונז אין קאַלאַמעא. איך האָב פיינט נאָכדערצעהלען אַ ליגען!...

— איהר האָט שוין דערצעהלט אַזוי פיעל ליגענס, דער־צעהלט שוין דעם ליגען אויך.

— איך דערצעהל נישט מ י י נ ע ליגענס, רב איד, איך דערצעהל יענעמ'ס!... און איך פאַרשטעה גלאַט ניט, וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי שטאַרק נאָך אויף איטליכען באַזונדער, ווי אַ פּראָ־קוראָר? איהר זענט, דאַכט מיר, אַ איד, וואָס האָט ליעב נאָר אויסטאַפּען, אויספאָרשען, אַרויסציהען ביי יענעם דאָס דם־התמצית פון די ביינער, און אַליין האָט איהר מורא אַרויסלאָזען אַ וואָרט... האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת, איהר זענט, שיינט מיר, אַ רוסישער איד, און די רוסישע האָבען אין זיך אַ מיאוסע טבע: זיי האָבען ליעב אַריינקריכען יענעם מיט די שטיוועל אין האַרצען אַריין... די רוסישע זענען, ווייזט אויס, נישט קיין קליינע באַרעדערס... איבעריגענס, איז שוין באַלד קאַלאַמעא... צייט זיך נעמען צו די זאַכען... ז־יי־יי־ט זשע מוחל!

דריי אלמנות

א ספור-המעשה פון איין אלטען בחור א בעל-בעמן

געשריבען אין יאהר 1907

דְרַיי אַלְמָנות

א.

אַלמנה נומער איינס

— איהר האָט אַ טעות, פֿריץ מיינער. נישט אַלע אַלטע מוידען זענען אומגליקליך, נישט אַלע אַלטע בחורים זענען ענגאָאיס־טען. אייך דאַכט זיך אויס, זיצענדיג אָט דאָ אין קאַבינעט מיט אַ ציגאַר אין מויל און מיט אַ ביכעל אין האַנט, אַז איהר ווייסט שוין אַלסדינג, אַז איהר האָט שוין אַריינגעדרונגען טיעף אין דער נשמה אַריין, און עס איז אייך שוין פֿאַרענטפֿערט אַלע קשיות. און ווער שמועסט, אַז גאָט האָט אייך געהאָלפֿען, איהר האָט נאָך געפֿונען דאָס ריכטיגע וואָרט „פּסיכאָלאָגיע" — פּס! ווער איז צו אייך גלייך? אַ קלייניגקייט פּסי־כאָ־לאָ־גיע!... ווייסט איהר, וואָס איז די טייטש פּסיכאָלאָגיע? פּסיכאָלאָגיע איז פּעטרישקע. עס זעהט אויס שען, האָט אַ גוטען ריח, און אַז מע שיט דאָס אַרויף אויף אַ געקעכטס, איז דאָס געשמאַק. געהט זשע אָבער קייט פּעטרישקע! איהר ווילט נישט? היינט וואָס דערצעהלט איהר מיר פּסיכאָלאָגיע? אַז איהר ווילט וויסען די אמת'ע פּסיכאָלאָגיע, זעצט מען זיך אַוועק און מע הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס מע דער־צעהלט אייך, און ערשט נאָכדעם וועט איהר אַ ברירה האָבען אַרויס־צוזאָגען אייער מיינונג, פֿון וואַנען עס נעמט זיך אומגליק און וואו ליגט ענגאָאיזם. אָט בין איך איין אַלטער בחור, און אַיין אַלייזר

בחור וועל איך שוין שטארבען. פאר וואס? אַ! זעהט איהר, וויבאלד איהר פרעגט פאר וואס און ווילט מיך אויסהערען, איז דאס די אמת'ע פסיכאָלאָגיע! דער עיקר איז, איהר זאָלט מיך ניט איבערשלאָגען מיט קיין קשיות, ווי אזוי און וואס און ווען — איך האָב פיינט, אז מע שלאָגט מיך איבער אין מיטען. אַ ביסעל, ווייסט איהר דאָך, בין איך אַ קאפריזנער פון תמיד אָן, און די לעצטע צייט האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפען נערוועז אויך... נישט חלילה משוגע, שרעקט אייך ניט! משוגע — דאס פאסט פאר אייך; איהר האָט אַ ווייב. איך טאָר נישט. איך דארף זיין קלאָר. איך דארף זיין געזונט. דאס וועט איהר אליין אויך צו־געבען. מיט איינעם וואָרט, קיין קשיות זאָלט איהר מיך ניט פרעגען. אז איך וועל אייך האָבען דערצעהלט די גאנצע מעשה און אייך וועט עפּיס זיין קשה, נישט גלאטיג, דעמאָלט וועט איהר צו מיר האָבען טענות. נו? שוין? אלזאָ, זעצט איהר זיך נאָר אוועק אָט דאָ אויף מיין אָרט, און איך וועל מיך באזעצען מחילה אין אייער ווינגשטוהל. איך האָב אויך ליעב, אז ס'איז ווייך און באקוועם, און אגב איז פאר אייך בעסער אָט דאָ, איהר וועט ניט איינשלאָפען...

אלזאָ, איך געה גלייך צו דער מעשה. איך האָב פיינט הקדמות, איבעריגע רעד. געהייסען האָט זי פאַיע, און גערופען האָט מען זי „די יונגע אלמנה". פאר וואס? הויבט זיך אָן אַ מעשה, פאר וואס! וואס פארשטעהט איהר ניט? מסתמא, אז מע האָט זי גערופען „די יונגע אלמנה", איז דערפאר, וואס זי איז געוועזען אַ יונגע און איין אלמנה. מאָהלט אייך, איך בין געוועזען יונגער פון איהר. אויף וויפיעל יונגער? וואס מאכט דאס אייך אויס? איך זאָג אייך יונגער, איז יונגער. מיט איינעם וואָרט, עס האָבען זיך געפונען מענטשען, וואס האָבען אַ צונג, און האָבען געזאָגט, באשר איך בין אַ בחור און זי אַ יונגע אלמנה, איהר פארשטעהט?... אנדערע האָבען מיר זאָגאר אָפּגעגעבען מזל־טוב, געוואונטשען, ס'זאָל זיין מיט גליק. איהר מעגט מיר גלויבען, און טאָמער ווילט

איהר מיר ניט גלויבען, בין איך אויך ניט בדלות. איך דארף מיך פאר אייך ניט אויסשטעלען. איך בין איהר געווען אזא פאר, אזוי ווי איהר זענט מיר א פאר. גארניט, גוטע פריינט, מע האט זיך ליעב געהאט. און וואס איז דאס חידוש? כ'בין נאך געווען באקאנט מיט איהר מאן. נישט נאר באקאנט, נאר באפריינט. דאס הייסט, איך זאג אייך ניט, אז מיר זענען געווען פריינט. איך זאג, אז מיר זענען געווען באפריינט. ס'איז גאר צוויי זאכען: מע קאן זיין באפריינט און ניט זיין קיין פריינט, און, פארקעהרט, מע קאן זיין די נאהענטסטע פריינט און ניט זיין באפריינט. אזוי מיין איך. אייער מיינונג פרעג איך ניט! אלזא, זענען מיר מיט איהר מאן געווען גוט באפריינט, געשפיעלט א פרעפעראנס, אמאל א שאך. מע זאגט, אז איך בין א בארימטער שאכמאטיסט. איך שטעל מיך ניט אויס פאר אייך! עס קאן זיין, אז ס'איז דא גרעסערע שפיעלער פון מיר. איך זאג אייך נאר, וואס יענער זאגט... איז ער געווען, דער מאן איהרער, א יונגערמאן א גראטענער, א מושלם, און דערצו טאקי א קענער אויך, א שענער קענער. און דוקא איין אויטאדידאקט, פון זיך אליין הייסט עס, אהן גימנאזיעס, אהן אוניווערזיטעטען, אהן דיפלאמען. נאט אייך א הארטען דרייער פאר אלע דיפלאמען. וואס? איהר ווילט ניט? ווי איהר ווילט אייך. איך האב פיינט איבערשפארען יענעם! און איין עושר איז ער אויך געווען, א גרויסער עושר. חאטש איך וויים ניט, וועלכעס הייסט בּיי אייך איין עושר? ביי אונז, א איד, אז ער האט זיך זיין שטוב מיט זיין בעל־הבתישקייט, מיט זיין פאטאגדעל אויף ארויסצופאהרען אין שטאדט, און נאך גוטע געשעפטען דערצו, הייסט ער איין עושר. מיר טראסקען ניט! מיר קנאקען ניט! מיר פליהען ניט אין הימעל אריין! מיר געהען פאוואלי. אלזא, האט ער געהאט געשעפטען און האט גוט געלעבט. עס איז געווען א חיות אהין אריינצוגעהן! ווען איהר זאלט ניט קומען, זענט איהר א ווילקאמענער גאסט. נישט ווי ביי אנדערע, וואס דעם ערשטען מאל, אז איהר קומט, ווייסט מען ניט, וואו מע זאל אייך

אוועקזועצען. דאָס אנדערע מאָל — שוין א ביסעל קעלטער. דאָס דריטע מאָל נעמט מען אייך אויף אזוי קאַלט, אז איהר חאפט א פארקיהלונג... איהר האט נישט וואס צו שמייכלען: איך מיין דערמיט, חלילה, נישט קיין באקאנטע... זענט איהר ארייגעקומען אהין, האט מען אייך ניט אוועקגעלאזט אהן עסען און טרינקען, און באגאנגען האט מען זיך מיט אייך, ווי מיט איין אייגענעם. וואס דארפט איהר א סך? איהר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זיין — א קנעפּעל, אז עס האט זיך אפּגעריסען ביי דער זשילעט, האט דאס געמוזט ווערען צוגענעהט אין דער מינוט! איהר לאכט? ביי אייך איז דאס א געלעכטער. א קנעפּעל? וואס איז א קנעפּעל? א קנעפּעל, ליעבער פריינט, ביי א נאַש־בראַט, ביי א בחור, איז א גרויסע זאך! א גאנצע וועלט! איבער א קנעפּעל האט זיך אמאָל געטראָפען א מיאוס'ע מעשה: א בחור איז געקומען אנ־קוקען א מיידעל, האט מען איהם אנגעוויזען מיט א געלעכטער, אז עס פעהלט איהם א קנעפּעל, איז ער אוועק אהיים און האט זיך געהאנגען... נאר איך שטעל מיך ניט אפּ דערויף: איך האב פיינט מישען איינס אינ'ם אנדערען... און געלעבט האבען זיי צווישען זיך, מאַן און ווייב, טאקי נאר ווי די טייבעלעך. געגעבען זיך איינס דאס אנדערע כבוד א סך מעהר, ווי א סך היינטיגע גאר־גאר פון די געהויבענע. איך מיין דא, חלילה, נישט אנצוגרייפען קיינעם. און טאָמער מיינט איהר אנדערש, אהרט מיך אויך נישט. איך געה מיר צו מיין דערצעהלונג

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה, אז פיני, פאיע'ס מאַן, אזוי האט מען איהם גערופען, קומט צו פאָהרען אהיים, לעגט זיך אוועק אויף פינף טעג, און אויפ'ן זעכסטען — ניטא פיני! בע! מע! וואס? ווי אזוי? פרעגט נישט! א קארבונאָק האט ער געהאט אויפ'ן האלז, האט מען איהם באדארפט שניידען און מע האט איהם ניט געשניטען. פאר וואס? פאר שבת! ס'איז דאך פארהאן עפּיס דאקטוירים אויף דער וועלט! צוויי דאקטוירים האב איך איהם געבראכט צו פיהרען, האבען זיי זיך גענומען

אַמפּערען צווישען זיך: דער האָט געזאָגט שניידען, דער האָט געזאָגט ניט שניידען! דערווייל איז דער חולה אויסגעגאַנגען. וואָס זאָלט איהר קלערען? איהר מעגט אייך איבערנעמען מיט אייערע דאָקטוירים! איך זאָל אייך אויסרעכענען אַ צעטעל, וויפֿיעל די לייט האָבען איבערגעפּעקעלט מענטשען אויף יענער וועלט, וואָלט איהר זיך געריסען בּיי די האָר! מיינע איין אייגענע שוועסטער האָבען זיי גע'סמ'ט! וואָס מיינט איהר גע'סמ'ט? גענומען און איינגעגעבען איהר סם? איך בּין דאָך ניט קיין משוגענער, איך זאָל אייך דערצעהלען אַזעלכע בּבא־מעשיות! גע'סמ'ט הייסט — נישט געגעבען דאָס, וואָס מע דאַרף. זיי זאָלען איהר געוועזען געבען חינין צו דער צייט, וואָלט זי אפשר געלעבט... האָט קיין יסורים נישט, איך וויים וואו איך האַלט. אַלזאָ, האָבען מיר גע'פּטר'ט מיין פריינט פֿיני. מילא, וואָס זאָל איך אייך באַשרייבען דעם בּראָך, וואָס דאָס איז געוועזען פֿאַר מיר? אַ ברודער, אַ טאַטע באַדאַרף אַזוי נישט בּאַנג טהון! אַ ווערטעלע פֿיני? אַ שטיק לעבען האָט מען בּיי מיר אַוועקגענומען! הייבט דאָס רחמנות! דאָס אומגליק! דער צער פון דער אַלמנה! מיט אַ בּרעקעל קינד אויף די הענט, אַ ראָזעטשקע, אַ גאָלד! דאָס איינציגע שטיקעל טרייסט אונזערס! ווען ניט דאָס קינד, וויים איך ניט, צי מיר וואָלטען דאָס איבערגעטראָגען, נישט זי, נישט איך! איך בּין נישט קיין אידינע און נישט קיין מאַמע, איך זאָל מיך אַוועקזעצען לויבּען אין טאָג אַריין אַ קינד. נאָר אַז איך זאָג אייך, אַז דאָס קינד איז געוועזען אַ זעלטען קינד, מעגט איהר מיר שוין גלויבען אויף נאמנות! דאָס איז געוועזען אַ בּילד, איין אויסמיש פון צוויי בּילד־שענע מענטשען. איך וויים ניט, ווער פון די צוויי איז געוועזען שענער: צי ער, צי זי? פֿיני איז געוועזען שען, פֿאַיע איז געוועזען רייצענד. אויגען האָט דאָס קינד גע'ירשנ'ט פונ'ם פֿאָטער; פֿיני האָט געהאַט בּלויע אויגען. ליעב געהאַט האָבען מיר דאָס קינד בּיידע, נאָר איך וויים ניט, ווער האָט דאָס ליעב געהאַט מעהר: זי, צי איך? איהר וועט זאָגען, ווי איז דאָס מעגליך — זי איז אַ

מוטער, איך בין א פרעמדער? עס קעהר זיך גאר נישט אן. איהר דארפט אריינקוקען א ביסעל טיעפער: מיין צוגעבונדען־זיין צו דער שטוב, דאס רחמנות צו דער אלמנה און דאס הארץ צום אומ־שולדיג יתומה'לע, די געראטענקייט פונ'ם קינד און דאס, וואס אליין בין איך עלענד ווי א בוים — דאס אלץ, אז איהר וועט נעמען צוזאמען, וועט זיין אט דאס, וואס איהר רופט אן פסיכאלאגיע. נישט קיין פעטרישקע, נאר די ריינע, די אמת'ע פסיכאלאגיע. און אפשר וועט איהר זאגען, דערפאר, ווייל איך האב ליעב געהאט די מאמע? איך לייקען נישט אפ, איך האב זי זעהר ליעב געהאט. ווייסט איהר, ווי אזוי ליעב געהאט? טאקי אויסגעגאנגען נאך איהרע טריט און טאקי א מיתה משונה איינגענומען! נאר זי זאל וויסען — דאס לא! גאנצע נעכט ניט שלאפען, ליגען און טראכטען, ווי אזוי זאגט מען איהר? אויפשטעהן אין דער פריה, שוין פארטיג אויף צו געהן זאגען איהר: „זייט וויסען, פאיע, אזוי און אזוי און ווייטער — ווי איהר פארשטעהט". געקומען צו געהן — נישטא קיין ווערטער! איהר וועט זאגען, איך בין א טרום? זאגט, וואס אהרט מיך, אז איהר וועט זאגען? איהר זאלט אבער נעמען א ביסעל טיעפער באטראכטען די לאגע: פיני איז געוועזן מיינער איין אמת'ער פריינט, איך האב איהם ליעב געהאט מעהר ווי א ברודער. אי, די קשיא: פאיע? איהר האט דאך נאר־וואס געזאגט, אז איהר געהט אוים נאך איהר? איז דער תירוץ: אדרבה, אט ווייל איך האב זי ליעב, ווייל איך געה־אוים נאך איהר, ווייל איך בין נאך איהר די כפרה, קאן איך נישט! נאר איך האב מורא, אז איהר וועט מיך נישט פארשטעהן. איך זאל אייך זאגען פסיכאלאגיע, וואלט איהר פארשטאנען, און אז מע דערצעהלט אייך פונ'ם הארצען, דאס וואס איז אהן קונצען, קומט דאס אוים ווילד. נאר וואס קימערט דאס מיך? דענקט אייך, ווי איהר ווילט! איך טהו מיר מיינס, איך דערצעהל ווייטער. דאס קינד איז געוואכסען. עס רעדט זיך אזוי „געוואכסען". א קינד וואכסט, א בוים וואכסט, און א רעטאך וואכסט אויך. ס'איז א חילוק פון וואכסען ביז

וואַכסען. [illegible] מע דערלעבט צו זעהן אַ קינד זיצען, שטעהן, געהן, לויפען, רעדען! און אַז עס זיצט שוין, עס שטעהט שוין, עס געהט שוין, עס לויפט שוין, עס רעדט שוין, זענט איהר שוין פאַרטיג? עס וואָלט געפּאַסט פאַר מיר, איך זאָל מיך אוועקזעצען אויסרעכענען אייך, ווי אַ אידינע: פּאָסעלעך, מאָזעלעך, צייהנדעלעך און אַזוי ווייטער. איך בין ניט קיין אידינע און איך וועל אייך מיט נאַרישקייטען ניט פאַרנעמען, קיין חכמות פונ'ם קינד וועל איך אייך ניט געהן דערצעהלען. ס'איז געוואַכסען און ס'איז אויסגעוואַכסען און אויפגעבליהט — „ווי אַ צערטליכע רויז", וואָלט איך געזאָגט, ווען איך זאָל מיך וועלען אויסדריקען אינ'ם לשון פון אייערע ראָמאַניסטען, וואָס האָבען אַזאַ ידיעה אין דעם אויפבליהען פון אַ רויז, ווי אַ טערק אין רבנן־קדיש. גרויסע בריות אויף צו זיצען מיט די פיס צום פייער און באַשרייבען די נאַטור, מיט'ן גרינעם וואַלד, מיט'ן רוישענדיגען ים, מיט די זאַמדיגע בערג, מיט'ן פאַראַיאָהריגען שניי, מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות, מיט די נעכטיגע טעג — אָנקוקען קאָן איך זיי ניט, אָט די באַשרייבאַכצען זייערע, וואָס שלאָגען צו דער גאַל! איך לייען זיי גאָר ניט! אַז איך נעם אַ בוך און דערזעה, אַז די זון האָט געשיינט, די לבנה האָט געשפּאַצירט, די לופט איז געוועזן דופטיג, די פויגעלעך האָבען געפּישטשעט, טהו איך אַ שליידער דאָס בוך אין דער ערד אריין! איהר לאַכט? איהר זאָגט, איך בין אַ משוגענער? בין איך אַ משוגענער! וואָס קאָן זיין מעהר?...

אַלזאָ, איז זי אויסגעוואַכסען, אָט די ראָזע, און דערצויגען געוואָרען מסתמא ווי עס געהער צו זיין, ווי עס פּאַסט אין אַזאַ אינטעליגענט הויז. אַ ביסעל האָט די מוטער אליין אַכטונג געגעבען אויף איהר בילדונג, אַ ביסעל האָב איך געגעבען השגחה, און נישט קיין ביסעל, נאָר אַ סך, מע קאָן זאָגען, כמעט די גאַנצע צייט האָב איך מיך אוועקגעגעבען צום קינד, דאָס קינד זאָל האָבען דעם בעסטען לעהרער, דאָס קינד זאָל ניט פאַרשפּעטיגען אין גימנאַזיע, דאָס קינד זאָל שפּיעלען פּיאַנאָ, דאָס קינד זאָל געהן

טאַנצען — אומעטום בין געווען איך, איך אַליין. ווער דען? די געשעפטען אויך! אַז ניט, וואָלט מען איהר צעטראָגען די ביינער! מע האָט זי אַזוי אויך גענוג צענומען, אונזערע אידעלעך!... איך וויים, איהר זענט ברוגז, אַז מע זאָגט „אונזערע אידעלעך". ווי קאָן מען אַנדערש זאָגען, אַז ס'איז פּאָרט אַזאַ פאָלק? איהר מעגט מיך אָנרופען „אַנטיסעמיט", און ווי איהר ווילט. איך געה מיר מיט מיין גאַנג: אַזוי לאַנג קרענקען די אַנטיסעמיטען, ווי לאַנג זיי הויבען ניט אָן צו וויסען, וואָס אַ איד איז!... אויף אַ אידען פרעגט מ י ך!... איך אַליין האָב מיט זיי געהאַנדעלט ווינציג. איהר ווייסט דאָך. איך האָב מיר מיינע הייזער מיט מיינע קלייטען, וואָס טראָגען מיר אַריין אַ גרויסען איינקונפט, און אַ סוף. האָב איך אויך פון דעסטוועגען צו זינגען און צו זאָגען אַלע יאָהר, אַז עס קומט צו מאַכען קאָנטראַקטען, רעמאָנטירען די הייזער, צונויפנעמען דירה־געלט. מאַהלט אייך, די גויים זענען אויך ניט בעסער. אַזאַ יאָהר אויף ווי! אָבער פון אַ אידען האָט מען געקאָנט דערוואַרטען, ער זאָל שטעהן חאָטש אַ ביסעלע העכער; פּאָרט, ווי זאָגט איהר, אתה בחרתנו!... איהר מיינט, אַז איהר מיט אייער „אתה בחרתנו", וואָס איהר זינגט איהם איין, טהוט איהר איהם אַ גרויסע טובה? עס הויבט זיך גאָר נישט אָן! וואָס? איהר קאָנט דאָס נישט ליידען? איך לאָז מיך מיט אייך נישט אַריין אין קיין דיסקוסיעס. איהר זאָגט אַזוי, לאָז זיין אַזוי. יעדער מעג זיך האָבען זיין מיינונג. יענעמ'ס מיינונג קימערט מיך נישט. איך וויים מיר מיינס.

אַלזאָ, וואו האַלטען מיר? ביי „אונזער'ע אידעלעך". וויבאַלד מיין פיני איז געשטאָרבען און פאַיע איז געבליבען איין אַלמנה, האָבען זיך מסתמא געגעבען אַ לאָז צו איהר שענע מענטשען, בעלי־טובות, עצה־געבערס, און מע האָט אָנגעהויבען ביי איהר צענעמען דאָס חדר, געוואָלט אויסמאַכען איין או־יהער, ווי עס געהער צו זיין. האָב איך זיך אונטערגעחאַפּט באַצייטענס: „קינדערלעך — אַזאַס!" און איך האָב גענומען אַקאָרשט אַלע געשעפטען צו זיך

אין די הענט אַרייַן. זי האָט אַפילו געוואָלט, איך זאָל צושטעהן ווי אַ שותּף, האָב איך געזאָגט: לאַ! איך וועל מייַנע הייזער ניט פאַרקויפען און דעם קאָפּ זיך ניט פאַרדרעהען. זאָגט זי: ס'איז ניט נויטיג די הייזער צו פאַרקויפען; איך קאָן אַזוי זייַן אַ שותּף. נו, וואָס, מיינט איהר, האָב איך דערויף געענטפערט? איך האָב געענטפערט, אַז דאָס אַנדערע מאָל זאָל מען מיר אַזעלכעס ניט פאָרלעגען, ווארום איך ווער פאַר אַזעלכע זאַכען ברוגז. ער, עליו השלום, זאָג איך, האָט ניט פאַרדיענט, אַז איך זאָל אייך הייסען באַצאָהלען פאַר מייַן טרחה, זאָג איך, און פאַר מייַן צייט, זאָג איך, דאַרף איך קיין געלט נישט נעמען. איך האָב גענוג, זאָג איך, צייט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג מיך, זאָג איך, קאָפּ אין וואַנט... אַזוי זאָג איך צו איהר, צו דער אַלמנה, און זי שווייַגט. אַראָפּגעלאָזט די אויגען — און שאַ! אויב איהר זענט אַ מבין אויף אַ טשאַד, באַדאַרפט איהר פאַרשטעהן, וואָס איך האָב מיט די ווערטער געמיינט... אַי, פאַר וואָס האָב איך איהר ניט געזאָגט גלייַך? איהר זאָלט קיינמאָל נישט פרעגען, פאַר וואָס! מסתּמא איז ניט אויסגעקומען. איך קאָן אייך נאָר פאַרזיכערען, אַז ס'איז געווען אַזוי גרינג, ווי צו פאַררויכערען אַט דעם פּאַפּיראָס. איין וואָרט ווען איך זאָג איהר — איז דאָס אַ שידוך. נאָר אַז איך האָב גענומען אויפ'ן קאָפּ: „סטייטש, פּיני!... אַזעלכע גוטע פריינט, ווי מיר זענען געווען!"... איך ווייס, וואָס איהר ווילט זאָגען. איהר ווילט זאָגען, אַז מסתּמא האָט דאָס צווישען אונז ניט אַזוי מסוכּן געברענט, ס'זאָל זייַן אַי־אַי־אַי. האָט איהר אַ גרויסען טעות. אַז איך בין געווען נאָך איהר די כּפּרה — האָב איך אייך שוין געזאָגט, און אַז זי נאָך מיר — דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען קיין מעשיות, ווארום איהר וועט מיינען, אַז... נאָר וואָס געהט מיך אָן, וואָס איהר וועט מיינען? איהר הייסט בעסער דערווייל געבען טיי, ווארום ס'איז מיר שוין טרוקען אין האַלז.

אַלזאָ, ליעבער פריץ מייַנער, ביי וואָס האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט, געדענקט איהר? ביי די געשעפטען. נו, געשעפטען!

איך וועל זיי האָבען צו געדענקען ווייל איך וועל לעבען. עקספּלאָ־אַטירט אליין איז ווינציג; ארומגעשמעקט מיט פעדערען! פרייהט זיך ניט! נישט מיך — זי! מיך שטעקט מען ניט ארום מיט פעדערען. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל איך לאָז מיך ניט. נאָר וואָס העלפט דאָ יאָ לאָזען זיך, ניט לאָזען זיך, אז מע האָט צו טהון מיט שווינדלערס, זשוליקעס, באַנדיטען, וואָס וועלען אייך פאַרדרעהען דעם גרעסטען? זיי האָבען זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מע זאָל ביי אונז צונעמען דאָס ביסעל מינץ. מאָהלט אייך, נישט אזוי גיך נעמט מען צו ביי מיר געלט. זיי האָבען זיך, מאָהלט אייך, גענוג אָנגעמוטשעט, זיי האָבען ביי מיר, אַ רוח אין זייער זיידענ'ס טאַטען, געשפּיגען מיט בלוט, ביז זיי האָבען אויסגעמאַנטאַטשעט, אויסגעפּאָמפּעט ביי אונז — איהר ווילט וויסען וויפיעל? וויפיעל זיי האָבען געקאָנט! אַ גליק, וואָס איך האָב מיך באצייטענס ארומגעקוקט און האָב געזאָגט צו מיין אלמנה: גענוג! עד כאן אומרים בשבת הגדול! אָפּגע־שניטען, ווי ווייט איך האָב געקאָנט, און ערשט ביי'ם אָפּשניידען, האָט מען איהר אָפּגעשניטען דעם קאָפּ, אָבער אזוי ווי עס געהער צו זיין. אַי, ווי אזוי האָב איך דערלאָזט, וועט איהר פרעגען? איך וואָלט אַ בעלן זיין זעהען, ווי אזוי וואָלט זיך אַזאַ חכם, ווי איהר, אויסגעדרעהט פון אזעלכע באַנדיטען! און אפשר וואָלט איהר עס געמאַכט בעסער. עס קאָן זיין. איך וועל מיך ניט שפּאַרען. דאָס איינציגע, וואָס מע קאָן אויף מיר זאָגען — איך בין נישט קיין סוחר. אומגליקליך בין איך! אַבי ניט קיין באַנדיט! איהר מיינט, אז דאָס האָט מיך שוין גאָרנישט געקאָסט? נאָר איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויספּיינען. איך וויל אייך נאָר דערצעהלען, ווי אזוי עס האָט זיך ביי מיר געקייטעלט, ווי אזוי אַלץ האָט גע־טריבען דערצו, אז די אלמנה זאָל נישט פאַרבלייבען קיין אלמנה, און איך זאָל נישט פאַרבלייבען קיין אלטער בחור. איין וואָרט, נישט מעהר ווי איין איינציג וואָרט, וואָלט איך באַדאַרפט זאָגען — און איך האָב עס ניט געזאָגט! פאַר וואָס איך האָב עס ניט

געזאָגט? הערסטו דו! אָט דאָ שטעהען די אָכסען אונטער'ן בארג! און אָט דאָ הויבט זיך אָן די אמת'ע פּסיכאָלאָגיע! א נייע סדרה געהט אצינד פאר מיר. א סדרה, וואָס זי הייסט „ראָזע"!... איהר הערט נאָר צו מיט קאָפּ און פארלירט ניט קיין וואָרט, וואָרום דאָס איז ניט קיין אויסגעטראכטער ראָמאַן, פארשטעהט איהר מיך. דאָס איז א געשיכטע א לעבעדיגע, א צאפּעלדיגע, ארויסגעריסען גלייך פונ'ם הארצען!...

איך וויים ניט, עס ליגט עפּיס א כח אין יעדער מוטער, אז זי זעהט, איהר קינד איז ארויסגעוואכסען פון די קורצע קליידלעך, אזוי גלוסט זיך איהר שוין זעהען איהר טעכטערל פאר'קנס'ט. א שטיק געזונט קומט איהר צו, אז זי דערזעהט יונגעלייט דרעהען זיך ארום איהר טאָכטער. יעדער בחור איז ביי איהר א חתן. אי, טאָמער איז דער בחור א גאָרנישט מיט א נישט, מיט א שארלאטאַן, מיט א קאָרטענשפּיעלער, מיט א־דער־שווארצער־יאָהר־ווייסט־וואָס? דאָס געהט איהר נישט אָן! מאָהלט אייך, קיין פוסטע בחורים מיט קיין שארלאטאנעס זענען צו אונז נישט געגאנגען, וואָרום, ערשטענס, איז ראָזע געווען נישט פון די, וואָס קענען זיך מיט יעדען טענצער, וואָס קאָן זיך שעהן דרעהען, אויסבויגען די האנט, ווי א בייגעל, שארען מיט'ן פיסעל און מאכען א בואי־בשלום, א רעוועראנסעל פון איין אמת'ען אָפיציער. דאָס האָט איהר אייך נומער איינס. און צווייטענס, וואו בין איך? איך וועל דערלאָזען, אז א פייפער פון די פייפערס זאָל זיך אָנריהרען, זאָל צוגעהן דריי טריט צו ראָזען?! איך וואָלט איהם, דאכט מיר, פריהער אלע ביינער איבערגעבראָכען! אש וואָלט איך פון איהם געמאכט! איך בין אמאָל געווען מיט איהר אויף א באל, אויף א אידישען באל, אין קלוב, צווישען לויטער אריסטאָקראטען, אָט די, וואָס איהר רופט אָן בורזשואזיע... איז צוגעגאנגען צו אונז איינער א „פיינער יונג", אויסגעבויגען דעם עלענבויגען האָט דאָס ווי א „קרענדעל", איינגעבויגען דאָס קעפּעניו א ביסעל אויף א זייט, און א שאר געטהאָן מיט'ן פיסעניו, און א שמייכעל פון סאמע האָניג האָט זיך צעגאסען

ביי איהם אויפ'ן פנימ'על, און מיט א קוויטשעניו פון א מיידעלש קול'כעל האט ער א זאג געטהאן... דער רוח ווייסט, וואס ער האט א זאג געטהאן. צום טאנצען האט ער זי איינגעלאדען. נו־נו, האט ער געחאפט פון מיר א טאנץ! ער וועט מיך האבען צו געדענקען! מיר האבען זיך עס נאכדעם אנגעלאכט פונ'ם שלים־מזל'דיגען קאוואליער! פון דעמאלט אן האבען שוין אלע קאוואליערען געוואוסט, אז מע וויל זיך באקענען מיט ראזען, דארף מען פריהער אנקומען צו מיר, דורכגעהן א שטיק עקזאמען, און ערשט נאכדעם נעמען דעם וועג. זיי האבען מיר א נאמען געגעבען „צערבער", א הונט, הייסט עס, וואס ליגט ביי'ם איינטריט פון גן־עדן. בין איך בדלות! ווייסט איהר, וועך ס'איז דערפאר געווען ברוגז? די מוטער! „איך טרייב, זאגט זי, מענטשען פון שטוב". „וואסערע מענטשען, זאג איך, ס'איז הינט, זאג איך, ניט קיין מענטשען!" איין מאל, צוויי מאל און דריי מאל, ביז ס'איז געקומען צו א קאטאסטראפע. וואס מיינט איהר — מיר האבען זיך צעקריעגט? א חכם זענט איהר טאקי, נאר היינטיגס מאל האט איהר דוקא ניט געטראפען! איידער טרעפען, הערט בעסער, וואס מע דערצעהלט אייך.

אלזא, איך קום איינמאל צו געהן צו מיין אלמנה, טרעף איך א גאסט, עפּיס א יונגערמאן פון א יאהר צוואנציג אדער דרייסיג. פאראן אזעלכע יונגעלייט, וואס איהר וועט בשום אופן ניט טרעפען, וויפיעל זיי זענען אלט. דער יונגערמאן, למאי זאל איך לייקענען, איז געווען א חנ'עוודיגער יונגערמאן, ווי עס גיט זיך אוים אמאל א מענטש מיט סימפאטיע, מיט א גוט פנים, מיט גוטע אויגען — איהר קאנט צו איהם נישט האבען גארניט. געפעלען איז מיר דער בחור פונ'ם ערשטען קוק — ווייסט איהר פאר וואס? דערפאר, ווייל איך האב פיינט זיסע מענטשעלעך מיט צוקערדיגע פנימ'לעך, מיט האניגדיגע שמייכעלעך. אנקוקען קאן איך ניט אט די נמאס'דיגע נפשות, וואס קוקען אייך פריינטליך אין די צייהן אריין און באמקען אייך נאך איטליכם ווארט, וואס איהר זאגט, און זענען מיט אייך מסכים, אז אים תמוז שיט א שניי, און טאמער ווילט איהר

האָבען, אַז פיש וואַכסען אויף אַ וויינשעלבוים, האָט איהר אויך בּיי זיי גע׳פּועל׳ט... איך, אַז איך בּאַגעגען מיך מיט אַזאַ מין נפש, ווילט זיך מיר זעהר אויסשמירען איהם מיט האָניג, און לאָזען די בּיענען האָבען הנאה... ווי אַזוי האָט געהייסען דער יונגערמאַן, ווילט איהר וויסען? למאי נפקא־מינה? לאָמיר זאָגען, אַז ער האָט געהייסען שאַפּירא. איין עק! זענט איהר שוין צופריעדען? און געווען איז דאָס מענטשעל אַ בּוכהאַלטער אין אַ בּראָנפען־פאַבּריק, און נישט נאָר אַ בּוכהאַלטער, נאָר אַ גאַנצער בּעל־הבּית, און אַז איהר ווילט, חאָט ער אין געשעפט געהאַט מעהר דעה פונ׳ם בּעל־הבּית, און אַ בּעל־הבּית, וואָס האָט ניט קיין צוטרויען צו זיינע מענטשען, איז ניט ווערטה צו זיין אַ בּעל־הבּית... איהר מעגט אייך האָבען וועגען דעם איין אַנדער מיינונג — איך פרעג אייך ניט!

אַלזאָ, איך בּעט אייך, מע שטעלט מיר פאָר אַ יונגענמאַן, וואָס הייסט שאַפּירא, און איז אַ בּוכהאַלטער, און אַ בּעל־הבּית, און איין עהרליך מענטשעל, און אין שאָך שפּיעלט ער אויסגעצייכענט, דאָס הייסט, ער שפּיעלט ניט ערגער פון מיר, איהר מעגט אייך קלערען, אַז בּעסער, איך האָבּ דאָך אייך געזאָגט, אַז איך שטעל מיך פאַר אייך ניט אַרויס פאַר קיין שאָכשפּיעלער — היינט געהט זייט אַ נביא, אַז דאָ פאַרקייטעלט זיך אַ ראָמאַן, און נאָך וואָס פאַר אַ ראָמאַן! אַ געפעהרליכער ראָמאַן! איך זאָל זיין אַזאַ פערד און נישט אַרויסזעהען דאָס בּאַלד פונם ערשטען אָפּצוג? שטעלט אייך פאָר, אַז איך אַליין מיט מיינע הענט האָבּ אונטערגעלעגט האָלץ אויפ׳ן פייער, געלויבּט דעם יונגענמאַן אין טאָג אַריין, געמאַכט פון איהם אַ גאַנצען צימעס! פאַרבּרענט זאָל ווערען דער שאָך און אַנצינדען זאָלען זיך אַלע שאָכשפּיעלער פון דער גאַנצער וועלט! איך האָבּ געשפּיעלט מיט איהם אין שאָך, און ער האָט געהאַט איין אַנדער זאַך אין דער מחשבה. איך האָבּ בּיי איהם גענומען אַ „קעניגין", און ער האָט בּיי מיר אַוועקגענומען ראָזען! איך האָבּ איהם געגעבּען אַ „מאַט" אין צעהן גענג, און ער האָט מיר געגעבּען

א „מאט" אין דריי נענג, וואָרום צום פערטען גאנג, דאָס הייסט, אז ער איז געקומען צום פערטען מאָל, האָט מיך מיין אַלמנה אָפּגע־רופען אויף א זייט און מיט א מאָדנע פייערל אין די אויגען האָט זי מיר אָנגעזאָגט א בשורה טובה, אז עס האָט זיך אָנגענומען, און ס'איז א שידוך, און ראָזעטשקע איז א כּלה פּאַר אָט דעם שאַפּירא, און זי איז אויפ'ן זיעבעטען הימעל, און מזל־טוב אייך און מיר און אונז ביידען !...

וואָס מיט מיר איז געוואָרען, אז איך האָב דערהערט די דאָזיגע שענע בשורה, וויל איך אייך ניט דערצעהלען. איהר וועט זאָגען, אז איך בין א גזלן, א מטורף, א משוגענער. זי, די אַלמנה הייסט עס, האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע. פריהער האָט זי געלאַכט, נאָכדעם האָט זי זיך צעשריען אויף מיר, און געענדיגט האָט זיך די געשיכטע מיט טרערען, מיט היסטעריקע, מיט אַלע גוטע זאַכען — איין אמת'ער קאָנפליקט ! עס האָט, פאַרשטעהט איהר מיך, אויס־געזעצט דער בלאָטער און ס'איז פאָרגעקומען צווישען אונז א האַרטער געשפּרעך, מיר האָבען זיך ניט געשאָנעוועט איינס דאָס אַנדערע, און מיר האָבען אין איין האַלבע שעה ארויסגעזאָגט ביידע אַזוי פיעל אמת, וויפיעל מיר האָבען נישט ארויסגערעדט אין אַלע צוואַנציג יאָהר פון אונזער באַקאַנטשאַפט ! איך האָב איהר גאַנץ אָפען דערקלערט, אז זי איז מיין מלאך־המות, אז זי האָט מיך געקוילעט אָהן א מעסער, אז זי האָט צוגענומען ביי מיר מיין איינציגע טרייסט, ארויסגעריסען מיין נשמה, ראָזען, און אוועק־געגעבען איין אַנדערען. דערויף האָט זי מיר געענטפערט, אז אויב עמיצער פון אונז ביידען איז א מלאך־המות — בין איך דאָס, ניט קיין אַנדערער, און אז אויב עמיצער פון אונז ביידען האָט ארויס־געריסען ביי יענעם די נשמה — האָב איך דאָס געטהאָן מיט איהר נשמה, און נישט מיט א מאָל, נאָר פּאַוואָלינקע, אין פאַרלויף פון מעהר אַלס אכטצעהן יאָהר !... וואָס דאָס האָט באַדייט — דאַרף איך אייך נישט דערקלערען ; דאָס פאַרשטעהט אפילו א נאַר אויך. און וואָס איך האָב איהר דערויף געזאָגט, בין איך אייך נישט מחויב

צו דערצעהלען. איך קאן אייך נאר זאגען, אז איך האב מיך באגאנגען מיט איהר נישט ווי א דזשענטעלמען, דאס הייסט, איהר קאנט דאס אנרופען גראב, זעהר גראב! איך האב געחאפט דאס היטעל און האב געגעבען א האק מיט דער טיר און ארויס־געלאפען, ווי איין אמת'ער משוגענער, און האב מיר געגעבען דאס ווארט, אז מיין ־ום זאל איהר שוועל נישט אריבערטרעטען ווייל איך וועל לעבען!... נו, ווי מיינט איהר? איהר זענט דאך עפּיס א שטיקעל חקרן. וואס זאגט עפּיס דערויף אייער פּסיכאלאגיע? וואס האב איך באדארפט ווייטער טהון? לויפען טרינקען זיך? צי קויפען א רעוואלווער? אדער הענגען זיך ערגיץ אויף א בארענ־בוים? אז איך האב זיך ניט געטרונקען, ניט געשאסען און ניט געהאנגען — דאס זעהט איהר, ברוך השם, ארויס אליין. און וואס איז געוועזן ווייטער — דאס קאן איך באשטעהן אפּלעגען אויף איין אנדערש מאל. דער גוטער יאהר וועט אייך ניט נעמען, אז איהר וועט מיר א ביסעל אפּווארטען. מע דארף געהן צו מיינע אלמנות. זיי ווארטען אויף מיר מיט'ן עסען.

עד כאן אלמנה גוטער איינס.

ט.

אַלמנה נומער צוויי

— פֿאַר וואָס איך האָב אייך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען? — דערפֿאַר, וואָס איך האָב געוואָלט. איך, אַז איך דערצעהל עפּיס אַ זאַך, דערצעהל איך דעמאָלט, ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען אי הר ווילט... און אַז איהר ווילט — דאָס זעהט מען; אויף אַ געשיכטע, און אַ שענע דערצו, איז יעדער אַ בעלן. וואָרום וואָס אהרט דאָס מיך, למשל, אַז איך זיץ מיר נאָכ'ן עסען אויף מיין שטוהל אין מיין צימער מיט אַ ציגאַר אין מיין מויל, און איהר רייסט זיך איין דאָס געזונט, דערצעהלענדיג? אי, דעם דער־צעהלער קאָסט עס אפשר בלוט — וואָס געהט עס אייך אָן? אַבי מע דערצעהלט אייך אַ שענע מעשה! איך מיין נישט דווקא אייך, שרעקט אייך ניט! איהר הערט נאָר מיט קאָפּ וואָס מע דער־צעהלט אייך. און חאָטש דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך איצט, איז אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך, וואָס קעהר זיך מיט מיין פֿריהעריגער מעשה נישט אָן גאָרנישט, פֿון דעסטוועגען וואָלט איך וועלען, איהר זאָלט געדענקען, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט דערצעהלט, ווייל אַ שטיקעל שייכות האָט דאָס דאָך, און ניט קיין שטיקעל, נאָר אַ שטיק! און טאָמער האָט איהר עפּיס פֿאַרגעסען, וועל איך אייך דערמאָנען. איך וועל אייך אין דריי ווערטער איבער'חזר'ען די פֿריהעריגע געשיכטע און וועל אייך געבען אַ קיצור־המעשה אויף איין פֿוס:

איך האָב געהאַט אַ חבר פּיני, האָט ער געהאַט אַ פֿרוי פֿאַיע, האָבען זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. מיין חבר איז געשטאָרבען, און

פּאַיע איז געבליבען אַ יונגע אַלמנה. איך בין געווען ביי איהר אַ בן־בית, אַ פריינט, אַ סעקרעטאַר און אַ ברודער, און בין געווען נאָך איהר די כפּרה. נאָר זאָגען איהר האָב איך נישט געהאַט קיין מוטה. און אַזוי זענען אַוועק אַלע בעסטע יאָהרען. די טאָכטער איז אויסגעוואַכסען, די רויז האָט אויפגעבליהט, און איך האָב מיך פאַרלאָרען, איינגאַנצען פאַרלאָרען! האָט דער גוטער יאָהר אָנגעטראָגען אַ בחור'על, אַ בוכהאַלטער שאַפּירא, וואָס שפּיעלט ניט שלעכט אין שאַך, און די ראָזע האָט זיך אין איהם פאַרקאָכט. האָב איך אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער האַרץ צו דער מוטער, זיך צעקריעגט, געגעבען אַ זעץ מיט דער טיר און געשוואָרען, אַז מיין פוס זאָל דאָרט ניט זיין ווייל איך וועל לעבען! — נו, זענט איהר צופריעדען?

אצינד פאַרשטעהע איך, אַז איהר זענט נייגיעריג צו וויסען נאָר איין זאַך: אויב איך האָב געהאַלטען וואָרט, אָדער ניט? נו, איהר זענט דאָך עפּיס, ווי אַזוי רופט איהר דאָס, אַ פּסיכאָלאָג? אדרבה, זאָגט איהר, צי האָב איך באַדאַרפט האַלטען וואָרט, צי ניין? איאָ, איהר שווייגט? ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל איהר ווייסט נישט!... אָט וואָס ס'איז געווען:

די גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָדט, ווי אַ גוטער משוגענער, אויסגעמאָסטען אַ מאָל דריי אַלע גאַסען אין דער לענג און אין דער ברייט, געקומען אהיים שוין מיט'ן טאָג גלייך, איבערגעקוקט אַלע מיינע פּאַפּיערען, אַ סך צעריסען, איך האָב פיינט אַלטע פּאַפּיערען, איינגעפּאַקט די זאַכען, אַוועקגעשריבען בריעף צו אַ פּאָר באַקאַנטע, קיין פריינט, קיין קרובים, ברוך השם, האָב איך ניט, עלענד ווי אַ בוים, איבערגעלאָזט אַ פאַרארדנונג איבער מיינע הייזער און קלייטען, און אַז איך האָב אָט דאָס אַלץ אָפּגעטהאָן, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטעל, דעם קאָפּ אין די הענט, און געטראַכט און געטראַכט, און געטראַכט און געטראַכט — ביז ס'איז געוואָרען טאָג. האָב איך מיך גאַנץ שען איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיך, און בין אַוועק צו מיין אַלמנה,

אָנגעקלונגען אין דער טיר, אַריינגעקומען, געהייסען געבען קאַפע, ביז מיין אַלמנה וועט אויפשטעהן. מיין אַלמנה איז אויפגעשטאַנען, מיך דערזעהען, איז זי אַ ווייַלע געבליבען שטעהן, די אויגען זענען ביי איהר געווען ווי אונטערגעשוואָלען, דאָס פּנים בלאַס. אפנים, זי איז אויך ניט געשלאָפען די נאַכט?... דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איהר געזאָגט, איז געווען די דאָזיגע דריי געצעהלטע ווערטער:

— וואָס טהוט ראָזע?

אין די ווערטער קומט אָן מסתמא ראָזע אַליין. שען ווי דער טאָג, ליכטיג ווי די זון און גוט ווי גאָט אַליין. דערזעהען מיך, איז זי געוואָרען אַ ביסעל רויטליך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטהאָן מיט'ן הענטעל איבער'ן קאָפּ, פונ'ם שטערן אַרויף, ווי מע גלעט אַ קליין קינד, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגען אַריין און האָט זיך צעלאַכט. ווי אַזוי, מיינט איהר, צעלאַכט? חלילה נישט אויף צו באַלעדיגען אייך, נאַר צו פאַרגיפטען אייך אַזוי, אַז איהר זאָלט אויך אָנהויבען לאַכען, און אַלע זאָלען לאַכען, און די וועגט זאָלען לאַכען! יאָ, מיין ליעבער פריינד־לעבען, אָט אַזאַ מין כח האָט זי אין זיך, אָט די ראָזע, נאָך עד היום! איך וועל פאַר איהר געלעכטער נאָך איצט אוועקגעבען אַלץ, וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מעהר נישט; זי איז נעבאָך אויף צרות, אַז אָך און וועה איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! נאַר איך האָב פיינט, אַז מע חאַפּט איינעם פאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליעב, אַז מע הויבט אָן אַ זאַך, זאָל מען געהן כסדר. אַלזאָ, איך געה כסדר.

דעם טעם פון חתונה מאַכען אַ טאָכטער ווייסט איהר? ניין? איהר ווייסט ניט? זאָלט איהר טאַקי ניט וויסען! איך האָב דעם טעם פאַרזוכט, און גוט פאַרזוכט, חאָטש אפילו אַ פרעמדע טאָכטער, נאָר פאַרזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג־לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טהון, איך בעט אייך, אַז מיין אַלמנה, פאַיע הייסט עס, איז אַזאַ מענטש, וואָס איז געוואוינט געוואָרען, מע זאָל איהר אַריינטראָגען אין שטוב אַריין פונ'ם גרייטען? און

ווער איז שולדיג אין דעם, ווען ניט איך אַליין? איך אַליין האָב זיי אויסגעלעהרענט, סאַי די מאַמע, סאַי די טאָכטער, אַז טאָמער דאַרף מען עפּיס אין שטוב, זאָל געזאָגט ווערען מיר — און עס זאָל זיך איבערקעהרען די וועלט, מוז דאָס צוגעשטעלט ווערען, און ניט שפּעטער ווי אין צוויי שעה! מע דאַרף געלט — איז צו מיר. דעם דאָקטער — צו מיר. אַ קעבין באַשטעלען — צו מיר. אַ לעהרער אויף טאַנצען — צו מיר. אַ מלבוש, אַ שוך, אַ שניידער, אַ קצב, אַ פעדער, אַ הושענה, אַ קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איהר מיינט, איך האָב זיי ניט געזאָגט: „וואָס וועט פון אייך ווערען? אַ האַנטשירקע, אַ שמאַטע וועט פון אייך ווערען!" אַזוי טענה איך צו זיי, און זיי לאַכען. אַלסדינג איז ביי זיי אַ געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבען איז אַ געלעכטער. פאַרהאַן אַזעלכע מענטשען אויף דער וועלט. נישט קיין סך, נאָר ס'איז פאַרהאַן. און וועמען דאַרף עס טרעפען? — מיך! ווער דאַרף זיך ניאַנטשען מיט פרעמדע קינדער? — איך! ווער דאַרף אויס־געריסען ווערען פאַר פרעמדע צרות? — איך! ווער דאַרף טאַנצען אויף פרעמדע חתונות? — איך! ווער דאַרף וויינען אויף פרעמדע קברים? — איך! איהר וועט פרעגען: ווער הייסט מיר? וועל איך אייך דערויף ענטפערען אָט וואָס: ווער הייסט אייך לויפען אין פייער אריין ראַטעווען אַ פרעמד קינד? ווער הייסט אייך שפּרינגען אין וואַסער אריין, אַז יענער טרינקט זיך? ווער הייסט אייך קרימען זיך, אַז יענעם טהוט וועה? איהר וועט מיר זאָגען, אַז איהר לויפט ניט און שפּרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זענט איהר אַ חיה! איך בין נישט קיין חיה; איך בין אַ מענטש. איך שטעל מיך ניט ארויס פאַר איין אידעאַליסט; איך בין אַ פּשוט'ער, אַ געוועהנליכער מענטש, און נאָך איין אַלטער בחור דערצו, האָטש אייער פּסיכאָלאָגיע זאָגט, אַז איין אַלטער בחור איז איין עגאָאיסט. און אפשר איז דאָס גופא אויך אַ מין עגאָאיזם? וואָס? איהר האָט פיינט, זאָגט איהר, חקירה? פילאָזאָפיע? איך האָב עס אויך פיינט!

אלזא, דארף מען חתונה מאכען מיין אלמנה'ס טעכטערעל, ראָזען, און מע דארף זיך פארשטעלען פאר א מחותן. איהר האָט איין אנדער ברירה? און איהר דארפט פארשטעהן, לויט איהר קענט מיך שוין א ביסעל מיט מיין קאפּריז, ווי איך האָב דאָס ליעב! דאָס וואָרט „מחותן" שלאָגט מיר צו דער גאַל! רופט מיך „מענטש", רופט מיך „לאָקיי", רופט מיך „משרת", רופט מיך „סנאַקניסעל" — אבי ניט „מחותן"! זי אָבער, מיין אלמנה הייסט עס, איז דוקא צופריעדען פון'ם נייעם נאָמען, וואָס מע האָט זי געקרוינט: „מחותנת'טע". אז מע זאָגט איהר „מחותנת'טע", ווערט זי ברייטער ווי לענגער. „אָט באלד ווערט איהר א שוויע־גער!" — אזוי זאָג איך צו איהר. קוועלט זי, ווי א באָקסער: „חלואי, זאָגט זי, ווי דערלעב איך דאָס שוין!"... א שענע שוויע־גער! איהר זאָלט זי געזעהן צו דער חתונה, אונטער דער טאָכטער'ס חופה: א בילד! א פּארשוין! א יוגענד! איהר וואָלט אין לעבען נישט זאָגען, אז ס'איז א טאָכטער מיט א מוטער, נאָר א שוועסטער מיט א שוועסטער! איך האָב מיך, הערט איהר, פארקוקט אויף איהר, שטעהענדיג מיט די קינדער אונטער דער חופה, און האָב צו מיר אליין געזאָגט:

— שוטה וואָס דו ביזט! עלענדער שטיין וואָס דו ביזט! אצינד איז פאר דיר א מאָמענט... איין וואָרט ווען דו זאָגסט, איין קוק ווען דו טהוסט, ווערסט דו אוים עלענדער שטיין... בוֹיעסט דיר דיין הויז... פלאַנצסט דיר דיין וויינגאָרטען... טרעטסט אריין אין דיין גן־עדן... לעבסט דיר דיין רוהיגען לעבען, צווישען אייגענע, ליעבע און געטרייע... שלאָג דיר ארוים פון קאָפּ ראָזען... ראָזע איז ניט פאר דיר... ראָזע פּאסט צו דיר, ווי א קינד... זיי ניט גענארט... קוק אויף דער מוטער! זאָג איהר דאָס וואָרט, דו ווילדע חיה וואָס דו ביזט!... איהר זאָלסט דו זאָגען, ניט קיינעם! וואָס ציהסט דו די נשמה? זעהסט דו דען ניט, ווי זי קוקט אויף דיר, מיט וועלכע אויגען?...

אט אזוי זאג איך צו מיר אליין און באגעגען זיך מיט פאיע'ס אויגען, און עס רייסט מיר אויס א שטיק הארץ — פאר רחמנות צו איהר... איהר הערט? רחמנות! שוין נישט מעהר, ווי רחמנות... פריהער, געדענק איך, איז געוועזן איין אנדער געפיהל ביי מיר... איצט איז פארבליבען בלויז רחמנות... און וויבאלד רחמנות, איז אויף מיר אפשר אויך א רחמנות? און אפשר נאך א גרעסערער? און ווער איז איהר שולדיג? למאי האט זי געשוויגען ביז אהער? וואס שווייגט זי איצט? וואו שטעהט דאס געשריבען, אז איך איהר מעג זאגען, און זי מיר ניט?... בושה, וועט איהר זאגען? מנהג העולם? די וועלט פיהרט זיך אזוי? איך לאך פון אייער וועלט! ביי מיר איז ניטא קיין אונטערשייד: „ער" זאל זאגען פריהער, „זי" זאל זאגען פריהער. מענטשען זענען מענטשען! אז זי שווייגט, שווייג איך אויך! איהר ווילט דאס אנרופען עקשנות? אמביציע? משוגעת? רופט דאס וואס איהר ווילט! איך האב דאך אייך געזאגט שוין, אז מיר איז דאס אלץ איינס... נישט מעהר, איך רעד מיר אויס פאר אייך דאס הארץ און מיט אייך צוזאמען וויל איך אנאליזירען, אויסגעפינען, וואו איז דא דער ווארעם? אפשר איז דאס דערפאר, וואס מיר זענען מיט פאיען קיינמאל נישט געוועזן פאר זיך אליין קיין צוויי מינוט? שטענדיג איז געוועזן אין מיטען א נפש, וואס האט פארנומען אינגאנצען אונזער צייט, אונזערע געדאנקען, אונזערע געפיהלען, אונזערע צרות און פארגעניגענס — אלץ האט געהערט צו יענעם, ניט צו אונז. פאר זיך אליין א מינוט א פרייע — דאס, פע! דער רוח זאל דאס וויסען! מיר ביידע זענען ווי באשאפען געווארען ספעציעל נאר פון יענעמ'ס וועגען! פריהער איז געוועזן פיני. נאכדעם האט גאט געהאלפען א ראזעטשקע. איצט האט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט א נייעם נחת: איין איידעמעל אויף טעסט! מאהלט אייך, עס איז שוין געוועזן דאס רעכטע איידעמעל! אזעלכע איידעמס מעגען זיך ווינטשען אלע אידען. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין ניט פון די מענטשען, וואס ווערען אזוי גיך

נתפעל און וואָס האָבען אַ טבע יענעם אָפּלויפען אין טאָג אַריין. איך וועל אייך נישט דערצעהלען קיין פּוסטע דבורים, פּזמונות, איבערטריבענע קאָמפּלימענטען וכדומה. איך וועל אייך נאָר זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ענגעל" איז אַ באַלעדיגונג פאַר דעם דאָזיגען מענטשעל. געווען פּשוט אַ הימעל? אויב ס'איז דאָ אַ הימעל, אויב מלאָכים שוועבען דאָרט אַרום, און אויב די מלאָכים זענען ניט ערגער פון אָט דעם שאַפּיראָ, זאָג איך אייך, אַז ס'איז כדאי צו שטאַרבען און בעסער זיין מיט זיי, אַלס מיט אַלע איבעריגע צוויי־פיסיגע חיות, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום אונטער גאָט'ס הימעל און פאַרפּאַסקודיגען די ערד. איהר וועט זאָגען, איך בין אַ מיזאַנ־טראָפּ, אַ מענטשענפיינט? איהר זאָלט האָבען פון אַ מענטשען דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַט, אייך זאָלען מענטשען טהון דאָס, וואָס מע האָט אונז געטהאָן, וואָלט איהר געוועזן ניט אַ מיזאַנ־טראָפּ, נאָר אַ גזלן. איהר וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מעסער אין מיטען גאַס און איהר וואָלט געקוילעט מענטשען, אַזוי ווי שאָף!... וואָס איז ביי אייך פאַר אַ מאָדע לאָזען אַ מענטשען רעדען שטונדען־לאַנג און נישט פרעגען, צי וויל יענער אַ גלאָז וואַסער? הייסט געבען טיי!

אַלזאָ, וואו האַלטען מיר? ביי אונזער נחת, ביי אונזער איידעמעל שאַפּיראָ.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גאַנצער פיהרער פון אַ גוראַלניע, אַ בראָנפען־פאַבריק, און ניט נאָר דער גאַנצער פיהרער, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית איבער'ן גאַנצען געשעפט. אַלץ איז געווען ביי איהם אין די הענט, אויף זיין נאָמען. דאָס צוטרויען, וואָס זיי האָבען געהאַט צו איהם, איז אין לשער, און ליעב געהאַט האָבען זיי איהם, ווי אַ קינד. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז אויף דער חתונה זענען זיינע בעלי־בתים, צוויי שותפים, גנבים (זיי זאָלען מיר מוחל זיין, זיי זענען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט אין אַמעריקע), געווען

די מחותּנים, געשענקט דעם חתן אַ קאַסטען מיט זילבער און האָבּען זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמת'ע פילאַנטראָפּען. און איך האָב טאַקי ליעב אַ פילאַנטראָפּ, און נאָך אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, אַז ער קומט מיר אויף אַ שמחה און שטעלט זיך אַרוים מיט זיין פילאַנטראָפּיע, אַז אַלע זאָלען זעהען און זאָלען וויסען, אַז ער איז אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, וואָס ווייסט, ווי צו שעצען אַ „מענטשען"!... אי, דער „מענטש" האָט איהם אפשר געמאַכט אַ פאַרמעגען? און ווען נישט דער „מענטש", וואָלט ער אפשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פילאַנטראָפּ?... אייער שמייכלען, וואָס איהר שמייכעלט, איז אומזיסט! מיין ליעבער פריץ, איך שטעל מיך ניט אַרוים פאַר קיין סאָציאַליסט. נאָר אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ האָב איך פיינט! וואָס קומט מיר דערפאַר? והראיה? אָט וועט איהר הערען, וואָס אַ בעל־הבית, אַ פילאַנטראָפּ קאָן. דאַכט זיך מיר, אַז גאָט העלפט, מע האָט אַ געשעפט, וואָס טראָגט־אַריין שענע עטליכע טויזענטער אַ יאָהר, און אַ מענטשען האָט מען אַזעלכען, וואָס מע קאָן זיך אויף איהם פאַרלאָזען, קאָן מען שלאָפען רוהיג אין דער היים, און אפילו אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד און לעבען אַ גוטען טאָג? איז דאָך אָבער „אונזערע אידעלעך". איך ווייס, אַז איהר האָט פיינט, נאָר איך זאָג נאָך אַ מאָל „אונזערע אידעלעך". ס'איז זיי קאַרג די וועלט! אַ איד האָט ליעב געשעפטען, פליהען, דרעהען, קנאַקען, טראַסקען — מע זאָל זעהען! מע זאָל הערען! וואָס טויג אייך, מיין שאַפּיראָ'ס בעלי־בתּים האָבען זיך נישט באַנוגענט מיט דעם, וואָס זיי האָבען אַזאַ גאָלדען געשעפט אין אַזעלכע זיכערע הענט. זיי זענען אַריין אין וועלדער און אין פעלדער, אין „טאָרגעס" און אין טאַקסעס, אין ווייץ און אין קלייען, און אין הייזער האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַריינקריכען, ס'איז געוואָרען אַ היץ אויף הייזער, הייזער האָבען געבּרענט און זיי האָבען געבּרענט, ביז זיי זענען פאַרבּרענט געוואָרען, אַריינגעשלעפּט אונזער שאַפּיראָן מיט וועכּ־סעלעך, פאַרחאַפּט וויפיעל ס'איז געווען מזומנים און אוועק קיין

אמעריקע, און ס'איז א סברה, אז זיי זענען דארטען, ווי מע זאגט אויף דעם אמעריקאנער לשון, „אלל־רייט", און איהם, שאפיראן הייסט עס, האבען זיי געלאזט זיצען ביז'ן האלז אין חובות, פאר־באדען און פאר'חתמ'עט מיט וועכסלען פון אויבען ביז אראפ. ס'איז געווען א גרויסער סקאנדאל, און ס'איז דערגאנגען דערצו, אז מע האט גארנישט געוואלט קוקען, צי איז ער א „מענטש", צי איז ער א בעל־הבית — ער מוז צאהלען די וועכסלען, און אזוי ווי ער האט ניט מיט וואס, איז ער באנקראט, און אזוי ווי ער קאן ניט באווייזען, אז דער באנקראט האט זיך צו זיי גענומען פון איין אומגליק, ווערט דאס אנגערופען ביי אונז, ווי איהר ווייסט, און אפשר ווייסט איהר ניט, „זלאסטנע באנקראט", דאס הייסט: איין אנזעצער א פארך, און א פארך איין אנזעצער זעצט מען איין אין טורמע, ווארום א פארך האט די וועלט פיינט! איהר קאנט אייך זיין צעהן מאל איין אנזעצער, צעהן מאל איבער'חזר'ען דעם פסוק, און אבי איהר מאכט דאס אפ קיילעכיג, מיט'ן „כבקרת", ווי עס געהער צו זיין, שטעלט איהר ארויס דער וועלט מחילה א פייג, און קויפט א הויז מיט א „מפטיר", און איהר ווערט א שענער מענטש, און איהר טהוט די גרעסטע שידוכים, און איהר זאגט דעות אין שטאדט, און איהר טרעט אויף קעפ, און איהר שטופט אייך צו די גרויסע, צו די למד־ואו גדולים, וואס פיהרען די גאנצע שטאדט ביי דער נאז, און עס דאכט זיך אייך, אז איהר זענט א גרויסער, און איהר שפריצט, און איהר בלאזט זיך, ווי איין אינדיק, און איהר דערקענט ניט קיין מענטשען, און איהר רעדט זיך איין, אז דער רוח האפט אייך אקארשט ניט אוועק!... האט קיין פאראיבעל ניט, איהר פארשטעהט דאך, אז ניט אייך מיין איך, די וואנט מיין איך... וואס נוצט אייך? מיין בחור, מיין שאפירא, האט ניט געקאנט אריבערטראגען דעם בזיון, און אגב האט איהם וועה געטהאן דאס הארץ אויף ארעמע אלמנות און יתומים (זיינע בעלי־בתים האבען ניט געשאנעוועט קיינעם, זיי האבען גענומען וואו זיי האבען געקאנט) — ער האט זיך גע'סמ'ט!...

איך דענק, אַז עס איז אייך ניט וויכטיג, ווי אַזוי און מיט וואָס ער האָט זיך גע׳סמ׳ט, און וואו האָט ער גענומען סם? און וואָס עפּיס סם? און וואָס האָט ער געשריבען פאַר אַ בריעף צו מיר? און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? און ווי אַזוי האָט ער זיך געזעגענט מיט ראָזען? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלץ איז ניט מעהר ווי סענטימענטען, וואָס די ראָמאַניסטען באַנוצען זיך מיט זיי, אום אויסצוקוועטשען בײ׳ם נאַרישען לעזער אַ טרער. איך וויל אייך נאָר זאָגען אין דריי ווערטער: נישט זיך האָט דער מענטש גע׳סמ׳ט — ער האָט גענומען און האָט אוועק־גע׳סמ׳ט אונז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס, דער שמערץ איז געווען אַזוי טיעף, דער וועהטיג איז געווען אַזוי גרויליך, אַז בײ אונז אַלע דריי האָט זיך ניט געפונען קיין איינציגע טרער! מיר זענען פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט, פאַרשטאַרבען געוואָרען, געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, און וואָלטען געווען די גליק־ליכסטע פון די גליקליכסטע, ווען איינער קומט און האקט אונז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!... הערט איהר, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט — אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די אַלע, וואָס קומען אייך טרייסטען חלילה בײ איין אומגליק. זייערע צוגעגרייטע פלומרשט־טרויעריגע פּנימ׳ער, וואָס אויף יעדען שטעהט אויפגעשריבען: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ניט איך"... זייערע הילצערנע רעד, וואָס קלעפּען זיך ניט, זייערע פאַלשע שבחים, זייער אוועקגעהן אומגעזעגענט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אפילו אָט דער איוב, וואָס ס׳איז אַ מנהג, אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין איהם אַריינקוקען, ווי אַ האָהן אין „בני־אָדם", איז מיר נמאס! וואָס? אפּיקורסות, זאָגט איהר? דאָס הייסט בײ אייך אפּיקורסות? נו, און נעמען אונטערשטעלען אַ פּיסעל איין אומשולדיגען מענטשען, הייסען איהם חתמ׳ענען וועפּסלען און אַליין אוועק מיט געלט קיין אַמעריקע, און דעם „מענטשען" לאָזען, ער זאָל נעמען און אוועק׳סמ׳ען אי זיך אַליין, אי נאָך דריי אומשולדיגע נפשות — דאָס וועט בײ אייך הייסען

ווי אזוי? וואָס פאַר אַ נאָמען וועט איהר דעם געבען? נישט אפּיקורסות? איאָ, ניין? און פון גאָט אליין וועט איהר זאָגען, אַז ס'איז ניט קיין אומרעכט? וואָרום ווי טאָר מען רעדען אויף גאָט? טהוט אַלע זשע אַ קוק וואָס זאָגט דערויף איוב? אָט דער זעלבער הייליגער איוב, וואָס ס'איז אַ מנהג, איהר זאָלט אין איהם אריינקוקען, ווי אַ האָהן אין „בני־אָדם"? איאָ, איהר שווייגט? איך שווייג אויך, וואָרום איהר קאָנט רעדען צעזעצטערהייט, וועט איך קיינער ניט ענטפּערען! איהר וועט איבערקייען נאָך אַ מאָל די שוין לאַנג איבערגעקייטע ווערטער: „ה' נתן וה' לקח" — און דערביי וועט איהר בלייבען... וואָס זאָגט איהר? פילאָזאָפירען הייסט קייען שטרוי? איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

אלזאָ, איך קעהר מיך אום צוריק צו מיין אלמנה... וואָס זאָג איך אלמנה? צו מיינע צוויי אלמנות! ראָזע אויך איין אלמנה! חאַ־חאַ־חאַ! עס איז אַזוי טרויעריג, עס איז גאַר אַ באַלעדיגונג פון דער נאַטור, אַז נאָר לאַכען דאַרף מען. ראָזע איין אלמנה! איהר זאָלט זי געזעהן: אַ קינד פון פופצעהן יאָהר קאָן ניט אויסזעהען יונגער. ראָזע איין אלמנה! איין אלמנה אליין איז נאָך גאָרניט! ראָזע — אַ מאַמע! אַ מוטער פון אַ קינד! אין אַ חדשים דריי נאָך שאַפּיראָ'ס טויט האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אַ באַשעפעניש, און די שטוב איז געוואָרען פול מיט דעם באַשעפענישעל. פייגעלע האָבען זיי דעם אַ נאָמען געגעבען — און אין שטוב האָט געוועלטיגט נאָר איין פייגעלע, און אַלץ איז געוועזען נאָר צוליעב דער איינער פייגעלע, און וואו איהר זענט געשטאַנען, און וואו איהר זענט געזעסען, און וואָס איהר האָט ניט געטהאָן, האָט איהר געקאָנט הערען נאָר פייגעלע און פייגעלע און ווידער פייגעלע! אויב מע זאָל וועלען זיין אַ מאמין און גלויבען אין „השגחה פּרטית", ווי איהר רופט דאָס אָן, וואָלט איך געזאָגט אויף דער פייגעלע, אַז דאָס האָט גאָט באַלוינט אונז פאַר אונזערע גרויסע ליידען און האָט אונז געשיקט אַ טרייסט. איהר ווייסט אָבער, אַז איך בין אַ קנאַפּער מאמין און איך בין שטאַרק מסופק

אין אייך אויך... וואס? איהר ווילט מיר איינרעדען, אז איהר גלויבט יא? — געזונטערהייט! איך האב צו אייך גארנישט ניט; אבי איהר אליין זאלט זיין איבערצייגט, אז איהר זענט ניט קיין צבוע'ק, קיין היפאקריט. הערט איהר, אידען, האב איך פיינט היפאקריטען, טאקי נאר ווי א איד האט פיינט חזיר! זייט אייך פרום, ווי צעהן טויזענט רוחות, אבי מיט איין אמת! טאמער זשע זענט איהר גלאט א גנב, א פארמאסקירטער „וצדקתך", זענט איהר ניט פון מיינע לייט, און איך דארף אייך אויף תשעה־נייענציג כפרות. אט אזא מענטשעל בין איך מיר!

חכלל, וואסער א סדרה געהט היינט? — פייגעלע! פון דער ערשטער מינוט, וואס די פייגעלע האט זיך באוויזען אויף דער וועלט, האט אלץ ווי אויפגעלעבט, אלע און אלעס האבען געשמייכעלט און געפרעהט זיך. אלע פנים'ער האבען געשיינט. אלעמענ'ס אויגען האבען אנגעהויבען צו לייכטען און גלאנצען. אינאיינעם מיט דעם קינד זענען מיר אלע אויפ'ס ניי געבוירען געווארען. איך וועל אייך זאגען א שענס: ראזע, וואס סע האט זיך נישט באוויזען אויף איהר פנים קיין שמייכעל שוין אזא צייט, האט פלוצים אנגעהויבען ווידער צו לאכען מיט איהר פריהעריגען מאדנע געלעכטער, וואס פארגיפטעט אייך און צווינגט אייך, אז איהר זאלט אויך לאכען, חאטש עס ווילט זיך אייך גאר וויינען. אט אזא מין כח האט באוויזען די קליינע פייגעלע, אז זי האט אויפגעעפענט איהרע קליינע אויגעלעך און האט גענומען דאס ערשטע מאל מיט א פונק פון פארשטאנד באטראכטען אונז אלע דריי. און ווער שמועסט, אז אויף פייגעלע'ס ליפעלעך האט זיך באוויזען דאס ערשטע שמייכעלע, זענען ביידע אלמנות שיער ניט משוגע געווארען פאר ענטוזיאזם און התפעלות. זיי האבען מיך באגעגענט מיט אזא אימפעט, אז איך האב מיך פאר זיי דערשראקען:

— גוואלד, וואו זענט איהר געוועזן פריהער מיט איין מינוט? אזוי זענען אנגעפאלען אויף מיר ביידע אלמנות.

— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפען? — פרעג איך אַ דערשראָקענער און באַקום פון זיי איין ענטפער:

— סטייטש, פייגעלע האָט אָט־ערשט מיט אַנדערהאַלבען מינוט פריהער אַ לאַך געטהאָן! דעם ערשטען לאַך!

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט, און אינ־ווענינ דאָס הארץ פרעהט זיך, געוועהנליך, ניט אַזוי אויף דעם, וואָס פייגעלע האָט אַ לאַך געטהאָן, ווי אויף דעם, וואָס מיינע צוויי אַלמנות זענען אַזוי ששון־ושמחה'דיג. נו, היינט קאָנט איהר שוין פאַרשטעהן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי'ם ערשטען ציינדעל! די ערשטע האָט דערפיהלט, נאַטירליך, די יונגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צוגערופען די עלטערע אַלמנה, פּאַיען הייסט עס, און ביידע אַלמנות האָבען גענומען פּראָבירען מיט אַ גלאָז, און אַז זיי האָבען דערהערט, אַז עס קלינגט אַ ציינדעל, האָבען זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אַריין פון צווייטען צימער ניט טוידט, ניט לעבעדיג.

— וואָס איז דאָ?

— אַ ציינדעל!

— עס ווייזט זיך אייך אוים! — זאָג איך צו זיי בכיון, עס זאָל זיי אַ ביסעל רייצען. און ביידע אַלמנות נעמען מיין פינגער און טאַפּען־אָן ביי פייגעלען אין הייסען מייל'כעל עפּיס אַ שאַרף שפּיציקעל, וואָס קאָן זיין, ס'איז אַ ציינדעל.

— נו? — פרעגען זיי מיך ביידע און וואַרטען, איך זאָל זיי שוין אָפּגעבען אַ גרוס פונ'ם ציינדעל. איך מאַך זיך תמ'ע־וואַטע. איך האָב ליעב זיי צו רייצען. פרעג איך זיי איבער:

— וואָס נו?

— אָבער איאַ, אַ ציינדעל?

— אַ ציינדעל, וואָס דען זאָל דאָס זיין?

און דאָס פאַרשטעהט איהר דאָך, אַז וויבאַלד אַ ציינדעל, איז דאָך פייגעלע אַ חכמה, וואָס מע קריגט ניט די צווייטע אין

דער גאנצער וועלט! און וויבאלד אז פייגעלע איז אזא חכמה, קומט דאך איהר, מע זאל זי אזוי לאנג קושען, ביז דאס קינד הויבט אן צו וויינען, און איך רייס עס ארויס ביי זיי פון די הענט און שטיל דאס איין, ווארום ביי קיינעם שווייגט ניט אזוי דאס קינד, ווי ביי מיר, און מע קאן זאגען, אז קיינעמ׳ס האר האט פייגעלע ניט אזוי ליעב, ווי מיינע האר, און קיינעמ׳ס נאז ווערט ניט אזוי געריטען פון איהרע ברעקלעך פינגערלעך, ווי מיין נאז, און פיהלען אויף זיך די דאזיגע ברעקלעך פינגערלעך איז א גן־עדן! עס גלוסט זיך צוויסקושען טויזענט מאל איטליכס גליעד פון די דאזיגע קליינטשינקע, גלאטינקע, ווייסינקע און ווייכינקע פינגערלעך! איהר קוקט אויף מיר און איהר טראכט זיך: „אט דער מענטש האט א ווייבערשע נשמה; אניט — וואלט ער אזוי ניט ליעב געהאט קיין קינדער"... אבער איא, איך האב געטראפען, וואס איהר טראכט? ס׳איז אזוי די מעשה: וואס פאר א נשמה איך האב — ווייס איך ניט, נאר אז איך האב ליעב קינדער — דאס איז א פאקט! ווערמען דען זאל מען ליעב האבען, אז ניט קיין קליינע קינדער? אייערע גרויסע, ווילט איהר, זאל איך ליעב האבען? אט די גלאטע מארדעס מיט די געפאקטע בייכלעך, וואס זייער גאנץ לעבען איז א געשמאקער מיטאג מיט א גוטען ציגאר מיט א פרעפעראנסעל? צי אט יענע שענע מענטשען, ווילט איהר, זאל איך ליעב האבען, די וואס קהל׳ען זיך און לעבען פון דער קהל׳שער שיסעל און שרייען און ליארעמען און פויקען איבער דער גאנצער וועלט, אז זייער גאנצער מיין איז טובת הכלל?... אדער איהר זענט א בעלן, איך זאל ליעב האבען אט די יונגע צוציקעס, וואס ווילען מתקן זיין די וועלט, רופען מיך „בורזשוק" און ווילען מיך צווינגען, איך זאל פארקויפען מיינע הייזער און צעטיילען זיך מיט זיי לשם עקספראפריאציע? אדער איהר וועט מיר אפשר הייסען, איך זאל ליעב האבען די גראבע ווייבער, די פרות־הבשן, וואס זייער איינציגער אידעאל איז פרעסען, קליידער, בריליאנטען, טהעאטער און געפעלען פרעמדע מאנסבילען? צי גאר די אונטערגעשארענע אלטע מוידען,

וואָס צומאָל, אין מיינע יונגע יאָהרען, האָבען זיי געהייסען „ניהי־ליסטקעס", היינט הייסען זיי „עס־עסאָווקעס", „עס־עראָווקעס", „קאַדעטניצעס" וכדומה אזעלכע שענע נעמען?... איהר זאָגט, ווייל איך בין איין אַלטער בחור, בין איך א בעל־כעסן און א מיזאַנ־טראָפּ און מיר געפעלט ניט קיינער? זאָגט אייך — וואָס אהרט מיך, וואָס איהר זאָגט? איך טהו מיר מיינס: איך דערצעהל. וואו זשע האַלט איך? ביי'ם קינד, ביי פייגעלען, ווי מיר האָבען דאָס ליעב געהאַט. דאָס גאַנצע לעבען האָבען מיר אָוועקגעשענקט דעם קינד, מיר אַלע דריי, דערפאַר, ווייל דאָס קינד האָט אונז פאַרזיסט די ביטערקייט פונ'ם לעבען, צוגעגעבען אונז אַלעמען פרישע ענערגיע צו טראָגען דעם שווערען יאָך פון דער נאַרישער פאַר־דאַרבענער וועלט. און פאַר מיר עקסטרע איז אין דעם קינד געווען א גאַנצער סוד. איהר וועט דעם סוד לייכט פאַרשטעהן, אויב איהר וועט זיך דערמאַנען, וואָס איז געווען פאַר מיר ראָזע. וואָס מעהר דאָס קינד האָט געוואַכסען, אַלץ מעהר האָט געבליהט די האָפענונג ביי מיר אין האַרצען, אַז מיין עלענד זאָל ענדליך פאַר־שווינדען און איך זאָל אַמאָל אויך וויסען פון א לעבען אויף דער וועלט... און ניט נאָר איך אַליין האָב זיך אַרומגעטראָגען מיט דער מחשבה — די זעלבע האָפענונג האָט געלעבט אויך ביי פאַיען אין האַרצען, און האָטש מיר האָבען דערפון ניט גערעדט קיינמאָל, נאָר פאַר אונז אַלע דריי איז דאָס געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז עס וועט מוזען אַמאָל אַזוי זיין... איהר וועט אפשר פרעגען: ווי אַזוי קאָנען זיך דאָס מענטשען פאַרשטעהן אומגערעדט? איז א סימן, אַז איהר קענט פסיכאָלאָגיע, גאָר גיט קיין מענטשען... למשל, אַט וועל איך אייך מאָהלען א בילד, וועט איהר זעהען, ווי אַזוי מענטשען שמועסען זיך אוים כמעט אָהן ווערטער, פאַרשטעהען זיך אויפ'ן וואונק. אַט האָט איהר אייך א בילד:

א זומער־נאַכט. דער הימעל איז פאַרשמיסען מיט ווייסע מילך־פאַסען. איך האָב געוואָלט זאָגען: די שטערען בלישטשען, פינקלען, שעמערירען. האָב איך מיך דערמאַנט, אַז אַזוי שטעהט

ערגיץ געשריבען אין א ביכעל, ווײל איך ניט איבערקייען יענעמ׳ס ווערטער. איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך האב פיינט זייערע באשרייבענישען פון דער נאטור, וואס זענען אזוי ענהליך אויף דער נאטור, ווי איך בין ענהליך אויף א טערקישען פאשא. הכלל, ס׳איז געווען א זומער־נאכט, איינע פון די זעלטענע ווארעמע, לויטערע, פרעכטיגע נעכט, וואס דער טריקענסטער מענטש אין דער וועלט ווערט פול מיט פאעזיע און עס בענקט זיך איהם ערגיץ אהין, ווייט, ער ווייסט אליין ניט וואוהין. עס חאפט איהם ארום פון אלע זייטען א מאדנער שטראם פון רוח־הקודש, און ער זינקט אין א הייליגע שטילע רוהיגקייט, און ער פארקוקט זיך אין דער טיעפער בלויער יארמעלקע, וואס מיר רופען דאס הימעל, און ער פיהלט, אז דער הימעל סוד׳עט זיך עפּיס מיט דער ערד, פיהרען א שטילען שמועס צווישען זיך, א שמועס פון אייביגקייט, פון אומענדליכקייט און פון דעם, וואס מענטשען רופען גאטהייט...

נו? וואס וועט איהר זאגען אויף מיין באשרייבען די נאטור? ניט געפעלען? בין איך אויסגעשטעלט! האט צייט, איהר זענט נאך ניט פארטיג. איך האב אייך פארגעסען דערצעהלען פון די זשוקעס — מאדנע, שווערע, ברוין־פארביגע זשוקעס, וואס טראגען זיך אין דער פינסטער, צעלאזט די פליגעל, זשומען און הודען און טהוען זיך אלע מאל א זעץ אן וואנט אדער אן פענסטער, און טהוען א פאל אנידער אויף דער ערד מיט האלב־צעלאזטע פאלעס און ווערען אנשוויגען. איהר זאלט גאר נישט האבען קיין יסורים — זיי וועלען א ביסעל ארומפויזען אויף דער ערד, זיך אויפהויבען, צעלאזען די פאלעס און וועלען זיך ווידער דרעהען ארום דער שיין פון דעם ליכט מיט א זשומען און מיט א הודען, און ווידער געבען זיך א זעץ אין פענסטער אריין און א פאל אנידער אויף דער ערד... מיר זיצען אויפ׳ן גאניק, וואס געהט אין גארטען אריין, אלע פיער: איך, און פאיע, און ראזע, און פייגעלע. פייגעלע איז שוין א גרויסע; פיער יאהר ווערט איהר ראש־חודש אלול, און רעדען רעדט זי ווי איין אלטער. זי רעדט און פרעגט קשיות. טויזענטער

קשיות! פאַר וואָס איז הימעל — הימעל, און ערד — ערד? ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? פאַר וואָס איז ביינאַכט נאַכט און בייטאָג טאָג? פאַר וואָס רופט די מאַמע די באַבעניו „מאַמע", און די באַבעניו רופט די מאַמע ניט „מאַמע", נאָר „ראָזע"? פאַר וואָס בין איך איהר אַ דיאַדיאַ — אַ דיאַדיאַ און ניט קיין פּאַפּאַ?... פאַר וואָס קוקט דער דיאַדיאַ אויף דער באַבעניו, און די באַבעניו קוקט אויף דער מאַמע, און פאַר וואָס איז די מאַמע אַזוי רויט געוואָרען?... איהר פאַרשטעהט דאָך שוין, אַז דאָס רופט אַרויס ביי אונז אַלע דריי אַ געלעכטער. פרעגט פייגעלע, וואָס לאַכט מען, ווערט דער געלעכטער נאָך גרעסער, און ענדיגען ענדיגט ער זיך מיט דעם, וואָס מיר קוקען זיך איבער אַלע דריי, און אַלע דריי פאַרשטעהען מיר זיך גאַנץ גוט, וואָס דער קוק באַדייט. מע דאַרף שוין ניט קיין ווערטער. ווערטער זענען איבעריג. ווערטער זענען באַשאַפען געוואָרען נאָר פאַר פּלאַפּלערס, ווייבער און אַדוואָקאַטען. אָדער, ווי ביסמאַרק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: ווערטער זענען אונז געגעבען געוואָרען אום צו פאַרמאַסקירען אונזערע געדאַנקען. אָט באַגעהען זיך דאָך חיות און עופות און אַלע איבעריגע באַשעפענישען אָהן ווערטער! אָט וואַכסט דער בוים, אָט בליהט די בלום, אָט שפּראָצט אַ גרעזעל, האַלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיט'ן שטראַהל פון דער זון — וואו איז זייער שפּראַך? אויגען, מיין ליעבער פריינד, אויגען ביי מענטשען זענען אַ גרויסע זאַך! וואָס אַ מענטשענ'ס אויגען קאָנען אייך אַמאָל זאָגען אין איין מינוט, וועט אייך דאָס מויל ניט אויסרעדען אין קיין טאָג! אונזער איבערקוקען זיך אין יענער נאַכט מיט מיינע צוויי אַלמנות איז געווען אַ בלעטעל, אַ קאַפּיטיל פון אונזער אַלעמענ'ס לעבענסגעשיכטע, אַ גאַנצע פּאָעמע, אויב איהר ווילט, אַ ליעד, אַ טרויעריג ליעד פון דריי פאַרלאָרענע לעבענס, פון דריי פאַרקריפּעלטע נשמות, וואָס פאַרשיידענע פאַרפלאָנטעענישען האָבען ניט דערלאָזט, זיי זאָלען טרינקען פון דעם קוואַל, וואָס הייסט גליק, זיי זאָלען גענִיסען פון דעם פּאָנטאַן, וואָס הייסט ליעבע... איך האָב מיך אַרויס־

געחאַפּט פאַר אייך מיט דעם וואָרט „ליעבע" אומגעהרען. גלויבט מיר, אַז עס עקעלט מיך! ווייסט איהר, פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל אייערע שרייבערס באַנוצען שוין צו אָפּט דאָס דאָזיגע הייליגע וואָרט און מאַכען פון דעם שוין צו אַ וואָכעדיגען מאכל. דאָס וואָרט „ליעבע", אַז מע רעדט דאָס אַרויס אויף דער שפּראַך פון אייערע שרייבערס, איז אַ חלול־השם. דאָס וואָרט „ליעבע" דאַרף אַרויסגעגאָסען ווערען, ווי עס גיסט זיך אויס אַ תפלה צו גאָט, אָדער עס דאַרף זיך אויסגיסען אין אַ ליעד אָהן ווערטער, אין אַ געזאַנג פון עכטער פּאָעזיע, עס מעג זיך זיין אָהן ריימען: לויפען־קויפען, חאַפּען־טאַפּען, יאָגען־שלאָגען, גראָזען־בלאָזען, וכדומה אַזעלכע גראַמען פון אייערע פּאָעטען, וואָס אַז איך לייען זיי אַמאָל, מאָהלט זיך מיר אויס, אַז איך שלינג אַרבעס און פאַרביים מיט פּאַפּיער... דער משל מעג אייך ניט געפעלען, נאָר דרעהען מיט דער נאָז באַדאַרפט איהר ניט. איך ענדיג אייך שוין די געשיכטע מיט מיין אַלמנה נומער צוויי און איך מאַך דאָס בקיצור, וואָרום זיך האָב פיינט, אַז מע געהניצט... זאָגט נאָר, איהר האָט אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם, עס זאָל אייך רייסען אַ צאָהן, וואָס איהר מוזט איהם אַרויסציהען, נאָר איהר לעגט דאָס אָפּ אויף מאָרגען, פון מאָרגען אויף איבערמאָרגען, ביז איהר נעמט אייך אָן מיט הארץ און געהט צום דאָקטאָר; איהר קומט־צו צו דער טיר, איהר לייענט־איבער אויף זיין בלעטעל: „דענטיסט אַזעלכער און אַזעלכער, נעמט־צו פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8..." חאַפּט איהר אַ קוק אויפ'ן זייגער און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8? היינט וואָס האָב איך מיין צייט ניט?...

און איהר קעהרט זיך אום צוריק אַהיים און איהר רייסט זיך אויף די צייהן... אָט דאָס אייגענע איז געווען מיט מיר און מיט ראָזען. אַרויסגעגאַנגען בין איך פון דער היים אַלע אין דער פריה מיט אַ באַשטימטען געדאַנק, אַז היינט מוז דאָס געשעהן גאָר אָהן אַ שום תירוץ! פריהער וועל איך איבעררעדען מיט מיין אַלמנה

נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אזוי און אזוי... וועט זי ווערען רויטליך, אראפלאזען די אויגען און א זאג טהון: „ביי מיר האט איהר גע׳פועל׳ט, רעדט איבער מיט ראזען”... וועל איך אוועקגעהן פון דער אלמנה נומער איינס צו דער אלמנה נומער צוויי און וועל איהר זאגען: „הער נאר אויס, ראזע, ס׳איז אזוי און אזוי...” און איך חאפ דאס היטעל און קום צו געהן צו מיינע צוויי אלמנות, לויפט מיר אקעגען פייגעלע, ווארפט זיך מיר אויף די הענט, חאפט מיך ארום ביי׳ם האלז, קושט מיך אין די ברילען און בעט זיך ביי מיר, אז „היינטיגען טאג, נאר היינטיגען טאג, זאל איך זאגען דער מאמעניו און דער באבעניו, מיך וועט מען פאלגען, זי זאל זיין פריי, ניט לערנען, ניט שפיעלען, ניט טאנצען, נאר געהן מיט׳ן דיאדיא אין זאאלאגישען גארטען, מע האט געבראכט, זאגט מען, צו פיהרען אזעלכע מאלפעס, אזעלכע מאלפעס, וואס מע קאן פלאצען פאר געלעכטער!”... נו, אדרבה, זייט א בריה און נעמט ניט דאס קינד, און געהט ניט מיט דעם אין זאאלאגישען גארטען אנקוקען די נייע מאלפעס, וואס מע קאן פלאצען פאר געלעכטער?...

— וואס וועט זיין פונ׳ם קינד? — וואָרטשעט די אלמנה נומער איינס.

— ער מאכט א תל פונ׳ם קינד! — האלט זי אונטער די אלמנה נומער צוויי. און דער דיאדיא הערט זיי, די ביידע אלמנות, ווי דעם פאראיאהריגען שניי, נעמט דאס קינד און געהט מיט דעם אין גארטען זיך באקענען מיט די נייע מאלפעס, וואס מע קאן פלאצען פאר געלעכטער — און אט אזוי, ווי איך דערצעהל אייך, אלע מאל א נייער תירוץ. עס געהט־אוועק א טאג און א טאג, א וואך און א וואך, א יאהר און א יאהר, דאס קינד וואכסט, הויבט־אן פארשטעהן אזעלכע זאכען, וואס מע קאן פון זיי ניט רעדען, און עס בלייבט ביי אונז אלע דריי דער הספם, אליין אהן ווערטער, אז לאז דאס קינד אונטערוואכסען שוין. אז פייגעלע זאל אויסוואכסען, ווערען א מענטש און אויסקליבען זיך איהר באשערטען, דעמאלט ווערען אונז אויפגעבונדען די הענט, דעמאלט רעפארמירען

מיר אונזער לעבען, פיהרען־אויף א גייע שטוב. און מע בויט פלאנען, יעדער ביי זיך אין הארצען, ווי אזוי מע וועט לעבען אלע צוזאמען: דאס יונגע פאר — פייגעלע מיט איהר באשערטען, דאס אלטע פאר — ר מיט ראזען, און די אלמנה די באבע (פאיע) וועט געוועלטיגען איבער אונז אלעמען — דאס וועט זיין א לעבען! די גאנצע זאך איז נאר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אז פייגעלע זאל אויסוואקסען, ווערען א מענטש און אויסקלויבען זיך איהר באשערטען? נאר אז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. אזוי, דאכט זיך, זאגט דאס שפריכווארט? איך האב פיינט שאבלאנע שפריכווערטער. איהר האט זיי ליעב? זעהר שען. איך פארגין אייך. אלזא, אז מע לעבט, דערלעבט מען זיך! פייגעלע איז אויסגעוואכסען, געווארען א מענטש און האט אויסגעקלויבען זיך איהר באשערטען — און אט דא ליגט דער הונט באגראבען! אט דא ערשט הויבט זיך אן די רעכטע פסיכאלאגיע, ווי איהר רופט דאס אן! איהר ווייסט? דאס, וואס איהר קוקט אויפ'ן זייגער, איז איבעריג. איך וועל אייך סאי ווי סאי היינט מעהר ניט דערצעהלען. איך דארף געהן; מיינע אלמנות וועלען נישט וויסען וואס איבערצוטראכטען. איך קאן באשטעהן, אז אויב איהר האט חשק אויסצוהערען די געשיכטע פון מיין „אלמנה נומער דריי", זאלט איהר זיך מטריח זיין צו מיר אהיים. אניט — ווי איהר ווילט אייך! פאר די פאלעס וועל איך אייך ניט שלעפען. איהר וועט אליין קומען... אדיע!

עד כאן אלמנה נומער צוויי.

ג.

אלמנה נומער דריי

— גוט, וואס איהר זענט געקומען צו מיר אין אזא שעה, וואס איך בין גראד אין דער היים. דאס הייסט, אין דער היים בין איך שטענדיג, נאר פאר מיר, ניט פאר יענעם. יעדער מענטש האט זיך זיינע געוואוינהייטען. למשל, איך בין געוואוינט, אז איך עס, זאל מיר זיצען אקעגען די קאץ. אהן דער קאץ וועל איך ניט עסען. קיץ־קיץ־קיץ! וואס זאגט איהר אויף דער קאץ? קלוג — א חכמה! זי וועט אייך אליין ניט נעמען — עס מעג ליגען געלד! איהר זענט א מבין אויף איהר פעל? וואס? איהר האט פיינט א קאץ? איין איינבילדונג פונ׳ם חדר! מע ווייסט די מעשיות! איהר דארפט זיך ניט פארענטפערען! ווי אזוי טרינקט איהר טיי? מיט מילך? צי אזוי? איך טרינק מיט מילך... א קאטא! טפרוס! אין דער ערד אריין!... קיין זאך האט זי אזוי ניט ליעב, ווי מילך. פוטער וועט שטעהן, וועט זי ניט טשעפען, און דערזעהט זי מילך, מוז זי טהון א לעק.

איהר ווייסט דאך, אז איך האלט ניט פון הקדמות, נאר דא מוז איך אייך זאגען א הקדמה: איך האב פיינט, אז מע שמייכעלט. לאכען קאנט איהר וויפיעל איהר ווילט, נאר ניט שמייכלען. גע־דענקט איהר זשע אלסדינג, וואס איך האב אייך דערצעהלט? טאמער האט איהר פארגעסען — זאגט, שעמט זיך ניט; גרעסערע פון אונז, מאכט זיך, פארגעסען אויך אמאל. איך וועל אייך מוזען, האב איך מורא, איבער׳חזר׳ען אין קורצען נאך א מאל און געבען אייך איין אויסצוג, א קיצור המעשה:

איך האב געהאט א חבר פיני, האט ער געהאט א פרוי פאיע, האבען זיי געהאט א קינד ראזע. איז מיין חבר פיני געשטארבען, און פאיע איז געבליבען איין אלמנה. און איך בין ביי איהר געוועזן א בן־בית. און זי איז מיר געווען צום הארצען, און איך איהר אויך. נאר רעדען האבען מיר דערפון ניט גערעדט. געהאלטען אין זיך. און אזוי זענען אוועק די בעסטע יאהרען. דערווייל איז איהר טעכטערעל, ראזע, אויסגעוואכסען, און איך בין געווען נאך איהר די כפרה. האט זיך אונטערגעחאפט א בחור'על שאפירא, א גוטער בוכהאלטער און א שענער שאכשפיעלער, און די ראזע האט זיך אין איהם פארברענט. האב איך זיך צעקריעגט מיט דער מוטער און בין אוועק מיט דעם געדאנק, אז ווייל איך וועל לעבען זאל מיין פוס דארט ניט זיין! און איך האב דאסווארט נישט אויסגעהאלטען און בין באלד אויפ'ן צווייטען טאג געקומען און בין געווארען דער זעלבער היימישער, וואס פריהער, און האב מיך פאר־שטעלט פאר א מחותן און האב געפראוועט א חתונה צווישען דער ראזע מיט דעם שאפירא, וואס איז געווען דער גאנצער בעל־הבית איבער זיינע פרינציפאלענ'ס געשעפטען, גע'חתמ'עט פאר זיי וועכס־לען, און זיי האבען זיך פארדרעהט און זענען אוועק קיין אמעריקע און איהם האבען זיי געלאזט מיט די חובות. האט ער זיך גענומען דאס לעבען — און ראזע איז געבליבען איין אלמנה. האט איהר, אלזא, צוויי אלמנות. און פונקט אזוי ווי איהר מוטער פאיע, די אלמנה נומער איינס, זיין געבליבען נאך מיין חבר פיני'ס טוידט מיט א קליין קינד ראזעטשקע, אזוי איז איהר טאכטער ראזע, די אלמנה נומער צוויי, געבליבען נאך שאפירא'ס טוידט מיט א קליין קינד פייגעלע, וועלכע איז געבארען געווארען אין דריי חדשים ארום נאך שאפירא'ס טוידט, — און מיר אלע דריי האבען די פייגעלע ליעב געהאט דאס חיות מיט'ן לעבען, און מיר אלע דריי, איך און פאיע און ראזע, האבען זיך אינגאנצען איבערגעגעבען צום ראזיגען קינד, ניט צייט געהאט צו קלערען וועגען זיך און וועגען מיין ראמאן מיט דער אלמנה נומער צוויי, מיט ראזען, וועלכער

האט זיך דערוויל פארצויגען ביז פייגעלע וועט אונטערוואקסען און ווערען א מענטש. און אז פייגעלע איז אונטערגעוואקסען און געווארען א מענטש... איך וועל אייך בעטען, אז איך דערצעהל אייך עפּיס, זאלט איהר ניט קוקען אין קיין בוך אריין, ס'איז א מיאוס'ע טבע, און בעסער האָרכען וואס מע דערצעהלט אייך, ווארום דא פאנגט זיך אן א נייע געשיכטע.

וואס איהר ווילט, קאנט איהר אויף מיר זאגען, נאר קיין פאנאטיקער, קיין עקשן בין איך קיינמאל ניט געווען. איך בין תמיד געגאנגען גלייך מיט דער צייט. איך בין קיינמאל ניט אפגעשטאנען, צוריקגעצויגען, ווי אנדערע, וואס באקלאגען זיך אויפ'ן נייעם דור מיט זייערע נייע אידעען.

אנקוקען קאן איך ניט אט די אלטע חכמים מיט זייער אייביגער פרעטענזיע: סטייטש, למאי זאל דאס איי וועלען לעהרנען א הוהן? ווער איז עלטער — דאס איי, צי די הוהן?... בהמות וואס איהר זענט! אדרבה, ווייל דאס איי איז יונגער, איז דאס בילכער! איז דאס פעהיגער! איז דאס קליגער! אודאי דארפען מיר, דער עלטערער דור, זיך גוט צוהערען, וואס זיי, די יונגערע גענעראציאן, האבען אונז צו זאגען, ווארום זיי זענען יונג, זיי זענען פריש, זיי לערנען, זיי פארשען, זיי זוכען, זיי געפינען, זיי טהוען-אויף. וואס דען? אזוי ווי איהר, פארשימעלטע חכמים, וואס איהר האט זיך אנידערגעזעצט אויף די אלטע ספרים און ביכער און ווילט זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט?... אין כעס בין איך נאר אויף זיי, אויף די יונגע, אויף די נייע, וואס זיי לייקענען אונז אפ שוין גאר איינגאנצען, זענען אונז מבטל, מאכען אונז צו קלייניגעלט, זאגען אויף אונז, אז מיר זענען ניט נאר בהמות אדער פערד — מיר זענען קיין פערד אויך ניט, מיר זענען גארניט! מיר עקזיסטירען ניט! מיר זענען נישטא! נישטא, און א סוף!... שטעלט אייך פאר, עס קומען־אריין צו אונז, צו מיינע צוויי אלמנות מיין איך, און ניט צו מיינע אלמנות, נאר צו אונזער פייגעלע, צום אייניקעל, דריי

יונגע צוציקעס; צי סטודענטלעך, צי נים קיין סטודענטלעך — דער שווארץ־יאָהר ווייסט דעם טאַטען זייערען! שווארצע העמדלעך טראָגען זיי, שערען שערען זיי זיך נים, ווער זיי זענען — זאָגען זיי נים, שארפע צינגלעך האָבען זיי, און קארל מארקס איז זייער גאָט — נים משה רבינו, נאָר גאָט, גאָט אליין! מילא, גאָט — לאָז זיין גאָט, דאָס לעבען וועל איך מיר דערפאַר נישט נעמען! ובפרט, אז איך אליין בין אויך נים ווייט פון'ם סאָציאליסטישען אידעאל, איך אליין ווייס אויך, וואָס קאפיטאל באדייט, וואָס איז פראָלעטאריאט, עקאָנאָמישער קאמף, וכדומה אזעלכע זאכען, און אויב איהר ווילט וויסען, בין איך אליין אויך... פרעהט זיך נים, גישט קיין בונדיסט, חלילה, נאָר קיין הינקעדיגער שניידער אודאי נישט!

אלזאָ, קומען זיי אריין צו אונז אלע טאָג, אָט די דריי פאר־שווינדלעך, וואָס איך זאָג אייך; איינער הייסט פינקעל, דער אנדערער — באָמשטיין, דער דריטער גרוזעוויטש. און געהן געהט מען צו אונז, ווי צו זיך אהיים, וואָרום מיינע צוויי אלמנות, די באָבע און די מאמע, האָבען א טבע, אז עס קומט־אריין צו זיי א מענטש, ווייסען זיי נים, וואו איהם אוועקצוזעצען, וואָלטען איהם אוועקגעגעבען די נשמה, ובפרט נאָך אזעלכע דריי אנטיקען, וואָס איינער פון זיי איז געווים א קאנדידאט פאר פייגעלען. דאָס הייסט, קאנדידאטען זענען זיי אלע דריי, נאָר קיין דריי חתנים קאָן זי דאָך נים האָבען, עס מוז דאָך זיין איינער — היינט געה טרעף, ווער דער איינער איז, אז רעדען רעדט מען נישט דערפון, חיות נים זיכער! און פרעגען פרעגט מען אויך נים — ביי וועמען וועט מען פרעגען? ביי דער מוטער? וואָס איז ביי זיי די מוטער? א יונגע פרוי־מיט א שען פנים, און א סוף! ביי דער באָבע? וואָס איז פאר־זיי די באָבע? די באָבע איז פאר זיי נישט מעהר, ווי א ווירטהין, וואָס דארף זעהן, עס זאָל זיין עסען און טרינקען, אז זיי קומען צו געהן, און נישט נאָר עסען און טרינקען, נאָר פרעסען און זויפען... נו, און פון מיר שמועסט מען נישט, וואָרום וואָס בין איך ביי זיי?

נאָך אַ שטוהל בײ'ם טיש, און װײטער גאָרניט. זײ זאָלען דאָס אױסרעדען צו מיר אַ װאָרט! סײדען דאָס זאַלץ־מעסטעל בײ'ם טיש, די צוקער־פּושקע, אַ שװעבעלע אַמאָל, אי דאָס — אָהן אַ ביטע, אָהן אַ „פּאָזשאַלױסטאַ", נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט איבער'ן זשילעט, װי מע רעדט מיט אַ שטומען, אָדער אַ טראָג־אונטער צו זײך די ליפּען בשעת איהר פּאַררױכערט אַ ציגאַר — און װײטער נישט אַ װאָרט! אַמאָל מאַכט זיך, זײ קומען און טרעפען מיך אַלײן, זעצט מען זיך אַװעק אַלע דרײ און מע שמועסט, אָדער מע צעלעגט זיך מיט די פיס אױף די סאָפעס און מע שפּײט. זײ זאָלען דאָס אױסרעדען צו מיר אַ װאָרט, חאָטש אַזױ, פון אײדעלקײט װעגען. גאָרניט! גלײך װי איך בין ניטאָ! נו, און דאָס דאַרפט איהר װיסען, אַז איך צו זײ װעל אַודאי נישט אָנהױבען צו רעדען פריהער, איך װעל מיך ניט אונטערלעגען, װי אַנדערע, מיט צװאַנציג טױזענט חניפה'לעך און זיסע רעדעלעך און צוקערדיגע שמײכעלעך. עס איז נאָך נישט געבױרען געװאָרען יענער מענטש אױף דער װעלט, פאַר װעלכען איך זאָל אָנבױגען מײן קאָפּ, נישט מחמת איך בין אַ גדלן... און לאָמיר זאָגען — יאָ אַ גדלן, רופט דאָס אָן, װי אַזױ איהר װילט, אײער מײנונג קאָנט איהר האַלטען בײ זיך! נאָר איך האָב פײנט, אַז מע רעדט פון זיך. איך דערצעהל אײך פון די דרײ קלאָפּערס, װאָס פאַר מינים חיות דאָס זענען. אַז איך האָב מיך אײנמאָל אַרױסגעחאַפּט און אַ פרעג געטהאָן בײ זײ, װער פון זײ אַלע דרײ שפּיעלט אין שאָך, — האָט איהר באַדאַרפט אָנקוקען פּנים'ער! האָט איהר באַדאַרפט הערען אַ געלעכטער! דאַכט זיך מיר, װאָס קאָן דאָ זײן פאַר אַײן אומגליק, אַז מען איז טאַקי אַ סאָציאַליסט, און מע שפּיעלט פון דעסטװעגען אַ שאָך אױך? קאַרל מאַרקס, נישקשה, װעט קײן פאַראיבעל ניט האָבען! שמועסט אָבער מיט זײ — נײן! זײ אַלײן אַהרט מיך ניט. זײ האָב איך אין דער ערד! ברענען ברענט מיך אױף איהר, אױף אונזער פײגעלען, למאי לאַכט זי מיט זײ? פאַר װאָס זאָל בײ איהר זײן אַלסדינג, װאָס זײ זאָגען, קודש־קדשים, הײליג, גלײך װי גאָט אַלײן

האָט דאָס געזאָגט אויפ'ן באַרג סיני? וואָס איז דאָס געוואָרען פאַר אַ מין עבודה זרה ביי די היינטיגע יונגעלייט, אַ מין פאַנאַטיזם, אַ מין גייע חסידות — קאַרל מאַרקס איז דער רבי און מיר זענען זיינע חסידים? און אויסער קאַרל מאַרקס איז איין עק, אַ סוף, אוים וועלט? וואו איז קאַנט, וואו איז שפּינאָזא, וואו איז שאָפּענהויער, וואו זענען שעקספּיר, היינע, געטהע, שילער, ספּענסער און נאָך הונדערטער גרויסע מענטשען, וואָס האָבען אויך אַמאָל, כלעבען, געזאָגט אַ קלוג וואָרט? נישט אַזוי קלוג, ווי קאַרל מאַרקס, אָבער קיין גאָר גרויסע נאַרישקייטען האָבען זיי דאָך אויך ניט געזאָגט! איך בין, דאַרף איך אייך זאָגען, פון די, וואָס לאָזען זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע און האָבען פיינט, אַז יענער פאַררייסט די נאָז, און דערפאַר האָב איך ליעב צו טהון אַמאָל יענעם אויף צו־להכעיס. דו זאָגסט אַזוי, זאָג איך אַזוי. דו זאָגסט גאָר אַזוי, זאָג איך דוקא אַזוי — און טהו מיר עפּיס! איך האָב דערהערט איינמאָל פון זיי אַ שמועס, אַז גראַף טאָלסטאָי איז גאָרנישט. איך בין ניט פון גראַף טאָלסטאָי'ס חסידים, איך זאָל איהם פאַרגעטערען מיט זיין פילאָזאָפיע און מיט זיין נייער תורה פון יעזוס כריסטוס, וואָס ער מאַכט פון איהם דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען; נאָר אַלס קינסטלער שטעהט ביי מיר טאָלסטאָי ניט נידעריגער פון שעקספּיר. אַי, טאָמער זענט איהר מיט מיר ניט מסכים, עס איך מיר ניט אָפּ דאָס האַרץ. איהר ווייסט דאָך שוין מיין טבע... ברענג איך דאָך צו טראָגען אויף צו־להכעיס טאָלסטאָי'ס אַ בוך און געב דאָס פייגעלען, זי זאָל האָבען וואָס צו לייענען. האָט איהר באַדאַרפט זעהען, מיט וואָס פאַר אַ גרימאַסע מיין פייגעלע האָט געגעבען אַ שטוים־אַוועק דעם גראַף טאָלסטאָי! וואָס איז? ניט פיינקעל, ניט באַמשטיין, ניט גרוזעוויטש האַלטען פון טאָלסטאָי.

בין איך שוין מסתמא אַרוים פון די כלים (אַז מע דאַרף, קאָן איך זיין אַ שייגעץ אויך!) און האָב זיי געמאַכט אַלע דריי מיט דער בלאָטע גלייך! איך האָב זיי געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס איז אַ טעאָריע, און אַ טעאָריע בייט זיך: היינט אַזאַ טעאָריע, מאָרגען

צזאַ טעאַריע; און גראַף טאָלסטאָי איז אַ גרויסער קינסטלער — און קונסט בלייבט אייביג.

נו־נו! האָט איהר באַדאַרפט זעהען, ווי מענטשען האָבען זיך עס אַ ביסעל צעפלאַקערט! דעם סאַדעגורער צדיק ווען איהר זאָלט זאַטשעפּען, וואָלטען זיינע חסידים ניט באַדאַרפט אַזוי בייערען אויף אייך!...

וואָס טויג אייך, ווען עס מישען זיך ניט אריין מיינע צוויי אַלמנות, וואָלט געקאָנט ארויס צווישען אונז אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל! איך האָב אָבער ארויסגעזעהן נאָכדעם, אַז איך בין געווען אַ נאַר, וואָרום סוף־כל־סוף האָב זאָך דאָך געמוזט זיי איבערבעטען. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל פייגעלע האָט אַזוי געוואָלט! און אַז פייגעלע וויל אַזוי, דאַרף זיין אַזוי, און לאָז זי מיר זאָגען היינטיגען טאָג, למשל, אַז זי וויל, איך זאָל די שטוב איבערטראָגען אויף איין אַנדער אָרט, איז עפּיס אַ תירוץ?

נישט נאָר באַצויבערט האָט מיך אָט דאָס מיידעל, נאָר גאַנץ איינפאַך פאַרקנעכטעט, מיין אייגענעם ווילען האָט זי געטוידט און האָט געמאַכט מיך פאַר אַ שקלאַף, פאַר איין אויטאָמאַט... נישט נאָר מיך — אונז אַלעמען האָט זי פאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט דעם שענעם שידוך, וואָס זי האָט געטהאָן — גרוזעוויטש איז געווען איהר באַשערטער, אַ כעמיקער פון דריטען קורס, אַ בחור'על — קיין מעשה ניט, דאָס הייסט, ניט קיין אי־אי־אי — גאַרנישט! פאַרהאַן אַ סך ערגערע! ער איז געווען, ערשטענס, „אַ טאַטענ'ס אַ קינד”. דאָס איז אַ גרויסע זאַך. איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, דאָס שפּיעלט אַ ראָלע. חאַפּט אייך נישט, איך זאָג נישט קיין יחוס. איך זאָג נאָר, אַז דער שורש האָט אויך אַ שטיקעל ווערטה; זייט איהר פון אַ גראָבען שורש, מעגט איהר זיין געבילדעט, ווי גאָט אַליין, בלייבט איהר אַלץ אַ גראָבער יונג. פון די איבעריגע מעלות זיינע רעד איך נישט. די חברה, מוז מען זאָגען דעם אמת, כל זמן זיי האַלטען זיך אין דער מראה, זענען זיי עהרליך און פיין און נאָבעל; קוים אָבער חאַפּען זיי זיך ארויס אויף דער

וועלט פאַר זיך און ווערן „געוועזענע“ — זאָל איך גאָט היטען. טויזענט מאָל ערגער פון אַ געוועהנליכען בשר־ודם. ווארום אַ געוועהנליכער בשר־ודם, אַז ער וועט אייך אָפּדרעהען דעם קאָפּ, וועט ער זיך באַהאַלטען, און אַ „געוועזענער“, אַז ער וועט אייך באַשווינדלען, וועט ער אייך אויפווייזען על־פּי חקירה, אַז אַ שווינדלער זענט איהר, ניט ער... נאָר למאי זאָלען מיר פאַרלירען צייט אויף פוסטע פילאָזאָפיע? אונזער פייגעלע איז געוואָרען מאַדאַם גרוזעוויטש צו זיעבעצעהן יאָהר, און איך וועל אייך ניט דולען מיט קיין לאַנגע ספּורים, וואָס פאַר אַ חתונה דאָס איז געווען, ווער האָט די חתונה געפּראַוועט, וועמען האָט דאָס געקאָסט געלט, און וואָס פאַר אַ גדולה עס איז געווען ביי די אַלמנות אין שטוב. די מוטער ראָזע האָט דערלעבט פיהרען צו דער חופּה איהר טרייסט, די באָבע פּעיע האָט דערלעבט אַ נחת — חתונה געמאַכט איין אייניקעל. און איך, טפּש? וואָס איז מיט מיר געווען די שמחה אַזוי גרויס? די מיזינקע אויסגעגעבען?... מאַהלט אייך, די שמחה האָט לאַנג געדויערט — פון אסתר־תענית ביז פּורים! מע האָט אונזער גרוזעוויטשען אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דער חופּה געזעצט אין חדר אַריין נאָר פאַר אַ קלייניגקייט: מע האָט געפונען אַ גאַנצען אוצר פון באָמבעס און פון דינאַמיט, און אַזוי ווי דער בחור איז געווען אַ כעמיקער, און אַ באַריהמטער כעמיק די דערצו, איז געפאַלען אויף איהם דער חשד, און אַגב האָט מען געפונען אַ פּאָר בריוולעך פון איהם, און וואָס טויג אייך גרויס, מע האָט איהם צוגענומען און אַוועקגעפיהרט...

און דאָ דאַרף זיך אָנגעהויבען פאַר מיר אַ שטיקעל אַרבייט, אַ לויפעניש, אַ דרעהעניש, אַ שמירעניש, אַ דוליעניש — נעכטיגע טעג! האַפּט מען זיך אַריין, און נאָך פאַר אַזאַ מיאוס'ער מי־שה — איז זייט געזונט און שרייבט בריוולעך! הייבט צוזעהן דעם צער פון דעם יונגען צווייגעלע, משטיינס געזאָגט, פון זיעבעצעהן יאָהר! און די יסורים פון דער מוטער ראָזע! און פון דער באָבע פּעיע! אַ גאָט'ס שטראָף, איין אויסגאָס האָט זיך געגאָסען אויף דער שטוב!

היינט דאַרפֿט איהר וויסען, אַז די געשעפֿטען זענען אויך נישט פֿויגעלדיג, אין קעשענע האָט אָנגעהויבען טאָגען, איך האָב אָנ־געהויבען פּלוטעווען, מאַכען שווינדעל, פֿאַרזעצט מיינע הייזער, אונטערגעשמאָלצען די קאַסע; אויסגעגאַנגען דאָס געלט אויך, האָב איך פֿאַרקויפֿט אַ פּאָר קלייטלעך פֿון מיינע מאַיאָנטקעס... איך דערצעהל אייך ניט קיין חריפות פֿון זיך און שטעל מיך פֿאַר אייך ניט אוים! איך וויל אייך נאָר איבערגעבען אַ כאַראַקטע־ריסטיק פֿון מיינע אַלמנות, זיי זאָלען זיך דאָס אינטערעסירען אויף אָט אַזוי פֿיעל, פֿון וואַנען מע לעבט, פֿון וואָס מע לעבט און מיט וואָס וועט מען לעבען ווייטער? גאָרנישט, ס'איז ניט זייער עסק! איך דאַרף זאָרגען פֿאַר אַלץ. איך דאַרף טראָגען אַלץ אויפֿ'ן קאָפּ. איך דאַרף קריכען אין דער ערד אַריין! ווער הייסט מיר? איך וויים, ווער עס הייסט מיר? עס הייסט זיך אַליין! איך וואָלט וועלען זעהען אייך אויף מיין אָרט אין אַזאַ מין לאַגע צווישען מענטשען, וואָס איהר ווייסט ניט, ווער פֿון זיי איז מעהר ברילִיאַנט! איהר קאָנט אויף זיי קיינמאָל ניט האָבען קיין פֿאַראיבעל, קיינמאָל ניט טראָגען קיין שנאה, קיין פֿאַרדראָס; און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל יאָ עפּיס, עס פֿאַרקלויבט זיך אַ רוח אין הארצען און איהר געהט אַוועק אַהיים איין אָנגעשטויסענער, — איז געגוג, איהר זאָלט קומען צו געהן און באַגעגענען זיך מיט זייער בליק, הערען פֿון זיי דאָס ערשטע וואָרט, — געהט אַלץ אַוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך, און איהר פֿאַרגעסט אין איין אויגענבליק, צי איהר האָט ווען עפּיס געהאַט קעגען זיי, און איהר זענט גרייט פֿאַר זיי צו קריכען אין דער ערד אַריין. אָט אַזעלכע מינים באַשעפֿענישען זענען דאָס. נו, געהט טהוט עפּיס! און ווער שמועסט, אָט די פֿייגעלע? דאָס איז גאָר איין אָנשיקעניש פֿון זיין ליעבען נאָמען! עס איז גענוג, זי זאָל געבען איין קוק אויף אייך מיט איהרע שענע, טיעפֿע קורצזיכטיגע אויגען — זאָלט איהר שוין איינגעמען אַ מיתה משונה! האָט קיין פֿאַראיבעל ניט, איך זאָג עס ניט אייך, איך זאָג עס מיר אַליין, וואָרום זי האָט מיך גאָר משוגע געמאַכט

מיט איהר חתונה האָבען פאַר אַט דעם גרוזעוויטשען, מישא האָט ער געהייסען, — און ס'איז געוואָרען פול די שטוב מיט מישא! קיינער דאַרף ניט עסען, קיינער דאַרף ניט שלאָפען, קיינער דאַרף ניט לעבען. וואָס איז? מישא! מע האָט צוגענומען מישאַן! מע האָט איינגעזעצט מישאַן! מע וועט משפט'ען מישאַן! מע דאַרף ראַטעווען מישאַן! קאַלטע פריפּאַרקעס — מע לאָזט ניט צו! נישט מיך, נישט זי, נישט קיינעם! איך האָב געזעהען, אַז דאָ שמעקט מיט „המצא מנוחה", אַז די גרינגסטע שטראָף, אויב ער וועט זיין אַ מוצלח, קאָן איהם אַריינפליהען אין די אייביגע קאַטאָרגע, אַז ניט, איז הענגען!... איך זעה, אייך איז ניט גוט דאָ צו זיצען, זעצט זיך אַוועק אַט דאָ, צום פענסטער; און אפשר האָב איך מיך אייך אַ ביסעל צוגעגעסען, איז אָהן איין אומגליק. איך טראַג איבער מעהר פון אייך. אייך איז גאָרניט; איהר וועט זיך אויסהערען די מעשה (איך ענדיג זי אייך שוין) און וועט זיך געהן אהיים, און ביי מיר איז דאָס אַ באַמבע אויף אייביג!

וואו זשע האַלטען מיר? ביי הענגען... וואהרשיינליך, האָט איהר ניט איין מאָל געלעזען אויף די בלעטער, אַז היינט האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט צוויי מענטשען, נעכטען האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט דריי מענטשען (הענגען מענטשען און קוילען היהנער איז היינט געוואָרען אַלץ איין נייעס). און איהר בשעת-מעשה וואָס טהוט? אָדער איהר זיצט און וויעגט זיך און רויכערט זיך אַ געשמאַקען האַוואַנער ציגאַר, אָדער איהר טרינקט גאָר בעת-מעשה אַ גוטע גלאָז קאַווע מיט פרישע זעמעלעך מיט פוטער. אי, דאָרטען הענגט אַ מענטש, עס וואָרפט זיך און עס צאַפּעלט זיך אין די לעצטע סעקונדען פון זיין אַגאָניע אייערער אַ באַקאַנטער, איין אייגענער, אַ היימישער, וואָס איהר האָט איהם ניט לאַנג געזעהען פול מיט לעבען, אַזוי ווי איהר אַצינד? אי, דאָרטען ליגט נאָך אַ וואַרעמער גוף, וואָס תלינים האָבען מיט גוואַלד אַרויסגעריסען פון איהם די נשמה? אי, דאָרטען מוטשעט זיך אַ מענטש, ער וואָלט וועלען וואָס גיכער שטאַרבען, נאָר עס

שטארבט זיך ניט, ווארום דער תלין האט ניט גוט אויפגעצויגען דעם שטריק, אדער ער האט זיך גאר אפגעריסען און אראפגעפאלען, צווישען טוידט און לעבען, און ער בעט זיך נעבאך ביי די היג־ ריכטער מיט א קוק פון זיינע האלב־אפגעשטארבענע אויגען, מע זאל איהם טהון זיין רעכט וואס גיכער?... וואס? איהר קאנט ניט ליידען, אז מע רעדט דערפון? איהר זענט א מפונק? איך בין אזא מפונק, ווי איהר. און שטעלט אייך פאר, אז איך בין אליין געקראכען אומעטום, געוואוסט די מינוט, די רגע, וואס מע וועט איהם היגריכטען, און געלייענט נאכדעם אין די צייטונגען די באשרייבונג, ווי אזוי איינער פון די דריי (געהאנגען האט מען זיי אלע דריי) האט זיך לאנג געראנגעלט מיט'ן טוידט, מחמת ער איז געוועז א שווערער (דאס איז געוועז באמשטיין), האט מען איהם צוויי מאל געמוזט הענגען... אזוי האט מען געשריבען נאכדעם אין די צייטונגען, און מיר האבען עס געלייענט, דאס הייסט, ניט מיר אלע, געלייענט האבען דאס נאר איך און ראזע: פון דער באבע מיט'ן אייניקעל האבען מיר די בלעטער באהאלטען — און אזוי האט זיך די שטוב באריכט מיט נאך א יונגער אלמנה, אלמנה גומער דריי!... און א טרויער האט זיך געלעגט אויף דער שטוב, א שטילער, א טוידטער טרויער, אזא טרויער, וואס עס עקזיסטירט ניט פאר איהם ניט קיין פארב, ניט קיין ווערטער; אזא טרויער, וואס באשרייבען איהם קאן מען ניט, ווארום באשרייבען איהם הייסט פראפאנירען; אזא טרויער, וואס ווען א שרייבער פון זייערע שרייבערס ריהרט זיך צו צו דעם, וואלט איך איהם איבער־ געבראכען די פינגער!... אזא טרויער, וואס מע דארף ניט, מע קאן ניט און מע טאר ניט פון איהם רעדען... אלץ לעבט נאר זיין דער פארגאנגענהייט, אין די עראינערונגען. דריי אלמנות — דריי לעבענס. נישט קיין גאנצע לעבענס, נאר האלבע לעבענס, און נישט קיין האלבע אויך, נאר שטיקלעך לעבענס, אנפאנגען פון לעבען. איטליכס פון די דריי לעבענס האט זיך אנגעהויבען אזוי גוט, אזוי פאעטיש, א שיין געטהאן אויף א מינוט — און פאר־

שוואונדען !... פון מיר רעד איך נישט. איך בין נישטא. דאס הייסט, געהן געה איך אהין אלע טאג, זיץ־אוים מיט זיי גאנצע נעכט, רעדען פון אמאליגע גליקליכע טעג, דערמאנען זאכען מיט מעשיות מיט געשיכטען פון מיין טייערען פריינט פיני, פון דעם גוטען עהרליכען שאפירא, פונ'ם העלד מישא גרוזעוויטש, וואס די צייטונגען האבען נאכדעם אויף איהם געשריבען, אז אין זיין פאך, בעמיע, איז ער געווען א זשעני... און אוועקגעהן געה איך אוועק פון דארט אלע מאל מיט א צעוועהטיגט הארץ, מיט א פארדראס, און איך פרעג מיך אליין: פאר וואס האב איך פארשפיעלט מיין לעבען אזוי נאריש? וואו הויבט זיך אן מיין ערשטער פעהלער און ווען וועט זיין דער לעצטער? אז ליעב האב איך זיי אלע דריי, און טייער זענען זיי מיר אלע דריי, און יעדע פון די דריי האט געקאנט זיין מיינע, און אפשר נאך איצט אויך... און איטליכער פון די דריי בין איך אי ליעב, אי איבעריג, אי נויטיג, אי אנגעווארפען. און לאם איך איין טאג ניט קומען, טהוט זיך חושך, און לאם איך זיצען איין איבעריגע האלבע שעה, זענען זיי מיך משלח, פשוט הייסען מיר נעמען דעם וועג. טהוען נישט פון דאנען אהין, זיי זאלען מיך ניט פרעגען. לאם איך זיי עפים פירהאלטען, זאגען זיי, אז איך האב ליעב אומעטום זיך ארייננמישען, — ווער איך אין כעס און לויף־אוועק און פארשלים מיך מיט דער קאץ און זאג אן דער דיענסט, אז טאמער ווערט מען צו מיר קלינגען, זאל זי זאגען, אז איך בין ניטא, אז איך בין אוועקגעפאהרען, און נעם מיך צו מיין טאגעבוך. איך פיהר א טאגעבוך שוין זעכס־און־דרייסיג יאהר, איין אינטערעסאנטעס בוך; איהר קאנט שוין זיכער זיין! פאר מיר אליין פיהר איך דאס בוך, נישט פאר קיינעם. אזוי לאנג קרענקט די ליטעראטור אייערע, ווי לאנג זי איז ווערטה צו האבען אזא בוך, ווי מיין טאגעבוך! אייך, קאן זיין, וועל איך דאס אמאל ווייזען, קיין אנדערען — פאר קיין געלט נישט... און וואס טויג אייך, עס געהט נימ אוועק קיין האלבע שעה, קלאפט מען מיר אן אין טיר. „ווער איז עס?" — „דאס מיידעל פון די אלמנות איז

גנעקומען אייך רופען צום מיטאָג. וואָס זאָל מען איהר זאָגען?" — „זאָגט, אז איך קום באלד צו גנעהן".

נו? וואָס וועט איהר עפּיס איצטער זאָגען, מיין ליעבער פריץ? וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייער פּסיכאָלאָגיע?... איהר חאפּט זיך גנעהן? קומט, איך גנעה אויך מיט אייך. איך דארף זיין ביי מיינע דריי אלמנות. איין מאָמענט נאָר, איך וועל אָנ־זאָגען, מע זאָל דאָ גנעבען דער קאַץ עסען, וואָרום איך קאָן מיך דאָרט פארזיצען ביז טאָג אויך אמאָל. מיר שפּיעלען אין „יעראַלאַש", אמאָל אין פּרעפּעראַנס. אין געלט שפּיעלען מיר. און איהר זאָלט זעהען, ווי יעדער וויל געווינען! און אז מע מאַכט א שלעכטען גאַנג, לעגט מען נישט קיין כּבוד, ניט זיי אויף מיר, נישט איך אויף זיי. ביי מיר, אז עמיצער מאַכט א שלעכטען גאַנג אין קאַרטען, בין איך קאַפּאַבעל יענעם דורם זיין, צערייסען! וואָס באדייט, למשל, אייער שמייכעל? איך ווייס, גלויבט מיר, וואָס איהר טראַכט אצינד. איך קען אייך דורך און דורך, און לאַך פון אייער באָבע! איהר טראַכט אצינד אויף מיר: „איין אלטער בחור, א בעל־בעסן"...

עד כּאן אלע דריי אלמנות.

פון דער ריוויערא

געשריבען אין יאהר 1909

פון דער ריוויערא

— וואָס איז אַזעלכעס „ריוויערא” — זאָלט איהר מיך ניט פרעגען. אַזוי ווי איך האָב פון דעם קיינמאָל ניט געוואוסט, אַזוי זאָלט א י ה ר דערפון ניט וויסען. און הלואי וואָלט איך אויך דערפון ניט געוואוסט. קורץ, איהר ווילט וויסען, וואָס הייסט „ריוויערא”? וועל איך אייך זאָגען אין דריי ווערטער: „זשיד, דאוואַי הראָשי!” ריוויערא — דאָס איז אַזאַ מין ערטעל אין איטאַליע, וואָס דאָקטוירים האָבען אויסגעטראַכט צו פרעסען געלט בײ'ם עולם. דער הימעל איז דאָרטען שטענדיג לויטער. דער אייגענער הימעל, וואָס ביי אונז. די זון אויך די אייגענע. נאָר דער ים דעקוטשעט — סכנות! ער וואַרפט זיך, ער רוישט, דולט אַ ספּאָדיק — און איהר האַלט אין איין צאָהלען געלט. פאַר וואָס געלט? פאַר גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אָט דערפאַר אָ, וואָס דו ביזט אַ בהמה און האָסט זיך געלאָזט איינרעדען „ריוויערא” — צאָהל געלט. און איהר צאָהלט. וואָרום, אדרבה, זייט אַ בריה און צאָהלט ניט! איהר מיינט, מע קריעגט זיך מיט אייך? זידלעריי? בזיונות? חלילה! דוקא מיט גוטען. קושענדיג נעמט מען צו ביי אייך די נשמה. איין מעלה האָט זי יאָ, די דאָזיגע „ריוויערא” — דעם אמת קאָן מען ניט אָפּלייקענען — ס'איז דאָרט וואַרעם. און אַז ס'איז וואַרעם, זאָגט מען, הוסט זיך ווייניגער. און וואַרעם איז דאָרט שטענדיג, אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר. סאַי זומער, סאַי ווינטער. איהר מיינט, וואָס איז דער שכל? אַ

פּראָסטער שכל: די זון וואַרעמט, איז וואַרעם. בכן, איז וואָס? אז מע הייצט גוט אויס, איז ביי אונז אויך ניט קאַלט. זאָגען זיי אָבער — „לופט". אמת, די לופט איז ניט קיין שלעכטע לופט. סע שמעקט ניט שלעכט. ווי מיט בשמים. ניט די לופט שמעקט, די מאַראַנצען שמעקען. עס וואַקסען דאָרט מאַראַנצען. ווייס איך ניט, צי מע דאַרף פאָהרען צוליעב דעם אַזש אַהין. לופט איז, דאַכט זיך, פאַרהאַן אומעטום. און מאַראַנצען קאָן מען קויפען ביי אונז אויך. זאָגען אָבער די דאָקטוירים, אַז לופט צו לופט איז ניט גלייך. די לופט, זאָגען זיי, וואָס שמעקט מיט בשמים, היילט. אַזוי זאָגען זיי, די דאָקטוירים הייסט עס. נאָר מאַלע וואָס דאָקטוירים זאָגען! למאי זיי זאָגען, אַז דער ים, וואָס אויף דער „ריוויערא", ציהט אַרויס אַלע שלאַפקייטען? איך וועל אייך ניט זאָגען, אפשר ציהט ער ביי עמיצען אַרויס שלאַפקייטען. ביי מיר ווייס איך, אַז ער האָט אַרויסגעצויגען וואו איך האָב געהאַט ערגיץ אַ גראָשען, אָט דער דאָזיגער ים! און ניט אַזוי דער ים, ווי די דאָקטוירים. מיר האָט גאָט צוגעשיקט אויף דער „ריוויערא" אַ דאָקטער, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — נו־נו! דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו אַ גאַנץ ליעבליכער מענטש, דוקא אַ איד, און נאָך וואָסער אַ איד! רעדט אידיש, ווי איך מיט אייך, און אַזוי זיס, אַזוי קוגעלדיג, שטרודעלדיג, צימעסדיג — גאָר אַ מחיה. נאָר געלט קאָן עס צאַפּען, אוי צאַפּט דאָס! מאָהלט אייך, וואָס ביי מיר וועט מען שוין אָנצאַפּען! געטראָפען דעם אָרט! איך האָב מיך מיישב געווען, הערט איהר, און האָב מיך געלאָזט פיהרען ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב באַלד אַרויסגעזעהען, מיט וועמען איך האָב צו טהון. נאָר איך האָב מיך געמאַכט ניט־ווייסענדיג. ווילסט צאַפּען — צאַפּ. תחילת הערט ער מיך אויס, פרעגט מיך אויס, טאַפּט מיך אויס מיט העמערלעך און מיט קלעפּערלעך, מיט טרייבלעך און מיט רעהרלעך, און הייסט מיר קומען מאָרגען. פרעג איך איהם: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, הערר דאָקטער, איך ווייס ניט די היגע מנהגים; וואָס קומט אייך פאַר'ן וויזיט?"

קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האלט די הענט אין די קעשענעס און מאכט צו מיר: „דאס וועט זיין שפעטער". טראכט איך מיר: „גע'פועל'ט. ווילסט שפעטער, איז שפעטער"... איך קום צו געהן מארגען — ווידער א מאל דאס אייגענע: אויסגעהערט, אויסגעפרעגט, אויסגעטאפט און אויסגעקלאפט — הייסט ער מיר קומען איבערמארגען, וועט ער מיר ארייננשפריצען. פרעג איך איהם: „האט קיין פאראיבעל ניט, הערר דאקטער, וואס קומט אייך?" זאגט ער: „שפעטער". שפעטער, איז שפעטער. קום איך צו געהן איבערמארגען, שפריצט ער מיר אריין און הייסט מיר קומען מארגען, וועט ער מיר מאכען מאסאזש. קום איך צו געהן מארגען, ער זאל מיר מאכען מאסאזש, מאכט ער מיר מאסאזש, דאס הייסט, ער רייבט מיר איין דאס נעכטיגע ארייננשפריצעכטס, אזוי דארף מען פארשטעהן, און הייסט מיר קומען מארגען, וועט ער מיר ווידער א מאל ארייננשפריצען. פרעג איך איהם: „וואס קומט אייך?" זאגט ער: „שפעטער". שפעטער, איז שפעטער. אלע מאל די אייגענע חכמה, א טאג איבער א טאג: איין טאג אריינ־געשפריצט, דעם אנדערען טאג איינגעריבען דאס ארייננשפריצעכטס. איז מיר באלד ניט געפעלען דער שווינדעל. ממה־נפשך, ווילסט דו מיך שמייסען מיט צוויי ריטער — שמייס. צו וואס דארפסט דו נאך ציהען? וואו שטעהט דאס, אז אויף ארייננשפריצען דארף מען א באזונדערען טאג און אויף איינרייבען דאס ארייננשפריצעכטס ווידער א באזונדערען טאג? דאכט זיך מיר, אז ס'איז גלייכער ביידע זאכען אינאיינעם. דער שכל איז דאך מתחייב: אט האב איך דיר ארייננגעשפריצט, אט האב איך דיר עס איינגעריבען. אלא וואס דען? צערעמאניע? דארפען מיר לערנען דעם פשט, אז דו ווילסט צאפען? צאפ! אי, אפשר צאפט זיך גאר נישט? טאמער איז נישטא פון וואנען? דו קענסט מיך? דו ווייסט מיך? ביזט געוועזען ביי מיר אין קעשענע? האסט געצעהלט מיין געלט?...

כך הוה. ס'איז אוועקגעגאנגען א חודש, שיקט ער מיר אריין דורך דער פאסט א רעכענונג. ה"ז מיר פינסטער געווארען אין די

אויגען. פאר יעדען ארויסשפּריצעכטס הייסט ער זיך באצאהלען צעהן פראנקען — דארט צאפּט מען געלט אויף די פראנקען — און פאר יעדען איינרייבען דאס ארויסשפּריצעכטס — פינף פראנ־קען. נישקשה פון א רעכענונג! פון אזא מין קוראציע קאן מען טאקי געהן אין גאלד! האב איך מיך מיישב געווען — וואס טהוט מען? זיך דינגען מיט איהם? דאס וועל איך צייט האבען שפּעטער. אז מאנען מאנט ער ניט, דער חכם, היינט צו וואס זאל איך מיך חאפּען? געה איך צו איהם, ווי איך בין געגאנגען, א טאג איבער א טאג, און ער שפּריצט. איך געה, און ער שפּריצט. און אט אזוי איז אוועק דער ווינטער. אקארשט ווי מע זעהט ניט, איז פּורים. צייט קלערען מכּח פאהרען אהיים. ובפרט, אז אין געזונט, דאנק גאט, פיהל איך מיך אויך נישקשה׳דיג, גאנץ נישקשה׳דיג. מע קאן זאגען — למאי זאל איך לייקענען? — הלואי ווייטער ניט ערגער; בעסער האט קיין שיעור ניט. דארף מען, הייסט עס, אפּנים, זיך אפּגעזעגענען מיט׳ן קלוגען דאקטער און פאהרען אהיים! קום איך צו געהן צום דאקטער: „אזוי און אזוי, הערר דאקטער, איך פאהר אהיים". זאגט ער: „געזונטערהייט". זאג איך: „נו? און מכּח דער רעכענונג? מע דארף דאך צעצאהלען זיך מיט אייך אויך, צי ניין?"... קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האלט די הענט אין די קעשענעס און מאכט צו מיר: „נו?" ווי איינער רעדט: אין וועמען איז דען די מניעה? רוף איך מיך אן צו איהם: „האט קיין פאראיבעל ניט, הערר דאקטער. איידער מיר וועלען זיך מיט אייך צערעכענען, וואלט איך אייך דערצעהלען פריהער א מעשה, אויב איהר האט צייט"... מאכט ער צו מיר: „קיין צייט האב איך ניט, נאר אויב נישט קיין לאנגע, דערצעהלט". זעץ איך מיך אוועק און דערצעהל איהם די מעשה:

„ווי איהר זעהט מיך, זאג איך, בין איך א איד, דאנק גאט, אזוי זיך. און קינדער, דאנק גאט, האב איך אויך, פינף זאלען געזונט זיין. פינף זיהן. זענען פיער פון זיי דוקא וואוילע קינדער, געראטענע, נאר איינער, ניט פאר אייך געדאכט, — א דער רוח

וייסט וואָס. נישט געוואָלט לערנען — אַ נישט אַ לעק. אַ שלעכט קינד. גע'הרג'עט, גע'ממית'ט, געוואָלט אַרויסשלאָגען דעם עקשן — איז נים מיט גוטען, נים מיט בייזען. אַ שלעכט קינד. וואָס טהוט מען? זאָגט צו מיר מיינע: „מאַך איהם פאַר אַ בעל־מלאכה". „אַ בעל־מלאכה? משוגע מיינע שונאים!" „וואָס זשע! אַז דו וועסט איהם דער'הרג'ענען, וועט זיין בעסער?" אַהין־אַהער, איך וועה — זי איז גערעכט. געה איך און געב איהם אָפּ צו אַ בעל־מלאכה, צום בעסטען שניידער, און באַדינג מיך מיט איהם אויף דריי יאָהר פאַר דריי הונדערטער: „נאַט אייך איהם, דעם תכשיט, און מאַכט מיר איהם פאַר אַ בעל־מלאכה"... און כ'האָב מיך צע־שריבען, מיט'ן דאָזיגען שניידער, בפירוש, אַז אין אַ משך פון דריי יאָהר דאַרף ער איהם מאַכען פאַר אַ פאַרטיגען בעל־מלאכה, און איך דאַרף איהם איינצאָהלען דערפאַר דריי הונדערטער. אוועק־געגאַנגען דאָס ערשטע יאָהר — מיין שניידער איז געקומען, אָפּ־גענומען דעם ערשטען הונדערטער, זיך צעשריבען. פיין. אוועק־געגאַנגען דאָס אַנדערע יאָהר — מיין שניידער איז געקומען, אָפּ־גענומען דעם אַנדערען הונדערטער, זיך צעשריבען. פיין. אוועק־געגאַנגען דאָס דריטע יאָהר — מיין שניידער איז ניטאָ. איך וואַרט אַ וואָך. איך וואַרט צוויי — ניטאָ. וואָס איז די מעשה? געה איך אוועק צו מיין שניידער: „רב חייט, פאַר וואָס זענט איהר נישט געקומען, זאָג איך, נאָכ'ן דריטען הונדערטער?" מאַכט ער צו מיר: „עס קומט מיר ניט". „וואָס איז דער שכל?" „דער שכל, זאָגט ער, איז אַ פּראָסטער שכל. אונזער שניידעריי, זאָגט ער, באַשטעהט פון דריי פונקטען: אַ שניידער, זאָגט ער, דאַרף קאָנען, ע ר ש ט ע נ ס, די מלאכה. צ ו ו י י ט ע נ ס, דאַרף ער, זאָגט ער, קאָנען אַרונטערנעמען אַמאָל אַ שטיקעל יתור, אַז עס בלייבט איבער. ווילט איהר דאָס, זאָגט ער, אָנרופען גנבה, רופט דאָס אָן, ווי איהר ווילט. און, ד ר י ט ע נ ס, זאָגט ער, דאַרף אַ שניידער קאָנען אויסטרינקען, נעמען, הייסט עס, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב, אַ ביסעל בראָנפען. איז אויף צוויי פונקטען

אייער זוהן, זאָגט ער, א פאַרטיגער בעל־מלאכה. דאָס הייסט, ער איז נישקשה פון א גנב, און מיט א ביסעל בראָנפּען וועט ער זיך, זאָגט ער, אויסגלייכען מיט אַלע שכּורים. נאָר א בעל־מלאכה — דאָס, זאָגט ער, וועט ער ניט זיין ווייל ער וועט לעבען. הייגט פאַר וואָס קומט מיר א הונדערטער?"...

אויסגעהערט די מעשה, מאַכט צו מיר דער דאָקטער: „אַקעגען וואָס זשע, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רעד?" „אַקעגען דעם, זאָג איך, וואָס אייער מלאכה, זאָג איך, דאָקטאָריע הייסט עס, באַשטעהט, ווי יעדע מלאכה, פון דריי פּונקטען: מע דאַרף זיין, ערשטענס, א גוטער דאָקטער. צווייטענס, דאַרף מען זיין א מענטש מיט יושר. און, דריטענס, זאָג איך, דאַרף א דאָקטער קאָנען מאַכען געלט. וועלכער פּונקט פון די ערשטע צוויי פּונקטען עס וועגט ביי אייך אריבער — דאָס, זאָג איך, ווייס איך ניט. נאָר וואָס פאַר א דאָקטער איהר זענט, זאָג איך, אויף חשבונות מאַכען — אויף מיר אזא יאָהר. און איצטער, זאָג איך, אייער סחורה, מיין געלט — לאָמיר זיך דינגען"...

פאַרשטעהט זיך, אַזוי פיעל מכּות אונזערע שונאים, וויפיעל איך האָב אָפּגעריסען ביי איהם מעהר פון צוויי דריטעל. נאָר, גלויבט מיר, ס'איז דאָס אויך ניט ווערטה, וואָרום איך זאָל גלאַט זיצען אין דער היים און גאָרנישט טהון, און ס'זאָל מיר זיין באַשערט, וואָלט איך סאַי ווי סאַי געזונט געוואָרען — הייגט וואָס איז מיר די „ריוויערא"?

גיטעל פורישקעוויטש

א מעשה, ווי אזוי א אידינע איין אלמנה, וואס הייסט גיטעל אוּן האנדעלט מיט וויסאצקי׳ס טיי, האט נאך דריי יאהר שווערע ארבייט אין דער דריטער דומע סוף־כל־סוף ארויסגעראטעוועט איהר בן־יחיד פון דיענסט, אוועקגעגעבען א גאנצע פריסוטסטוויע פאד־סוד, און דעריבער באקומען אין שטאדט דעם נאמען פורישקעוויטש.

דערצעהלט אין איין אטעם טאקי פון איהר אליין.

געשריבען אין יאהר 1911.

גיטעל פורישקעוויטש

— זעהט נאָר, ווי מע האָט זיך עס צונויפגעקליבען, ווי אויף אַ ביין וואונדער! צעגעהט אייך, אידען, ווי זאַלץ אין וואַסער. מע וועט נישט באַווייזען קיין קאָמעדיעס און מע וועט נישט דערצעהלען קיין בבא־מעשיות, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד. מע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן עפּיס איינער אַ שלום־ליכעם, וואָס שרייבט. אַט דאָס זענט איהר אַליין טאַקי אַט דער שלום־ליכעם, וואָס שרייבט? שרייבט זשע טאַקי, די האַנט זאָל אייך נאָר נישט וועה טהון שרייבענדיג. די גאַנצע שטאָדט זאָלט איהר באַשרייבען, פון אויבען ביז אַראָפּ. נישקשה, זיי האָבען עס כשר פאַרדיענט. און דערהויפּט — די נגידים, די מיוחסים פון גאָט, וואָס האָבען זיך איינגערעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען פון זייערטוועגען. מיר דאַרפען האָרעווען און פאַרשוואַרצט ווערען, און זיי וועלען זיך אויסקויפען פאַר געלט פון אַלע צרות און פון אַלע גזירות, און נאָך מאַכען חוזק פון אַ אידינע איין אַלמנה, וואָס לעבט פון וויסאָצקי'ס טיי. איך שטעל־צו וויסאָצקי'ס טיי שטעל איך צו אין אַלע בעל־הבתישע הייזער אויף אויסצאָהלען, און דערפון ציה איך מיר מיין שטיקעל ברויט מיט מיין קינד, איין שטיקעל בן־יחיד, וואָס מע האָט דאָס געוואָלט ביי מיר אוועקנעמען פאַר פרעמדע זינד. איהר מעגט דאָס האָרכען, וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפען אויף דער וועלט. מיר דאַכט, אַז זינט די וועלט איז אַ וועלט, האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז מע זאָל צונעמען איין־

און־איינציגען בן־יחיד, א קארמאק אויף די עלטערע יאהרען, ביי א מאמע איין אלמנה, וואס פריהער גאט און דערנאך וויסאצקי קאן זי זיך באריהמען, אז זי לעבט אויף דער וועלט. אלץ הייסט געלעבט. גוט געשטארבען הייסט אויך געלעבט. ווארום וואס האט מען פונ'ם פונט טיי, משטיינס געזאגט, ביי היינטיגע קאנ־קורענציעס, אז וואו ערגיץ א איד איין ארעמאן, טראגט ער ארום איבער די הייזער טיי צו פארקויפען. דארף מען זיך שמייסען. אז יענער ווארפט־אראפ צעהן, ווארף איך אראפ פופצעהן, און אז יענער ווארפט פופצעהן, ווארף איך צוואנציג. ביז וואנעט איז דער שיעור צו ווארפען? איך בין דאך נישט וויסאצקי! ביטער ווי דער טוידט, וואס זאלט איהר קלערען? דער גאנצער ארויס־קוק מיינער איז מיין קארמאק אויף דער עלטער, מיין משה. איך פארמאג איין שטיקעל בן־יחיד, פון מיין מאן א ירושה, משטיינס געזאגט. אפילו זעהר א וואויל קינד, איך קאן מיך נישט באקלאגען. א געזונטער, א שענער, א גלאטער, מיט אלע מעלות, נאר לערנען האט ער נישט געוואלט. ווי אזוי, מיינט איהר, נישט געוואלט? חאטש האק איהם, חאטש בראק איהם. וואס וועט זיין, זאג איך, דער תכלית, משה, אז לערנען נישט, שרייבען נישט, דאווענען אויך נישט, — קומט דיר אויס צו זיין נאר א הינטשלעגער! ענטפערט די וואנט? בין איך געגאנגען און האב איהם אוועק־געגעבען פאר א בעל־מלאכה, צו א שניידער, און אפגערעדט מיט'ן שניידער בפירוש, אז ער זאל איהם לעהרנען שניידעריי. איז אזוי ווי איהר קוקט־אן א נאדעל־פאדעם, אזוי האט ער אנגעקוקט ביי איהם א נאדעל־פאדעם. טאג ווי נאכט ארומגעטראגען זיך מיט'ן קינד, אדער געהאלפען דער שניידערין שיילען קארטאפליס, אדער ארויסגעטראגען די פאמוניצע. אנווארעמען דאס פרעסעל — ד'אס איז שוין געווען א זכיה. בין איך געגאנגען און האב איהם אפ־גענומען פונ'ם שניידער און אוועקגעגעבען צו א שוסטער. האב איך אנגעטראפען אויף א רוצח, א גזלן, וואס טאמער עפיס נישט אזוי, קאן ער אייך ווארפען א האמער אין קאפ און צעשלאגען דעם

מוח. בין איך געגאנגען און האב איהם צוגענומען פונ'ם שוסטער און אפגעגעבען איהם צו איין איינבינדער א שלים־מזל, וואס זיצט אהן פרנסה, קוקט נישט און קיין שטיקעל ארבייט אין די אויגען. האב איך איהם אפגענומען פונ'ם איינבינדער דעם שלים־מזל און אפגעגעבען איהם צו א זייגערמאכער, נאך א גרעסערען שלים־מזל, וואס נישט ער פאררכבט זייגערס, נאר ער מאכט זיי קאלי. אזוי זאגען אלע אין שטאדט. וואס זשע דארף איך, אז ער זאל מיר מאכען מיין זוהן פאר א קאליקע? האב איך איהם אפגענומען פונ'ם זייגערמאכער און האב איהם אפגעגעבען צו א שמוקלער, ער זאל איהם לעהרנען דרעהען, שמוקלעריי הייסט עס, און איך האב מיך מיט איהם צעשריבען, מיט'ן שמוקלער הייסט עס, אויף צוויי יאהר, דאס הייסט, צוויי יאהר דארף ער איהם דרעהען אומזיסט, און אויפ'ן דריטען יאהר, אז ער וועט שוין קאנען גוט דרעהען, וועט ער שוין עפיס פארדיענען אויך. און גאט האט מיר געהאלפען, איך האב אנגעטראפען אויף א רעכטען בעל־מלאכה, וואס האט אפילו ליעב דעם טרונק, דערפאר האט ער אבער אויסגעלעהרענט מיין זוהן דרעהען אין א סך וויניגער, ווי איך רעד מיט אייך. די ארבייט האט איהם פאליובעט, און מיין משה איז אין איין האלב יאהר געווארען א פאלנע שמוקלער. נאר וואס קומט מיר ארויס, אז ער דארף איהם דרעהען אומזיסט צוויי יאהר דורכאנאנד? צעשריבען זיך — איז פארפאלען. גאט האט מיר געהאלפען, די צוויי יאהר זענען אויך איבערגעלאפען. מאהלט אייך, עס רעדט זיך אזוי: איבערגעלאפען! אז איך האב איבערגעלעבט די צייט, בין איך גלאט איין אייזערנע; און אז איך בין שוין איבערגעקומען, זענט איהר שוין פארטיג? דארף מען ערשט געהן קריגען איהם ערגיץ א שטעלע, אדער זוכען ארבייט, שמוקלעריי — וואו זשע האט איהר ארבייט? א שכור האט פארלוירען, א ניכטערער האט געפונען? און דא בין איך איין מענטש אליין, מיט'ן פונט טיי איבער די הייזער, און די קאנקורענציע איז גרויס, און מיין אנזעץ האב איך אויך געהאט. א איד א בעל־הבית האט אנ־

גענומען ביי מיר דריי מיט א האלב פונט טיי אויף אויסצאהלען
ין האט אין איין נאכט עוקר געווען, אוועק, זאגט מען, קיין
אמעריקע — א חלירע וואלט איך זיך אויף איהם גיבער געריכט!
איך האב דעמאלט געמיינט, אז די גאנצע וועלט איז אויף מיר
געפאלען. א קליינינקייט — דריי מיט א האלב פונט טיי אויף
צוויי רובעל מיט צוואנציג? און מע מוז עם האלטען אין זינ,
ווארום טאמער ווערט געוואהר וויסאצקי, אז איך האב איין אייג־
פאל, קאן עם מיר זיין א סגולה צו קרעדיט. וואס זשע טהוט גאט?
זאגט ער: „גיטעל, דו וויינסט? ווארט־אוים, דו וועסט ערשט
וויינען. אט געהט אויף דיר א פריזיוו"... וואס פריזיוו? ווער
פריזיוו? איין שטיקעל בן־יחיד ביי א מאמע איין אלמנה, וואס
פריהער גאט און דערנאך וויסאצקי — וואו איז דאס געהערט
געווארען אין דער וועלט? וואו איז גאט? וואו איז סאוועסט?
נאר געה שריי חי וקיים! אז ס'איז באשערט צרות, באַ־
דארף מיין משה שטעהן אקוראט אין איין יאהר מיט אונזער
נגיד'ס דריי אייניקלעך, פון דריי טעכטער, דריי מכות זאל זיך זיי
זעצען יערען באזונדער אויף אזא איין ארט — זיי זאלען נישט
קאנען ניט שטעהן, ניט געהן, ניט ליגען, ניט זיצען. מע האט
מיר אבער געזאגט: „גיטעל, זעהט נאר, אייער משה זאל נישט
זיין א קרבן פאר אונזער נגיד'ס אייניקלעך". חא־חא, וואס
הייסט? מיינער איז א בן־יחיד, איין־און־איינציגער קארמאק ביי
איין ארעמער אלמנה, וואס פריהער גאט און דערנאך וויסאצקי,
און יענער איז א נגיד, א גביר, איין אדיר, א מיליאנטשיק —
סיידען ס'איז חלילה נישטא קיין גאט אויף דער וועלט! נאר דער
כח פון געלט — מע האט גענומען אריינפיהרען איינציגווייז דעם
נגיד'ס אייניקלעך, פריהער איינעם — „נע גאדים". דערנאך דעם
אנדערען — „נע גאדים". איז מיר געווארען גוט, וואס זאלט איהר
קלערען? וואוים טאמער חלילה זאגט מען דעם דריטען אויך „נע
גאדים" — איז דעמאלט אז אך און וועה צו מיין משה'ן! און,
ווי אויף צו־להכעיס, איז, צו מיינע גרויסע צרות, מיין משה, קיין

עין־הרע, דוקא אַ יונג מיט ביינער, אָהן אַ ברעקעל חסרון. מע קאָן זאָגען, אַ גבר. דאָס הייסט, דעם נגיד'ס אייניקלעך זענען אויך נישט קראַנק צו געהן דיענען, נאָר זיי בראַקעוועט דער דאָקטער. דערזעהט ער אַ נגיד'ס אַ קינד — איז „נע גאָדים”, און טהו איהם עפּים! וועל איך שווייגען? בין איך אַוועק באַצייטענס צום פּרינצעדאַטעל און זאָג צו איהם אַזוי: „אדוני פּריץ, דעם נגיד'ס צוויי שטיקלעך סחורה האָט מען שוין אַרויסגעבראַקעוועט; טאָמער חלילה בראַקעוועט מען ווייטער, קאָן עס דערגעהן צו מיין משה'ן, און מיין משה איז ביי מיר, זאָג איך, איין־און־איינציגער קאָרמאַק אויף דער עלטער”... ווערט ער מלא רציחה און הייסט, מע זאָל מיך אַרויסוואַרפען פון דער פּריסוטסטווע. און כך הוה. איידער מע האָט נאָך אַריינגעפיהרט דאָס דריטע שטיקעל סחורה פונ'ם נגיד, האָט דער דאָקטער שוין געזאָגט „נע גאָדים”, און מע האָט שוין אַריינגעפיהרט מיין משה'ן, און מע האָט איהם שוין אָפּגעגעבן, און ער האָט שוין אָפּגעשוואָרען, און מע האָט איהם שוין געזאָגט נאַ־ליעוואָ־נאַ־פּראַוואָ, אַ שלאָק האָט מיך געטראָפען, אין חאַרקעווער גובערניע, און אַ גוטען טאָג מיט דער קאָפּאָטע — וועל איך שווייגען? בין איך אַוועק צום פּרינצעדאַטעל און האָב איהם אָפּגעשפּיעלט אַ פּריהמאָרגען: נגיד'ישע קינדער וועסט דו בראַקעווען, און איין שטיקעל בן־יחיד פון אַ מאַמע איין אַלמנה, וואָס פּריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי — וואו איז סאָוועסט? וואו איז גאָט? הייסט ער דאָך מסתמא, מע זאָל אַרויסוואַרפען די זשידאָווקע. איז אָבער די זשידאָווקע נישט פויל אויף דער פּען און פאָהרט־אַוועק אין דער גובערניע אַריין גלייך צום גובערנאַטער, און אַ פאַל צו די פיס: אדוני פּריץ, אַזוי און אַזוי: דריי אייניקלעך דעם נגיד'ס האָט מען פאַרבראַקעוועט, און מיין משה'ן, איין שטיקעל בן־יחיד ביי איין אָרעמער אַלמנה, וואָס פּריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, אויף די עלטערע יאָהרען אַ קאָרמאַק — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? הערט ער מיך אויס, דער גובערנאַטער, און זאָגט מיר, איך זאָל עס איהם דערלאַנגען אויף פּאַפּיער.

זאָג איך: אדוני פריץ! וואָס דאַרפסט דו פּאַפּיערען? אַט הערסט דו פון מיר קלאָרע דבורים; נעם, שיק, דערפרעג זיך, וועסט דו זעהן, אז אלץ, וואָס איך זאָג דיר, איז תורת אמת. זאָגט ער צו מיר נאָך א מאָל: „אויף פּאַפּיער, אויף פּאַפּיער". זאָג איך איהם: פּריצ'וגיו! איך בין נישט קיין אידינע פון פּאַפּיערען און מיט מסירות פאַרנעם איך זיך נישט; איך דערצעהל דיר נאָר, וואָס מיר טהוט וועה. נגידים בראַקעוועט מען, און אָרעמע בני־יחידים נעמט מען צו — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? זאָגט ער: „גוואַלד, וואָס וויל פון מיר די אידינע?" זאָג איך: זי וויל, מע זאָל דערגעהן דעם אמת און איהר אומקעהרען דעם קאָרמאַק, ווייטער גאָרנישט. הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימעהל אויפ'ן וואַסער. ווערט ער שוין אין כעס, דער גובערנאַטער, און הייסט אַרויסוואַרפען די זשידאָווקע. פוילט זיך נישט די זשידאָווקע און פאַרקויפט־אויס וואָס זי האָט, און לאָזט זיך אַוועק זוכען דעם אמת גלייך קיין פּייטערבאַרג. אין פּייטערבאַרג איז פאַרהאַן א מיניסטער וואָיעניך דיעל מיט א מיניסטער ווגוטרעניך דיעל מיט א סינאָד. און אז מע וועט דאַרפען צום קייסער, וועל איך נישט טרעפען? מיט'ן אמת קאָן איך קומען אפילו פאַר גאָט. און כך הוה. געקומען קיין פּייטערבאַרג, האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה מיט א פּראָוואָ־זשיטעלסטווע, מיט א טרייבעניש. זאָג איך, אז פאַר אַרויסטרייבען האָב איך קיין מורא נישט; מורא האָב איך נאָר פאַר גאָט, זאָג איך, און פאַר'ן קייסער, און ווייטער פאַר קיינעם נישט, וואָרום איך געה, זאָג איך, פאַר'ן אמת. און דערווייל עסען דאַרף מען אויך, מע קאָן די נשמה ניט אויסשפּייען. וואָס טהוט מען? צו קיין נדבות בין איך נישט געוועהנט געוואָרען. בין איך געפאַלען אויף איין עצה. פּייטערבאַרג איז דאָך נישט קיין דאָרף, פאַרהאַן, ברוך־השם, אידען אומעטום, און וויסאָצקי'ס טיי קען מען אין פּייטער־באַרג אויך, אפשר נאָך מעהר ווי אומעטום. אַלע טשינאָווניקעס טרינקען וויסאָצקי'ס טיי. און אזוי ווי איך האָב צו טהון מיט

פריסוטסטוועס און מיט טשינאָווניקעס, האָב איך אָנגעהויבען זיי אַריינטראָגען וויסאָצקי׳ס טיי אין שטוב אריין. געבען אויף אויס־צאָהלען — און פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איך האָב מיר פאַרדיענט נישט נאָר מיין ביטער אויסקומעניש, איך האָב שוין געהאט צו שיקען מיין משה׳ן אין פאָלק אריין אויך, אמאָל א קערבעל, אמאָל צוויי. איין זאך איז נאָר געווען ביטער: פראַוואָ־זשיטעלסטווע! ווען איך האָב א פראַוואָזשיטעלסטווע אין פּיטער־בארג, וואָלט איך גאָר געווען א קייסעריני. נאָר אזוי ווי איך האָב געהאט צרות, נישט קיין פראַוואָזשיטעלסטווע, איז טאַקי געווען ביטער, ווי דער טוידט. עס האָט שוין געהאלטען דערביי, מע זאָל מיך ארויסשיקען פון פּייטערבארג, טאַקי פּאָ עטאַפּו, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. האָט מיר דער אויבערשטער צוגעשיקט איינע א מאדאם, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, זאָל איהר גאָט געבען לאנגע יאָהר, רבונו של עולם. עפּיס טאַקי נאָר א מלאך, נישט קיין מענטש. א חוץ וואָס זי האָט מיך אויסגעלייזט פון אלע צרות, האָט זי מיך נאָך באַקענט מיט פּאַרגאמענטען. מסתמא האָט איהר געהערט פון איהם? אין דער דומע איז ער געווען פון די, וואָס רעד־דען. א מענטש אָהן א גאל, און א פּאַרשוין — ער זאָל נאָר האָבען א ליכטיגען גן־עדן. וואָס דער האָט זיך אוועקגעלעגט פּאַר מיר! מיר געגעבען א בריעף און נאָך א בריעף, אלץ צו אזעלכע מענטשען, וואָס מע דארף האָבען א זכיה איידער מע טרעט גאָר צו צו זיי. האָבען זיי מיך אויסגעהערט און אָפּגעשיקט איינער צום אנדערען, דער אנדערער צום דריטען, אלע מאָל העכער און העכער, ביז אין דער דומע אריין. און איך האָב אָנגעהויבען געהן אין דער דומע אריין כמעט אלע טאָג, און אמאָל — צוויי מאָל א טאָג, אויסגעהערט אלסדינג, וואָס מע רעדט אין דער דומע. און רעדען רעדען דאָרטען אלע, נאָר שענער פון אלע — אָט דער פּאַרגאמענט. ער, אז ער פלעגט זיך אוועקשטעלען רעדען, זאָג איך אייך, אז א וואנט קאָן עס נעמען, א שטיין קאָן צעגאָסען ווערען. א קליינינקייט פּאַר־גאמענט! דערפאַר האָט ער געהאט שונאים אין דער דומע, וואָס

זאָל איך אייך זאָגען? און שטיגוטערעס! און שרייערס! ווי די הינט — אזוי פלעגען זיי איהם באַפאַלען און מאַכען אזעלכע סקאַנדאַלען, אז איך פלעג קוים איינזיצען פון אויבען (מיין אָרט איז געווען אין דער דומע תמיד פון אויבען). אז איך דערמאַן מיך אָן דעם פאַרגאַמענטען, שטעלען זיך מיר טרערען אין די אויגען. וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר א דימענט, וואָס פאַר א בארליאַנט דאָס איז געווען! אז מע שמועסט א מלאך — איז דאָך נישט שייך צו זאָגען. אלע געשעפטען און אלע געסט פלעגט ער אוועקוואַרפען און מיך אויסהערען און אויספרעגען, וואָס שרייבט מיר מיין משה. וואָס זאָל ער מיר שרייבען? מיין משה שרייבט מיר, אז עס געהט איהם, דאַנק גאָט, אין דער סלוזשבע גאָר ניט שלעכט. נאַטשאַלסטווע איז פון איהם זעהר צופריעדען, נאָר ער האָט צרות פון דעם פידפעבעל. דער גוי טהוט איהם צום טוידט, ער זאָל איהם לייהען געלט. שווערט איהם משה, אז ער האָט נישט. גלויבט ער איהם נישט. ער זאָגט, אז אלע אידען האָבען געלט, האָבען זאָל ער קרחת מיט פרעה׳ס מכות. נאט אייך א פידפעבעל! לאַכט ער, פאַרגאַמענט הייסט עס. ער פלעגט ליעב האָבען צו לאַכען און טרייבען קאַטאָוועס. איך קום איינמאָל צו געהן צו איהם, בעט ער מיך זיצען און פרעגט מיך, ווי זיין שטייגער איז, ווי געהט עס מיר אין פּייטערבאַרג? זאָג איך איהם: „אויף אלע משומדים געזאָגט געוואָרען". צעלאַכט ער זיך און פאַלט שיער נישט אראָפּ פונ׳ם בענקעל: „איהר ווייסט, זאָגט ער, אפנים, נאָך נישט, אז איך אליין בין אויך א משומד?" „אזעלכע משומדים, ווי איהר, זאָג איך, מעגען זיין א סך. און וויפיעל ס׳איז דאָ, זאָג איך, משומדים אויף דער וועלט, מעגען זיי שוין אלע, זאָג איך, זיין די כפרה פאַר אייער מינדסטען נאָגעל!" לאַכט ער נאָך מעהר. געהט ריכט זיך, אז אזא מענטש וועט נעמען און וועט געבען א שטאַרב־אוועק! און אזוי פּלוצים! וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיין ליעבער פריינט? מע טאָר עס נישט אַרויסרעדען, נאָר מיר דאַכט, אז ווען מיין מאַן עליו השלום איז געלעגען אויף דער ערד,

האָב איך אַזוי פיעל טרערען נישט פאַרגאָסען, ווי יענעם טאָג, וואָס מע האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרגאַמענט איז געשטאָרבען. איין איינענער טאַטע דאַרף אַזוי נישט באַנג טהון. איך קאָן אייך זאָגען, אַז זינט דער פאַרגאַמענט איז אַוועקגעשטאָרבען, איז מיר נמאס ומאוס געוואָרען אָט דאָס פּייטערבאַרג מיט דער דומע מיט דער גאַנצער וועלט. ווען פאַרגאַמענט זאָל זיין, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען אויך זעהר וואוילע מענטשען, למאַי זאָל איך זאָגען? נאָר נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען נישט פאַרגאַמענט. איך קום צו געהן צו נוסעלאָוויטשען אָדער צו פרידמאַנען מיט אַ געוויין, זאָגען זיי מיר, אַז זיי קאָנען מיר גאָרנישט העלפען, זיי קאָנען נישט געהן קעגען זאַקאָן. זאָג איך: וואו איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, אַז אַ נגיד, אַ גביר, איין אדיר, אַ מיליאָנטשיק — זאָל מען זיינע דריי ממזרים אַרויסבראַקעווען איינס נאָך דאָס אַנדערע, און פאַר זיי זאָל דיענען איין־און־איינציגער בן־יחיד, אַ קאָרמאַק פון איין אָרעמער אלמנה, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? אדרבה, זאָג איך, ווייזט מיר, זאָג איך, אָט דעם זאַקאָן! אַ דומע, זאָג איך, מיט קיין עין־הרע אַזוי פיעל מענטשען, און אַלע, זאָג איך, רעדען, און אַלע שרייען, זאָג איך, און אַלע זידלען זיך, — פאַר וואָס, זאָג איך, זאָל זיך נישט געפינען חאָטש איינער, זאָג איך, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר איין אָרעמער אלמנה, זאָג איך, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? איאָ, איהר שטומט? מע באַדאַרף, זאָג איך, האָבען צו אייך אַ פּוריש־קעוויטש, איין איינענעם, אַ אידישען פּורישקעוויטש, וואָלט ער געלעהרענט, זאָג איך, מיט זיי בלק! שוין באַלד דריי יאָהר, זאָג איך, אַז איך בין אין פּייטערבאַרג און דרעה מיך אַרום דער דומע, האָט דען עמיצער, זאָג איך, געפּרובט אפילו אַ מויל עפענען וועגען אַזאַ רציחה, מע זאָל צונעמען ביי איין אָרעמער מאַמע, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איהר איין־און־איינציג שטיקעל אָנשפּאַ־רעניש, איהר קאָרמאַק אויף דער עלטער? סך־הכל האָט זיך גע־טראָפען נאָר איין מאָל דורך דער גאַנצער צייט. וואָס איינער, עפּים

א בעסאראבער פריץ, איז ארוים מיט א רעדעניש וועגען וואָיענסקי פּאָווינאָסט. דערהערט „וואָיענסקי פּאָווינאָסט", האָב איך מיך שוין דערפרעהט. אָ, האָב איך מיר געקלערט, דאנקען גאָט! קוים מיט צרות ארויף אויפ׳ן אמת. שוין לאנג צייט געווען. וואָס זשע? אז זיי רעדען אזעלכע פוסטע זאכען, וואָס סע שלאָגט צו דער גאַל! דאָס האָט אודאי אָנגעארבייט, טראַכט איך מיר, מיין גוואַלדעווען מיט מיין דערשלאָגען זיך צו די מיניסטאָרען, מיניסטער וואָיענניך דיעל און מיניסטער וונוטרעניך דיעל. צום סוף, וואָס לאָזט זיך אוים? א נעכטיגער טאָג! הערט איין איינפאַל: „מע באַדאַרף, זאָגט ער, איינפיהרען אויף אידען א באַזונדער וואָיענסקי פּאָווינאָסט, דורך געלט". איהר הערט? „אידען, זאָגט ער, זאָלען זיך מעגען אויסקויפען פאַר געלט. ווילסט נישט דיענען, גיב געלט"... הייסט דאָך עס, ווייבאַלד אזוי, א ישועה ווידער א מאָל פאַר די נגידים, א חלירע זאָל אויף זיי קומען? און דיענען וועלען, הייסט דאָס, טאַקי ווידער א מאָל קבצנים, און בני־יחידים דערצו? וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? כך הוה. דער אויבערשטער האָט געטהאָן א נס, עס איז געוואָרען אין דער דומע אזא טומעל מיט אזא געפילדער, אז מע האָט געקאָנט מיינען, מענטשען זענען נאָר משוגע געוואָרען. מעהר פון אלע האָט געארבייט, געוויינטליך, פורישקעוויטש. אָט דער רשע מרושע, ימח שמו זאָל ער ווערען, האָט געוואָלט אויפווייזען מיט ראיות און מיט עדות, אז אידען דיענען נישט. לחלוטין נישט. נישטאָ איין איד, זאָגט ער, אין דער סלוזשבע. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אריבערטראָגען. עס האָט מיך געגעבען א בראָט ביי׳ם הארצען און א טראָג־אויף: סטייטש, מיין איין־און־איינציגער קאָרמאַק דיענט שוין העכער דריי יאָהר און האָט שוין גאָר א נאַגראַדע, קומט צו געהן א האָזן א פורישקעוויטש און זאָגט פאַר דער גאנצער וועלט און פאַר אלע מיניסטאָרען אזעלכע ווערטער! זאָל איך שווייגען? רוף איך מיך אָן פון אויבען, פון דער גאַלעריי הייסט עס, און דוקא הויך אויף דער גאנצער דומע:

— א משה ? ! . . . .

. . . .

וואָס איז געווען, ווילט איהר וויסען ? גאָרנישט. מע האָט מיך משלח געווען מיט כבוד פון דער דומע ארוים און נאָך אָפּגעפיהרט אין טשאַסט און געוואָלט ארויסשיקען מיט'ן עטאַפּ, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך, אַז פאַר ארויסשיקען האָב איך קיין מורא נישט. איך האָב מורא נאָר פאַר גאָט און פאַר'ן קייסער, ווייטער פאַר קיינעם נישט. וואָרום איך געה פאַר'ן אמת. איך האָב א חלק אין דער דומע, האָב איך זיי געזאָגט, גלייך מיט אייך. איהר, זאָג איך, רעדט וועגען וואָיענסקי פּאָווינאָסט נאָר מיט דער צונג, זאָג איך, און מיין זוהן, זאָג איך, דיענט טאַקי דעם קייסער, חאָטש ער איז א בן־יחיד. הכלל, זיי האָבען זיך פון מיר נישט געגאַרט. זייער גליק, וואָס איך בין נישט פאַרבליבען איבער פּסח אין פּייטערבאָרג, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבען אין דער דומע דאָס קאָבעניש מיט'ן בלוט, אַז אידען נוצען בלוט אויף פּסח. איך וואָלט זיי באַוויזען, ווער סע פאַרגיסט בלוט: מיר, צי זיי ? איז אָבער, אויף זייער טרפה'־נער הצלחה, בין איך אויף פּסח אוועקגעפאָהרען אהיים, וואָרום מע האָט מיר געגעבען צו וויסען פונ'ם מיניסטער וואָיעניך דיעל, אַז מיין משה'ן האָט מען פון פּאָלק אומגעקעהרט אהיים, און עס איז א סברה, אַז דער פּרינצעדאַטעל מיט'ן דאָקטער מיט דער גאַנצער פּריסוטססטווע וועלען האָבען א וויסטען סוף. זיי זענען אַלע פּאַר־סוד. וואָרום ס'איז געווען א רעוויזיע און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ס'איז ביי זיי געווען א פאַבריקע פון ווייסע בילעטען; אידען און כריסטען — ווער עס האָט געהאַט גאָט אין הארצען און א קערבעל אין קעשענע — דער איז „נע גאָדים", און אָרעמע לייט נעבאָך, בני־יחידים, איין־און־איינציגע, האָבען באַדאַרפט געהן דיענען. איצט איז שוין איין עק, אוים מיוחסים! עס האָבען זיך אויסגעלאָזט ביי אונז די פריהעריגע גליקען מיט'ן

הפקרות. אלע וועלען שוין ביי אונז זיין גלייך. נו, פרעג איך אייך, איהר זענט דאך א מענטש, וואס איהר שרייבט, — אדרבה, זאגט שוין איהר אליין, קומט מיר נישט, מע זאל פון מיר לאכען, חוזק מאכען, אז וואו צוויי זאל איך זיין א דריטע? מילא, איהר ווילט לאכען, לאכט צעזעצטערהייט; פאר וואס קומט מיר נאך דער נאמען פורישקעוויטש, זיין זאל ער פאר מיר די כפרה? „גיטעל פורישקעוויטש" רופען זיי מיך — זיי זאלען חאטש זאגען „להבדיל"! א שטאדט פון סאמע לצים, פוסטע קעפ, לעדיגגעהערס. נו, האבען זיי נישט פארדיענט, מע זאל זיי באשרייבען פון קליין ביז גרויס און פון קאפ ביז פיס? באשרייבט זיי טאקי, פאני שלום-לייכעם. באשרייבט זיי אזוי, אז די גאנצע וועלט זאל פון זיי וויסען. באשרייבט זיי אזוי, אז ס'זאל נישט בלייבען פון זיי איינער נישט קיין באשריבענער!

דאָקטוירים

דיאַלאָג.

געשריבען אין יאהר 1912

דאָקטוירים

— ווייסט איהר ניט, פעטער, וואו זיצט דאָ ערגיץ דער דאָקטער פיינפינקעלקרויט?

— האַ? ווי אזוי האָט איהר איהם אָנגערופען? פיינ־פינפיינ...

— פיינפינקעלקרויט.

— פיינפינקעלקרויט? אזוי זשע רעדט. פיינפינקעלקרויט... עפּיס אַ קענטליכער נאָמען... וואָס זשע, איהר דאַרפט טאַקי דוקא צו־ן־איהם, נעפּרעמענע? צי ס'איז נישקשה איין אַנדער דאָקטער אויך? פאַרהאַן ביי אונז, קיין עין־הרע, גענוג די דאָזיגע סחורה. אָט דאָ אַקעגען זיצט אויך אַ דאָקטער, צוויי דאָקטוירים; איינער איין אמת'ער דאָקטער, און דער אַנדערער אַ ציינען־דאָקטער. און טאַקי באַלד די דריטע שטוב, אָט דאָרט, זיצט אויך אַ דאָקטער, אַ גאַנץ פיינער דאָקטער, אפילו נאָך גאָר אַ יונגעטשקער דאָקטער, נישט לאַנג פון דער פאַבריקע, נאָר נישקשה, ער האָט שוין אַ היבשע פּראַקטיקע. עס האָבען ביי אונז אַלע דאָקטוירים שען פּראַקטיקע, וואָרום דער עולם, פאַרשטעהט איהר מיך, קיין עין־הרע, קרענקט... ווי אזוי, האָט איהר געזאָגט, רופט מען איהם, דעם דאָקטער אייערען? פינפיינפינ...

— פיינפינקעלקרויט. איך דאַרף צו איהם האָבען ניט מכּח זיך...

— נאָר צוליעב אייער ווייב? טאָ געהט גלייך אהין — זעהט איהר? דאָרט זיצט א ווייבערשער דאָקטער. דאָס הייסט, א דאָקטער איין אקושאָר. מע זאָגט, א בריה א דאָקטער, און נאָר אויף די חולאת'ען... אז מע שמועסט א ספּעציאַליסט, איז דאָך ניט שייך! ס'איז שוין היינט אזוי איינגעפיהרט אומעטום, אז אויף יעדער ספּעציאַלנאָסט איז א באזונדערער דאָקטער: אויף בייכער א דאָקטער, אויף לונג־און־לעבערס א דאָקטער, אויף אויגען א דאָקטער, אויף נערוועז א דאָקטער, אויף קינדער א דאָקטער... היינט דאָס היילען, וואָס מע היילט אצינד, איז אויך נישט דאָס, וואָס אמאָל. אמאָל האָט מען געוואוסט רפואות, רעצעפּטען, פּילען, פּראָשקעס, ביטערע קרייטער; היינט איז געוואָרען א מאָדע מאשינעס מיט רייבעניש, מיט מאסאזש, מיט בעדער, פּשוט'ע בעדער — די דאָקטוירים אליין זענען היינט געוואָרען בעדערס, און ס'איז גאָר א סברה, אז היינט איז עס דאָס בעסטע געשעפט... אויף וואָס פאַר א ספּעציאַלנאָסט איז ער, דער דאָקטער, וואָס איהר פרעגט זיך נאָך אויף איהם? וואָס איז ער? א איד?

— א איד. וואָס דען? א גוי? איהר הערט דאָך נאָכ'ן נאָמען... פיינפינקעלקרויט...

— פיינפינקעלקרויט, האָט איהר געזאָגט? נו־יאָ, פאַרשטעהט זיך, א איד. וויבאַלד אז פיינפינקעלקרויט, איז א איד. ביי אונז זענען אלע צום מיינסטען אידישע דאָקטוירים. חאָטש אפילו א איד, אייגענטליך, האָט ליעב א גוישען דאָקטער; א איד האָט ליעב א גוישען אדוואָקאט, א גוישע קלייט און א גוישען לעהרער... א איד איז די כפרה נאָך א גוי... איז ווי אזוי, האָט איהר געזאָגט, רופט מען איהם, דעם דאָקטער אייעריגן? פייפער?

— ניט פייפער, נאָר פיינפינקעלקרויט... איך דאַרף צו איהם האָבען מכּח עפּיס אנדערש...

— אהא! מכח'ן פּריזיוו מסתמא? איין עצה האָלטען? איך פאַרשטעה שוין!... וואָס? ניין?... צי אפשר גאָר מכח א שידוך? איאָ, איך האָב געטראָפען? הערסט דו! וואָס דען?

אַז ניט היילען זיך, און ניט קיין ווייב, און ניט קיין פריזיור, איז מסתמא א שידוך... אויב אַזוי, דאַרפט איהר אייער... ווי אַזוי הייסט ער דאָרט... אויף טישטשע כפרות. איך וועל אייך אָנ־ווייזען א סך א בעסערען דאָקטער. עס ווענדט זיך, ביי וואָס יענער האַלט? וויפיעל גיט מען?... וואָרום, געוויינטליך, וואָס מעהר פּראַקטיקע, אַלץ מעהר נדן. און אפילו גאָר אָהן פּראַקטיקע, וועט איהר אויך דאַרפען באַצאָהלען, וואָרום היינטיגע צייטען א ליאַדע סטודענטעל, אבי ער איז גאָר אין אוניווערסיטעט, וועט איהר איהם שוין ווינציגער ווי פאַר פינף־זעכס טויזענט קאַרבען ניט קויפען. היינט בפרט א פּאַרטיגער דאָקטער, ער מעג זיין א שמאַטע שבשמאַטע! איהר זאָגט מיר אקוראַט, וואָס מיינט יענער?

— ניין, וויים איך וואָס — ניט דאָס!... איהר האָט גאָר איינגאַנצען א טעות...

— למאי זאָלט איהר וועלען איבערשפּאַרען? איהר הערט וואָס אי ך זאָג אייך. אויב יענער קאָן גוט באַצאָהלען, איז דאָס פאַר איהם אָנגעמאָסטען. דאָס איז שוין איין מאָל א דאָקטער. א פּראָפעסער! ער איז אויף אַלסדינג: אויף בייכער, און אויף נערווען, און אויף צייהן, און אויף קינדער, און אויף אָפּעראַציעס, און ווייבער האַלטען פון איהם גאָר איין עולם ומלואו, וואָרום ער איז טאַקי זעהר א פיינער יונגאַטש, פאַרשטעהט איהר מיך, א הויכער, א „מאושטשינע”! און דערצו איז ער נאָך א ציוניסט אויך, און א פּיסק האָט ער — אש־להבה! אז מע שמועסט א צאַצקע א דאָקטער, איז דאָך ניט שייך!

— ניין! איך זאָג דאָך אייך, אַז איך דאַרף גאָר...

— האַ? אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע דערצעהלט איהר מעשיות? איהר זעהט אָן דאָרט א ווייס מויערל?

— נו? איז דאָרט זיצט פּיינפּינקעלק־ריוט?

— דאָרט זיצט ניט פּיינפּינקעלקרויט, דאָרט זיצט מאיר טאָלאָטשינאָוו'ס. א איד א נגיד. געוועזן אמאָל א קבצן הגדול

הגבור והנורא; אצינד, חוץ זיין שאדען, אויף אונז ביידען געזאגט געווארען. האט ער א טעכטערעל, איז זי מיאוס ווי דער טוידט. נאר אז גאט העלפט, ס'איז דא מיט וואס, פארשמירט מען דאס פנים מיט א צעהן־פופצעהן טויזענט קארבען און מע פארגינט זיך איהר אראפברענגען א חתן א דאקטער אזש פון סאמע קיעוו. דאס הייסט, געענדיגט האט ער אין קיעוו, אליין איז ער גאר איין אומאנער פון אומאן...

— אקעגען וואס דערצעהלט איהר עס מיר?

— אקעגען דעם, וואס איהר פרעגט זיך נאך אויף...

— אויפ'ן דאקטער פיינפינקעלקרויט? דאס פרעג איך ניט, ווייל איך דארף א שידוך טהון מיט א דאקטער, נאר ווייל דער דאקטער פיינפינקעלקרויט איז...

— האט איהר דאך באלד געקאנט זאגען! און איך האב געמיינט, אז דא האנדעלט זיך וועגען א שידוך! הערט זשע אויס, אז ס'איז יא אזוי, גיט אהער דאס אויהער... האב איך א ספעציאליסט — נאר־וואס פון דער נאדעל ארויס... ניט לאנג געעפענט א קאבינעט... ער האט געחאפט עטליכע טויזענט קארבען ירושה, האט ער זיך מיישב געווען און האט דאס גאנצע געלט ארייגעבראקט אין א מאשין, אליין געפאהרען קיין אויסלאנד נאך דער מאשין. קיין פראקטיקע דערווייל האט ער נאך ניט, נאר איך זאל שוין האבען אזא דאגה מיט וואו נעמט מען אויף שבת, ווי איך האב א דאגה מיט זיין פראקטיקע! זארגט זיך ניט, ער וועט האבען די בעסטע פראקטיקע, אט וועט איהר זעהען, ווארום די דאקטוירים, וואס אויף די דאזיגע שלאפקייטען, האבען אלע די שענסטע פראקטיקע! ספעציאליסטען!... זעה־נאר, וואס חאפט איהר זיך אזוי? וואס אנטלויפט איהר? שטעהט א ווײלע! איך האב אייך נאך ניט געקאנטשעט. איך האב נאך א פאר דאקטוירים...

— אבער, אין גאטעס ווילען! לאזט מיך צו־רוה מיט אייערע דאקטוירים! וואס האט איהר זיך אנגעקלעפט? איך דארף ניט

קיין דאָקטער, איך דאַרף ניט קיין פּריזיוו, איך דאַרף ניט קיין שידוך, איך דאַרף ניט קיין ספּעציאַליסט — איך בין ניט מעהר ווי אַ פּריקאַזטשיק. איך דאַרף האָבען צום דאָקטער פיינפינקעלקרויט גאָר מכּח עפּים אַנדערש: סע קומט אונז פון איהם פאַר'ן גאַנצען ווינטער פאַר האָלץ...

— פאַר האָלץ? !... אַלע בייזע וויסטע חלומות! געזעהען אַ ביסעל! דערטאַפּט אַ ווילד־פרעמדען אידען און דרעהט איהם אַ ספּאָדיק: פיינפינקעלקרויט! אפשר האָט יענער קיין צייט ניט? אפשר לויפט גאָר יענער זוכען, וואו פאַרדיענט מען אַ קערבעל — ס'איז ערב שבת? איך האָב אָבער באַלד דערקענט, הערט איהר, אַז איהר דאַרפט זיין אַ איד פון האָלץ, גאָט זאָל מיך אַזוי באַגליקען אויף דער עלטער! אָט די הילצערנע אידען — טפו!...

מיסטער גרין
האָט א דושאָב

דערצעהלט פון איהם אַליין, און איבערגעגעבען מיט זיין לשון

געשריבען אין יאָהר 1915

מיסטער גרין האָט אַ דזשאָב

— האַו דו יו דו, מיסטער שלום־עליכם! איך ווייס ניט, אויב איהר קענט מיך?... איך קעהר מיך אָן מיט אייך שטיקלעך אייגענע, שני־שבשלישים... דאָס הייסט, ניט מיט אייך, נאָר מיט אייער טביה דעם מילכיגען און מיט זיין קרוב מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ... אהא! איאָ, ס׳איז אייך אינטערעסאַנט? איהר האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט? — שטעהט זשע טאַקי אַ ווײַלעטשקע אָט דאָ מיט מיר אויפ׳ן סיידוואָק, וועלען מיר אַ ביסעל שמועסען פון דעם אַמעריטשקע, וואָס פאַר אַ גאָלדענע מדינה דאָס איז. און גיט אַזוי פון אַמעריקע, ווי פון איהרע ביזנעס, ווי מע ווערט אויסגעריסען אין עושר און אין כבוד, ביז גאָט שיקט צו דעם רעכטען דזשאָב, און אַז גאָט העלפּט, אַז מע שלאָגט זיך ארויף אויף דעם רעכטען דזשאָב, איז דאָ אַ האָפענונג, מע זאָל מיט דער צייט זיך ארויפאַרבייטען, ווערען נוט־אָפּ, אויסוואַכסען אַ דזשייקאָב שיף, אַ נייטען שטראַוס, אָדער חאָטש אַ העררי פישעל — מיט איינעם וואָרט: זיין אָללרייט... איך קאָן אויף זיך נאָך לעת־עתה ניט זאָגען, אַז איך בין אָללרייט, נאָר אַ דזשאָב, געלויבט דער אויבערשטער, האָב איך שוין, און דער גאַנצער אַנטיק פונ׳ם דאָזיגען דזשאָב איז, וואָס איך בין עס אַליין דערגאַנגען, אַליין מיט מיין אייגענעם שכל... נאָר איך זעה, אַז איהר ווילט וויסען, איהר געהט אויס — ווער איז דער פאַרשוין, וואָס רעדט צו אייך? אַז איך וועל איך זאָגען, צו דאָס רעדט מיסטער גרין, וועט איהר זיך

טראכטען: גרין? געל? בלוי? — ס'איז אזוי גוט ווי גאר־
נישט... דא היים איך גרין, דארט האב איך געהייסען גרינבערג.
פון וואנען? פון אדעס? — פון אדעס... פון יעהופעץ? — פון
יעהופעץ... פון כתרילעווקע, פון טעפליק, שפאלע, אומאן, באר־
דיטשעוו — בקיצור, פון יענע מקומות... און געהאנדעלט האט
מען, ווי אלע אידען האנדלען. גערדעהט, געמעקלערט, ביז ס'איז
געקומען דאס גוטע שטיקעל צייט און מען איז ארויסגעטריבען
געווארען און מען איז מגולגל געווארען אהערצוצו, אין קאלומבוס'עס
מדינה. און מע האט אזוי לאנג געגעסען, ביז מע האט אויפגעגעסען
פון זיך דאס לעצטע שטיקעל העמד, האט מען אנגעהויבען פאר־
שווארצט ווערען גאר אויף איין אנדער אופן און מע האט געטהון
כל עבודת־פרך — ס'איז נישט געגאנגען! ביז ס'איז געקומען
ראש־חודש אלול. און אז ס'איז געקומען ראש־חודש אלול, האב
איך דערזעהן אין די פייפערס, ווי מע אדווערטייזט חזנים, שוהלען,
מנינים. אין די סטארס, האב איך דערזעהן, שטעלט מען ארויס
סידורים, מחזורים, שופרות, טליתים, און דער עולם, האב איך
דערזעהן, הויבט־אן צו־שמייכלען זיך צום רבונו־של־עולם, חנפה'נען
גאט צוליעב ביזנעס — האב איך מיך מיישב געווען און זאג איך
זיך אליין: „מיסטער גרין! ביז וואנען וועסט דו זיין א גרינער?
טהו אויך א לעק פונ'ם ראש־חודש אלול און פון די עשרת ימי־
תשובה!"... נאר ס'איז גרינג צו זאגען טהון א לעק, אז סע לאזט
זיך... צו וואס קאן איך מיך נעמען? זיך שטעלען פאר א חזן? —
בין איך קיינמאל ניט געווען קיין שוסטער... פאר א שוחט? —
מיין טאטע איז קיינמאל ניט געווען קיין בעל־עגלה... קיין רעוורענד
וועל איך דאך אודאי ניט זיין, ווארום איך קען עברי און טייטש
פירוש־המלות... סיידען א בוטשער אויף סטריקטלי כשר? —
האב איך אין דער היים נישט געהאנדעלט מיט גנבה'טע פערד...
פארטיעפט, ווי אייער טביה זאגט, אין די דאזיגע חשבות און
געדאנקען, בין איך אריין אין א מקום קדוש... ראש־חודש אלול,
דער עולם דאווענט, מע זאגט „לדוד אורי"... יע האט אפגע־

דאונטאון, רופט זיך אן איינער: „און ווער וועט אונז געבען א בלאז?" רוף איך מיך אן: „א בלאז? לאזט מיך"... וועט איהר פרעגען, ווי קומט צו מיר א בלאז? איז די מעשה אזוי. קיין בעל־תוקע בין איך אין דער היים טאקי ניט געווען. מיין טאטע אויך ניט. מיין טאטענ'ס טאטע אויך ניט. נאר יונגלעך שקצים, אז ס'איז געקומען ראש־חודש אלול און מע האט דערטאפט א שופר, האט מען מעשה ספארט געבלאזען און געבלאזען אזוי לאנג, ביז דער שמש האט אונז אפגעגאסען מיט וואסער און ארויס־געטריבען פון שוהל. — בקיצור, איך קען די מלאכה, און ווי זאגט איהר: אז מע שמועסט, אז ער יכול'ט, איז דאך ניט שייך... וואס טויג אייך, איך האב געגעבען א נעם דעם שופר אין האנט און האב זיי געגעבען א בלאז „תקיעה־שברים־תרועה", און אויסגעלאזט האב איך זיי מיט א „תקיעה גדולה" בלא גוזמא פון דאנען ביז ברוקלין־ברידזש! דערהערט אזא בלאז, רופען זיי זיך אן צו מיר: „פון וואנען איז א יונגערמאן?" זאג איך: „וואס איז די נפקא־מינה?" זאגען זיי: „טאמער וואלט איהר זיך באשטעלט ביי אונז פאר א בלאזער אויף ימים נוראים? אונזער בעל־תוקע איז געשטארבען". „איך זאל קאנען, זאג איך, מאכען דערפון א לעבען, איז מהכתיתי"... „מאכען א לעבען פון בלאזען אליין, זאגען זיי, איז שווערליך. סיידען איהר זאלט דערצו נאך עפיס טהון"... „דהיינו, זאג איך, וואס נאך זאל איך טהון? זיין דערצו א דרייווער? א גאבעטשמען, אדער א סטריט־קלינער?" זאגען זיי: „וויבאלד איהר זענט א בלאזער, א בעל־תוקע הייסט עס, קאן מען פון אייך אזעלכע גראבע ארבייט ניט פארלאנגען. דאס איינציגע, זאגען זיי, וואס מיר קאנען אייך געבען, איז נאר א טשענס, איהר זאלט קאנען, זאגען זיי, בלאזען נאך אין א שוהל"... איז דאס מיר ארייין אין נאז אריין און איך טראכט מיר: אז איך האב א טשענס צו בלאזען נאך אין א שוהל, קאן איך דאך האבען א טשענס צו בלאזען נאך אין צוויי שוהלען. און פאר וואס ניט אין דריי שוהלען?... און איך בין אוועק דאונטאון פון איין שוהל

אין דער אנדרער, פון איין מנין אינ'ם אנדרען, אומעטום געמאכט פראָבעס, באַוויזען מיין קונסט אין תקיעה־שברים־תרועה, געהאט דעם גרעסטען סוקסעס, וואָרום איך, אז איך בלאָז, לויפט מען זיך צונויף פון אלע שוהלען. מיך האָבען געהערט בלאָזען דזשאַדזשעס, קאָנגרעסמענס, אסעמבלימענס, און אלע האָבען געזאָגט: וואָנדערפול! איהר קאָנט פארשטעהן, אז דעם ערשטען יאָהר האָב איך געהאט נאָר איין שוהל מיט צוויי מנינים. דאָס צווייטע יאָהר — דריי שוהלען מיט פינף מנינים. היינטיגס יאָהר שניידט זיך מיר, אז דער אויבערשטער וועט וועלען, ביז א דאָזען מנינים, און איך וועל קאָנען מאכען א שענע פאָר טאָלער. אי, ווי אזוי קאָן איין מענטש אטענדען צו אזוי פיעל ביזנעס? — דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען; ס'איז אמעריקע, און אין דעם לאַנד העלפט מען זיך שוין אוים. אין איין אָרט איז ביי מיר די תקיעות פריהער, אינ'ם אנדרען אָרט א ביסעל שפעטער, אינ'ם דריטען נאָך שפעטער. איך טריי מיין בעסט, אז דאָס פובליקום זאָל זיין סאטיספייט, ביקאָז אז טאָמער לאָז איך דורך די צייט, פארליר איך דאָך מיין דזשאָב מיט מיין רעפוטיישאָן. איהר וואונדערט זיך, מיסטער שלום־עליכם, וואָס איך יוז מעהר איינגעלישע ווערטער ווי אידישע? — דאָס איז איבער די קינדער. זיי זענען שוין ביי מיר אמת'ע אמעריקאנער און ווילען שוין ניט רעדען קיין וואָרט אידיש! איהר זאָלט אָנקוקען מיינע באָיעס, וועט איהר אין לעבען נישט זאָגען, אז דאָס זענען אידישע קינדער. און מיך אליין, אז איהר וועט באַגעגענען נאָך ימים נוראים, וועט איהר מיך אויך ניט דערקענען. ביי מיר, אז עס קומט א קורצע צייט פאַר ראש־חודש אלול, וואַרף איך אראָפ מיין סוט, פארלאָז מיר א באָרד, באַקום א „היימיש" אויסזעהן, און ווי נאָר עס געהען אוועק די ימים נוראים, נעם איך א שייוו, טהו אָן מיין העט און ווער מיר צוריק א דזשענטעלמען — וואָס טהוט מען ניט אין אמעריקע צוליעב ביזנעס?... איך זעה אין אייך, מיסטער, איהר האָט חשק מיך צו באשרייבען אין פייפער, איהר האָט שוין ארויסגענומען דאָס ביכעלע אפילו, —

נעווערמיין, געזונטערהייט! איכ'ל אייך נאָך זאָגען אַ דאַנק. ווארום פאר מיר וועט דאָס זיין איין אדווערטייזמענט... פאר־פעהרט, איכ'ל אייך נאָך בעטען, איהר זאָלט ארויסשטעלען מיין אדרעס: מ י ס ט ע ר ג ר י ן, ט ש ע ר ר י ס ט ר י ט, נ י ו י אָ ר ק ס י ט י, פליעז... איך האָב, מיר'ן זיך נאָך אמאָל באַגעגענען אפטאָן. דערוויילע זייט מיר גוד באַי!

א מעשה מיט
א גרינהאָרן

מיסטער באַראַבאַן, ביזנעס־בראָקער, דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט
אָנגעלעהרענט אַ גרינהאָרן, וואָס האָט געהייראַט צוליב ביזנעס.
איבערדערצעהלט מיט זיין לשון

געשריבען אין יאָהר 1916

אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן

— איהר זאָגט: אמעריקע איז אַ לאַנד פון ביזנעס — געוועהרמיינד. עס דאַרף אַזוי צו זיין. נאָר אפּטעראָל געהן הייראַטען און פארקויפען זיך צוליעב ביזנעס — דאָס איז שוין, עקסקיוז מי, אַ חזיר'יי. איך פרעדיג ניט קיין מאָראַל, נאָר איך זאָג אייך, ס'אַ פעקט, אַז ניינען און ניינציג פּראָצענט גרינהאָרנס הייראַטען ביי אונז צוליעב ביזנעס — פאַרדריסט דאָס מיך, און אַז איך דערטאַפּ אַזאַ גרינהאָרן, וועט ער שוין פון מיר טרוקען נישט אַרויס. ליוו איט טו מי, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענס!

זיץ איך מיר איינמאָל אין מיין אָפיס און מייל די פּאָסט, קומט אַריין צו מיר אַ גרינהאָרן, נאָך גאָר אַ באָי. און מיט איהם אַ ווייבעלע — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — בלוט און מילך. שען ווי דער טאָג און פריש ווי איין עפּעלע, נאָר־וואָס פונ'ם בוים. אַריינגעקומען, רופט ער זיך אָן צו מיר: „האַו דו יו דו! זענט איהר דאָס מיסטער באַראַבאַן דער ביזנעס־בראָקער?" „סידאַן! וואָס'ט איהר זאָגען גוטס?" עפענט ער מיר אויף זיין האַרץ און דערצעהלט מיר אַ גאַנצע געשיכטע, סאָ ענד סאָ, אַזוי ווי ער איז אַ באָי ערשט צעהן יאָהר אין לאַנד, אַ ני־פּענטס־מייקער ביי טרייד, און אין איהם האָט זיך פאַרליעבט אָט דאָס ווייבעלע, געווען אַ מיידעל איין אַרבייטאָרין, וואָס פאַרמאָגט טויזענט דאָלער אין קעש, האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט און זוכט אַ ביזנעס, זיי זאָלען קאָנען מאַכען אַ לעבען און פאַרשפּאָרען אַרבייטען אין שאַפּ, וואָרום

ער האָט, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ רעמאַטיז, ביי איהם בלייבּ עס, און אַזוי ווייטער. קוק איך אויפ'ן ווייבּעלע און זאָג צו איהם: „אין וואָס פאַר אַ ביזנעס וואָלט איהר געגאַנגען?" ענטפערט ער מיר: „ער וואָלט געעפענט אַ סטיישיאָנערי". און ער גיט מיר צו פאַרשטעהן, אַז אין אַ סטיישיאָנערי וואָלט „זי" איהם אויך געקאָנט קומען צו הילף. איהר פאַרשטעהט אַ גרינהאָרן? ניט גענוג ער האָט דערטאַפּט אַ פּרי, איין אתרוג'על אויף צו מאַכען שהחיינו, און ניט גענוג זי ברענגט איהם טויזענט דאָלער אין קעש, איז ער נאָך אַ בעלן, זי זאָל איהם אַרבּייטען און ער וועט זיך זיצען מיט זיינע חברים, שפּיעלען אין פּינאַקעל און אַזוי ווייטער — איך קען מיינע לייט! טראַכט איך מיר: אַ מכּה וועסט דו ביי מיר האָבּען אַ סטיישיאָנערי! איך קאָן באַשטעהן, דו זאָלסט ביי מיר ליגען, ווי אַ הונט, אין אַ לאָנדרי. וועסט ביי מיר ווערען אַ לאָנדרי־מען! וואָס איז מיר עפּיס איינגעפאַלען אַ לאָנדרי? ווייל איך האָב גראָד געהאַט אויף דער האַנט אַ לאָנדרי צו פאַרקויפען. און איך רוף מיך אָן צו מיין גרינהאָרן: „צו וואָס טויג דיר, זאָג איך, זיך באַדערען מיט אַ סטיישיאָנערי־סטאָר אַכצעהן שטונדען אין מעת־לעת, אַרויסקוקען, טאָמער וועט דורכלויפען אַ סקוהל־באָי און חאַפּען קענדי פאַר אַ פּעני און אַזוי ווייטער? אַמעהר, ליוו איט טו מי — איכ'ל דיר געבּען אַ שענערע ביזנעס, אַ לאָנדרי אין די בראָנקס, וועסט דו אַרבּייטען רעגעלע שטונדען און לעבען, ווי אַ קייסער! און איך נעם אַ פּענסיל און טהו איהם אַ רעכען־אויס, אַז נאָך אַלע עקספּענסעס — רענט און שווירטאַיירענער און פעמילי־איירענער און דעליווערי־באָי און לאָנדרי־ביל און אַזוי ווייטער, בלייבּט איהם איבּער ריינע עטליכע און דרייסיג דאָלער אַ וואָך — דאַרף מען בעסער? „וואָס וועט דאָס קאָסטען?" זאָג איך: „טויזענט דאָלער איז דאָס אַ באַרגיין, נאָר ליוו איט טו מי — איכ'ל עס אייך מאַכען פאַר אַכט הונדערט. איהר'ט, זאָג איך, דאַרפען נאָר אָפּצאָהלען די פּאָר דאָלער, פאַרבּינדען די אויגען, נעמען די שליסעל — און איהר זענט אָללרייט. דערווייל, זאָג איך,

געהט געזונט און קומט צו מיר אין דריי טעג אַרום, ווייל איצט האָב איך קיין צייט ניט — און גוד־באַי!״

און אליין בין איך אַוועק צו מיין לאַנדרימען און געב איהם אַ מזל־טוב: גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ העכט, אַ גרינהאָרן, און אַז ער האָט איצט אַ טשענס, אויב ער איז אַ מענטש, פּטור צו ווערען פון דער לאַנדרי אין גלייכען געלט, זאָל ער וויסען וואָס ער האָט צו טהון, און אַזוי ווייטער... האָט דער גנב פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין, און זאָגט צו מיר: „ברענגט איהם נאָר, דעם העכט, וועט שוין זיין אָללרייט״... אין דריי טאָג אַרום — מיין גרינהאָרן איז דאָ, געבראַכט אַ דעפּאָזיט, אַוועקגעשטעלט זיך מיט׳ן ווייבעלע אויף אַ וואָך טרייען, ווי דער שטייגער איז, און מיין לאַנדרימען האָט שוין מסתּמא געזעהען, אַז די וואָך פון טרייען זאָל זיין אָללרייט, און נאָך מיט אַ שמיצעל אויף יענער זייט אָלל־רייט — און מע האָט געסעטעלט די ביזנעס. דער גרינהאָרן האָט אָפּגעצעהלט די פּאָר דאָלער, דער לאַנדרימען האָט איהם איבער־געגעבען די ביכער מיט די שליסעל, איך האָב אָפּגענומען מיין רח״ש דוקא פון ביידע צדדים, און אַזוי ווייטער — מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער ווייסט וואָס ער האָט צו טהון — און, ווי זאָגט איהר, פּיניטא לאַ קאָמעדיאַ. איאָ? אַזוי זאָגט איהר. ביי מיר הויבט זיך די קאָמעדיע ערשט אָן. וואָרום אַז ס׳איז אַלסדינג שוין געווען פאַרטיג אַרום און אַרום, האָט זיך ערשט צעברענט אין מיר אַ פייער אויף דעם גרינהאָרן, פּאַר וואָס קומט איהם, דעם ממזר, איין אָפּגעשיילט אייעלע גלייך אין מויל אריין, אַזאַ ווייבעלע, טויזענט דאָלער אין קעש און אַ פּאַרטיגע ביזנעס אָהן קאָפּוועהטיג? מע דאַרף ביי איהם די לאַנדרי אָפּהאַנדלען פּאַר האַלב געלט און אַוועקגעבען זי צוריק צום פריהערדיגען לאַנדרימען. ווי אַזוי? דערויף בין איך דאָך מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער, ביי מיר

איז גישטאָ אַ זאַך, וואָס איך זאָל ניט קאָנען דורכפיהרען! בין איך אוועק אַקוראַט אַקעגען דער לאָנדרי אויפ'ן קאָרנער פון דער צווייטער סטריט און האָב אָפּגעדונגען ביי'ם איידזשענט אַ רומקע, אַריינגעפּידעלט איהם אַ צעהן־דאָלער־ביל אין אויפגאָב און האָב אויסגעהאַנגען אַ סיין אויף דער ווינדע:

„אָ ט ד אָ ע פּ ע נ ט ז י ך אַ ל אָ נ ד ר י".

אוודאי געהט ניט אוועק קיין טאָג צייט — מיין גרינהאָרן איז דאָ מיט אַ צעווישעטען קאָפּ: סטיימש! ער איז אַ געקוילעטער! „וואָט איז די טראָבעל?" דערצעהלט ער מיר פונ'ם אומגליק, עפּיס אַ שוואַרץ יאָהר האָט אָפּגעדונגען אַקוראַט אַקעגען איהם אַ סטאָר און עפּענט אַ לאָנדרי! „וואָס זשע ווילסט דו, גרינהאָרן?" וויל ער, איך זאָל איהם געפינען אַ קונה אויף דער לאָנדרי, וועט ער מיך באַדאַנקען אויפ'ן שענסטען אַרט און וועט אייביג גאָט בעטען פאַר מיר, און אַזוי ווייטער. באַרוהיג איך איהם און זאָג איהם, אַז ניט אַזוי גרינג געפינט מען אַ קונה. נאָר ער זאָל זיך פאַרלאָזען אויף מיר, איכ'ל טרייען מיין בעסט. דערווייל זאָל ער געהן אהיים און קומען אין דריי טעג אַרום, מחמת איך בין פאַרוואָרפען מיט ביזנעס, און אַזוי ווייטער — און גוד באַי!

און אליין האָב איך געשיקט רופען מיין אַלטען לאָנדרימען און דערצעהל איהם סאָ ענד סאָ: אַצינד האָסט דו אַ טשענס אוועקצו'קניח'ן צוריק ביי'ם גרינהאָרן דיין לאָנדרי פאַר האַלב געלט. זאָגט ער: „ווי אַזוי וועט איהר עס מאַכען?" זאָג איך: „וואָס געהט'ס אייך אָן? ליוו איט טו מי — דערויף בין איך דאָך עפּיס מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־פּראַקער". זאָגט ער: „אָלל־רייט". זאָג איך: „וועל איך האָבען דערפאַר מיין קאָמישען?" זאָגט ער: „אָללרייט". זאָג איך: „איך מוז האָבען דערפאַר אַ הונדערטער". זאָגט ער: „אָללרייט". און אַזוי ווייטער. דער־

ווייל זענען איבערגעלאָפען די דריי טעג — מיין גרינהאָרן איז דאָ מיט'ן ווייבעלע. דאָס ווייבעלע האָט זיך א ביסעל אויסגעפלייכט, נאָר זי איז נאָך אלץ שען, ווי די זון. „וואָס הערט זיך?" „וואָס זאָל זיך הערען, זאָג איך, איהר דאַרפט, זאָג איך, דאַנקען גאָט, איך האָב קוים־קוים געפונען א בעלן אויף אייער לאַנדרי. נאָר וואָס דען? איהר'ט מוזען, זאָג איך, פאַרלירען געלט". „ווי־פיעל?" „פרעגט ניט, זאָג איך, וויפיעל איהר פאַרלירט, פרעגט וויפיעל איהר געווינט. וואָרום וויפיעל, זאָג איך, איהר זאָלט ניט נעמען, איז דאָס ווי געפונען. איהר שפּיעלט זיך, זאָג איך, מיט אמעריקאַנער קאָנקורענטען? זיי קאָנען אייך, זאָג איך, ארייג־טרייבען אין אזעלכע עקספּענסעס, אז איהר זאָלט דאַרפען, זאָג איך, אויפהאַפּען זיך אין מיטען ביינאַכט און אנטלויפען אין איין העמד!"... וואָס טויג אייך, איך האָב אויף זיי אנגעוואָרפען אזא שרעק, אז זיי האָבען אָפּגענומען האַלב וויפיעל זיי האָבען אריינ־געלעגט און האָבען נאָך אָפּגעצאָהלט מיר רח"ש אויך, וואָרום איך בין דאָך ניט מחויב זיך באַדערען אומזיסט, און — אויס לאַנדרי!... נאָר האָט צייט, איהר זענט נאָך ניט פאַרטיג. אויב איהר האַלט קאָפּ, דאַרפט איהר געדענקען, אז איך האָב געהאַט אריינגעצימבעלט צעהן דאָלער אויף אָפּגאָב דעם איידזשענט פאַר א סטאָר און אויסגעהאַנגען א סיין אויף א לאַנדרי. פרעגט זיך א קשיא: למאי זאָל איך לאָזען צעהן דאָלער גלאַט אויפ'ן ווינט, מיר ניט, דיר ניט? ביי מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער איז דען גנבה'ש געלט, צי וואָס? איז איין מאָל אוועק. צווייטענס, ברענט מיך נאָך אלץ אויף דעם גרינהאָרן און עס פאָרקעט מיך: דער ממזר האָט נאָך עטליכע הונדערט דאָלער אין פאַקעט און א ווייבעלע ביי דער זייט — גיון־גאָלד! פאַר וואָס קומט דאָס איהם? מיסטער באַראַבאַן, דער גרעסטער ביזנעס־בראָקער פון דער איסט־סייד, באַדאַרף האָבען א ווייב, עקסקיוז מי, א פּאַרזעהעניש און נאָך א קסאַנטיפּע דערצו, און דער גרינהאָרן — דאַרף איהם גאָט צו־שיקען אזא צאַצקע, יו נאָו, א מזוזה'לע — אויסקרענקען זאָל ער

עס! פויל איך זיך ניט און שרייב איהם אוועק א פּאָסטעלקאַרד, ער זאָל קומען צו מיר אויף איין אַפּאָינטמענט אין דער און דער שעה, איך האָב צו איהם א ביזנעס. לאָזט ער זיך ניט בעטען און קומט צו געהן אין דער אָפּגעשטעלטער צייט, און דוקא מיט איהר, מיט'ן ווייבעלע. באַזעץ איך זיי, מיינע ליעבע געסט, און דער־צעהל זיי א מעשה, סאָ ענד סאָ: „איהר קענט ניט די אמעריקאַנער בלאָפערס! איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר א טריק דער גנב, דער אַלטער לאָנדרימען, האָט אייך אָפּגעטהאָן — אַזש די האָר שטעלען זיך קאַפּויר!"... „דהיינו?" „דהיינו, זאָג איך, דאָס האָט ער, זאָג איך, אָפּגעדונגען די סטאָר אַקעגען אייך און האָט אויסגעהאַנגען א סיין אויף א לאָנדרי, בכדי, זאָג איך, איהר זאָלט זיך דערשרעקען און איהם אָפּטרעטען פאַר האַלב געלט צוריק זיין לאָנדרי". דער־הערט אַזאַ מעשה, האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק גענומען איבערקוקען, געוואָרען אָנגעצונדען, און איבערהויפּט דאָס ווייבעלע. די אויגען האָבען איהר געברענט, ווי צוויי קויהל פייער. „ס'איז א יושר, זאָג איך, איהר זאָלט זיך מיט איהם אָפּרעכענען, מיט'ן גנב, ער זאָל אייך האָבען צו געדענקען!" „מיט וואָס קאָנען מיר זיך מיט איהם רעכענען?" „ליוו איט טו מי, זאָג איך, איכ'ל איהם שוין צו־רעכט מאַכען, דעם פויגעל, אַז ער וועט ביי מיר, זאָג איך, קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן, און אייך, זאָג איך, וועט דערפון ארויסקומען א טובה; איהר'ט, זאָג איך, האָבען א ביזנעס נאָך בעסער, ווי פריהער!" קוקען זיי אויף מיר, ווי די טויבעלעך, ווי איינער רעדט: פון אייער מויל אין גאָט'ס אויהערען, און לאַנג לעבען זאָלט איהר, און אַזוי ווייטער! און איך נעם און לעג זיי פאָר א פּלאַן: דאַרפען זיי קויפען פרעמדע ביזנעס און צאָהלען יענעם פאַר דער פירמע אין טאָג אריין? אמעהר, געה איך שוין צום אייגענעם לענדלאָרד און דינג זיי אָפּ די סטאָרקע, וואָס דער גנב האָט געוואָלט דינגען, און איך פּיקס זיי איין פאַר אַזעלכע דריי־פיער הונדערט דאָלער א לאָנדרי אקוראַט אַקעגען זיין לאָנדרי און שטעל זיך אוועק מיט איהם קאָנקורירען, וויפיעל ער נעמט, נעם

איך בילינער, און איך מאך איהם אין דריי װאכען צייט צו מופען — זאל מיין נאמען ניט הייסען בארא באן! װאס טויג אייך, איך האב זיי אזוי צעשרויפט, אז דער גרינהארן איז מיר שיער גיט ארויפ־געפאלען קושען, און דאס שענע װייבעלע זיינס האט זיך צערוימעלט און איז געװארען נאך שענער, װי געװען. און דעם זעלבען טאג נאך האב איך געדענט פון זייערטװעגען די סטארקע, און ס'איז גיך פארטיג געװארען ביי מיר א נייע לאנדרי מיט א סיין און מיט טישען און מיט האק און פאק, און מיין פאר פאלק האט זיך גע־נומען צו דער ארבייט, און ס'איז אװעק צװישען זיי און צװישען אלטען לאנדרימען א פלאמפייעריגע קאנקורענציע. מע האט זיך געשמיסען מיט די פרייזען, װי װייט מע האט געקאנט. האט יענער געשטעלט פיער און צװאנציג סענט א דאזען פלעט, האבען זיי געשטעלט אכצעהן, און נאך צוגעגעבען א „ספרעד" אומזיסט. האט יענער ארונטערגעלאזט אויף אכט סענט העמדער, האבען זיי אראפגעשמיסען אויף א פעני און א האלב קאללערס, האט יענער שוין געמוזט אראפשמייסען אויף א פעני, און אזוי װייטער. דער שפיץ איז — מע האט זיך אזוי לאנג געשמיסען, ביז דער גרינהארן האט זיך אפגעשאקעלט פון די פאר דאלער און געבליבען אהן א פעני, נישט געהאט מיט װאס צו צאהלען רענט. האט ער צוגעמאכט די לאנדרי, ארוים בשן ועין, װי שטעהט אין פסוק: ב ש ק א פ ע י ב ו א, ב ש ק א פ ע י צ א. און איצט רוהט ער זיך ביי מיר אפ אין לודלאו־סטריט־דזשייל — דאס האב איך אויסגעזוכט פאר זיין װייבעלע א לאיער, װאס מאנט ביי איהם פון איהרטװעגען דריי זאכען: 1) איהר געלט, די טויזענט דאלער נדן; 2) א גט; און 3) ביז זי װעט אמאל באקומען פון איהם דעם גט, זאל ער זי סופארטען לויט די געזעצען פון לאנד — א רוח אין זיין טאטענ'ס טאטען אריין, דעם גרינהארן!...

די פאַרענגלישטע ווערטער אין די לעצטע צוויי מאָנאַלאָגען.

אַדווערטייזמענט — רעקלאַמע. אַטענדען צו ביזנעס — טהון געשעפטען. איידזשענט — אַגענט. איך טריי מיין בעסט — איך טהו אַלץ וואָס מעגליך. איסט־סייד — מזרח ניו־יאָרק (דאָס אידישע געטאָ). איינפיקסען — איינ־ריכטען. אָל־ראַיט — זעהר וואויל. אַפּאָינטמענט — אַ באַגעגעניש. אַפּטאַון — דער הויכער טייל פון ניו־אָרק. אַפּסטראַל — נאָך אַלעמען.

באַדערען — דולען אַ קאָפּ. באָיעס — יונגלעך. באַרגיין — אַ מציאה. בוטשער — קצב. ביזנעס — געשעפט. ביזנעס־בראָקער — מעקלער. ביקאָז — וואָרום. בלאָפערס — ליגנערס. ברוקלין־ברידזש — די בריק, וואָס פאַראייניגט ברוקלין מיט ניו־יאָרק. בראָנקס — אַ געגענד אין ניו־יאָרק.

גאָבעטשמען — מיסט־מאַן. גוד באַי — אַ גוטען טאָג. גוט־אַפּ — פאַר־מענליך. געסעטעלט די ביזנעס — אָפּגעמאַכט דאָס געשעפט. גרינהאָרן — אַ פרעמדער, אַ ניט־געניטער אין אַמעריקאַנער לעבען.

דאַונטאַון — דער נידעריגער טייל פון ניו־יאָרק. דאָזען — אַ טוץ. דזשאָב — באַשעפטיגונג. דזשאַדזשעס — ריכטער. דעליווערי־באָי — שיק־יונגעל. דעפּאָזיט — אַדערויף. דרייווער — פערד־שמייסער.

האָו־דו־יו־דו — וואָס מאַכט איהר? העט — הוט.

וואָט איז די טראָבעל — וואָס איז געשעהען? וואָנדערפול — וואונ־דערבאַר. ווינדע — פענסטער.

טרייד — אַרבייט. טרייען — פּרובען. טריק — אַ שפּיצעל. טשענס — אַ שאַנס, אַ מעגליכקייט.

יו נאָו — פאַרשטעהט איהר מיך. יוז — באַנוצען.

לאַנדרי — וועשעריי. לאַנדרי־ביל — וועשעריי־הוצאות. לאַנדרימען — וועשער. לודלאָו־סטריט־דזשייל — אַ געפענגעניש אין ניו־יאָרק אויף לודלאָו־גאַס. ליוו איט טו מי — לאָזט דאָס איבער צו מיר.

מופען — זיך איבערקלויבען. מייל דרי פּאָסט — שיק אַרויס בריעף.

עס איז שטרענג פארבאָטן צו קויפן און פאַר־
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1921 by Olga Rabinowitz (Sholem-Aleichem), New York

צוליב דעם פאַרלאַנג, פון שלום־עליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

Szolem-Alejchem. T. XXI. „M o n o l o g e n".
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie" B. KLECKINA.

אלע ווערק פון שלום עליכם

איינאונצוואַנציגסטער באַנד

מאָנאָלאָגען

ווילנע—ווארשע 1926
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין